STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02471

BER YODLER

Menuha Ram

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מנוחה ראַם־וואַלדמאַן

בער יאָדלער

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער מיטהילף
פון „הילפספאָנד פאַר יידיש־שאַפונג ביים „ישראל־בוך"
און בייגעשטייערט: שמחה שלעסער און פרוי

מנוחה ראַם־וואַלדמאַן

בער יאָדלער

ראָמאַן

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
הילפספאַנד פאַר ייִדיש־שאַפונג
תל־אביב, תש"ן — 1990

מנוחה ראַם־וואַלדמאַן / בער יאָדלער / ראָמאַן

מנוחה ראַם־וואַלדמאַן / בר יודלר / רומן

MENUHA RAM-WALDMAN — BER YODLER

Roman

הילע געצייכנט: משה באַהעלפער

© כל הזכויות שמורות

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
הילפסקאַנד פאַר ייִדיש־שאַפונג אין ישׂראל
רחוב איתמר בן־אבי 4, תל־אביב, ת.ד. 1777

Israel Publishing House
4, Itamar Ben Avi St. Tel-Aviv, P.O.B. 1777

נדפס בישראל תש"ן
Printed in Israel, 1990

דפוס „שמגר 1986", ת"א, טל. 828704

פאַר דיר טײַערער וואַלדמאַן
צו דײַן ווערן אַ בן שמונים

ערשטער טייל :

די משפחה יאָדלער

1

בלומע האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך דעם אומעט פון די שיטער־באַוואַקסענע קאָרן־פעלדער. קוקט ער אַרויס פון אירע בלויע אויגן. האַלט זיך אין זיי, ווי אין הימל איבערן קאָרן־פעלד.

זינט די מאַמע איז געשטאָרבן, האָט זיך בלומע שטאַרק געענדערט. רײַפער געוואָרן. איצטער זעט מען זי אָפט אין יאַדלע מיטן טאַטן. וויל אים העלפן אין פעלד. ביז נישט לאַנג צוריק האָט זי געלערנט צוזאַמען מיט דניאלן אין שטאָט. געוווינט אין זייער שטוב.

מיט דער צײַט האָט מען אין דאָרף אָנגעהויבן קוקן אויף איר ווי אויף אַ „פאַניענקע״. זיצט זי אין די אָוונטן אײנע אַליין אויפן גאַנעק.

פריילעכע, צעשטיפטע שפּאַצירן די מיידלעך און יונגען מיטן וועג. שורה נאָך שורה שפּאַנען זיי געאָרעמט איבער דער גאַנצער ברייט פון טראַקט, און ווערן פאַרפאַלן הינטער די ניס־ביימלעך. אויך פון דאָרטן דערגייען צו איר זייער לאַכן און רעשן.

די היימיש־פאַרבענקטע לידער, אין שטילע פאַרנאַכטן, לעבן אויף אין בלומען די זוניקע טעג פון איר קינדהייט. דאָ אין דאָרף, צווישן סאַזשלקע און וואַלד זענען זיי אָפּגעפלאָסן.

זיצט זי אויפן גאַנעק און קוקט אַריבער צום פּליין, ווו מען קאָסיעט היי. אויף דעם גרינעם גאַנעק, האָט זי זיך מיטגעפרייט מיט אַלע שימחות אין דאָרף און אין דער גאַנצער געגנט אַרום. ווי נאָר זי האָט דערהערט ערגעץ ווײַט שפּילן מוזיק, האָט זי געוווּסט אַז דאָס פּאָרט אַ חתונה.

די מוזיק האָט זיך דערנענטערט. עס האָבן פאַרבײַגעאײַלט פורלעך. די פערד פאַרפּוצטע מיט פּאַפּירענע לענטעס. אין די כאָמוטן אָנגעשטעלט פיל בלומען. אַלע געזעסן אין די וועגענער

פאַרשפּרייט מיט נײַע, אַליין־געוועבטע רעדניעס. אין ערשטן וואָגן איז געזעסן דער האַרמאָניסט. הינטער אים — די כּלה, אירע מחותּנים. דער חתן מיט זײַן משפּחה. שוין שיכּור האָט מען געיאָגט מיט געזאַנג צו דער צערקווע. אַלע זונטיק, יעדער חגא האָט זיך עס איבערגעחזרט.

קוים האָט זיך צעקלונגען דער גלאָק אין צערקווע בעת וואָכע־דיקע טעג, איז זי אַ באָרוועסע פאַרבײַגעלאָפן מאַנילעס גאָרטן. זי האָט גלײַך פאַרשטאַנען, אַז דאָס פירט מען עמעצן אָפּ צום מאָהילניק. פון הינטער מאַנילעס עפּל־ביימער, זעט מען די גאַנצע לענג פון גאַס, אַלע כאַטקעס ביז דעם אָנהייב פון טראַקט.

וויפל האָט זיך עס בלומע אָנגעזען מיט די קליינע, פריש־געהעבלטע טרונעלער, מען פלעגט זיי אַרויסטראָגן דורך די צעפּ־ראַלטע, נידעריקע טירן און מיט טרוקענע, אויסגעוויינטע אויגן זיי נאָכגיין.

פאַרויס ניקאָלײַ אין אַ ווײַס צערקווע־העמדל, מיטן אויפגע־הויבענעם צלם. נאָך אים דער פּאָפּ, פרעפּלענדיק איינטאָניק און טרויעריק. קינדער, אין ערנסטן, סטאַלנעם שווײַגן, האָבן נאָכ־געטראָגן דאָס טרונעלע. בלומע איז געשטאַנען נאָכגעקוקט, ביז זיי פלעגן צוקומען צום ראָג און פאַרנעמען זיך מיטן זאַמדיקן וועג. די גאַס איז געבליבן ליידיק, ווי גאָרנישט וואָלט געשען. פון סטיעפּאַנס הויף האָט מען ווידער געהערט טשעשען די קלעצער. ווי תּמיד זענען געהאַנגען די לאַדושקעס אויף די פּלויטן. פון הינטער זיי האָבן אַרויסגעשײַנט די רויטע טולפּעס און געלע זון־רויזן. גרויסע ווי קינדערשע קעפּלער.

בלומע געדענקט ווי מען האָט אַזוי, אין אַ רעגנדיקן טאָג, אַוועקגעטראָגן יוהאַשעס יינגעלע, קאַלקען. נישט מעגלעך געוועזן אַרויסצוגיין אַרבעטן אין פעלד, איז מען געשטאַנען פאַר די טירן און פרום זיך געצלמט.

אין יענע טעג איז אויך געשטאָרבן טימאָפייעווס מיידעלע. אַננעס טעכטערל און פּיעטריק, מאַנקעס ברודערל. ער איז שוין

אַ היפּש ייִנגעלע געווען. עלטער פון מאַנקען. איצטער איז זי שוין אַ גרויסע. הוליעט אַרום, ליבט זיך מיט באַלעקן.

ווען פּיעטריקל איז געשטאָרבן איז זי צוזאַמען מיט איר עלטערן ברודערל, מיט פּאַוועלן, גלייך פון „מאַהילניק", געקומען צו זיי, אויפן גאַנעק זיך שפּילן. פּאַוועל האָט זיך דעמאָלט באַרימט מיט די נייע קאָרטענע הייזלעך, דאָס ראָזע רובאַשקעלע, די גלאַנציקע שיכעלעך, אין וועלכע מען האָט אויסגעפּוצט פּיעטריקלען, פאַרן אַרייַנלייגן אין טרונע. דערציילט, אַז די מאַמע האָט עס אַלץ געקויפט, די זעלבע וואָך ווען פּיעטריקל איז קראַנק געוואָרן. ער האָט טאַקע זייער שיין אויסגעזען אין טרונע.

וואַסיליכע האָט בעתן קומען פון „מאַהילניק", זיך פאַרהאַלטן בייַם פּלויט, אַראָפּגענומען די דאָניצע און אַוועק מעלקן די בהמה. נאָכדעם אָפּגעקאָכט בולבעס און טרויעריק צעצויגן גערופן די קינדער עסן וועטשערע.

שוין יאָרן אַוועק. בלומע דערמאָנט זיך, אַז יענעם זומער האָט זי אויך צום ערשטן מאָל געזען אַן „עקזעקוטאָר". אַ סך שוין ביז דעמאָלט, געהערט רעדן פון אים. אָנגעשטעקט מיט דער שרעק פון די באַבעס אין דאָרף, האָט זי זיך געהאַט דערטראַכט, אַז ווי נאָר אויף די שויבן צעבלישטשעט זיך די נאַכט, קומט ער.

דערפאַר בילן די הינט מיט געוויין, וואָיען ווי וועלף. דעמאָלט קלאַפּט נאַסטיע מיט אַ קולאַק אין וואַנט. אַ סגולה דאָס שלעכטס זאָל אויף זיי נישט האָבן קיין שליטה.

ביז דעמאָלט האָט בלומע זיך פאַרגעשטעלט, אַז אָנגעטאָן אין שוואַרצן, בראָזשעט דער „עקזעקוטאָר" איבער די גערטנער, קומט אין די שטאַלן, דורך פאַרמאַכטע טירן. גענוג ער זאָל נאָר אַרייַנקוקן ווו עס איז, וועט שוין דאָרטן נישט בלייַבן די צוגעגרייטע זריעה פאַר די פעלדער. די קאַרטאָפל אין די גריבער, וועלן אָנהייבן פוילן. אין יענע שטיבער וועלן שטאַרבן קליינע קינדער, מאַמעס וועלן קראַנק ווערן.

ער וועט דורכגיין דעם דאָרף און נאָך איידער די זון וועט אויפגיין — פאַרשווינדן. פאַרטאָג, ווען אָנדרייקע וועט טרייַבן די

סטאַדע אויף פּאַשע, ווען אַלע זען בײַ װעמען עס פעלט די בהמה, בײַ װעמען אַ קאַלב.

אָבער אין יענעם זומער האָט אים בלומע אַליין געזען. און אויסגעזען האָט אַלץ אינגאַנצן אַנדערש, ווי זי האָט זיך עס פאַרגעשטעלט.

עס איז נאָך גוט ליכטיק געווען, נאָר־וואָס זיך געהאַט געזעצט די זון. אַלע האָבן נאָך געאַרבעט אין פעלד. פּלוצלינג האָבן זיך אויף דער פּוסטער גאַס באַוויזן צוויי שטאָטישע לײַט. איינער איז געגאַנגען שטײַף און גלײַך. הינטער אים האָט דער אַנדערער געפירט לעוואַניכעס בהמה אויף אַ שטריקל. ביידע האָבן געאײַלט צום וועג. פון פעלד איז געקומען צו לויפן לעוואַניכע, זיי אָנגעיאָגט.

זי האָט געכאַפּט קושן זײַן האַנט, געפאַלן צו זײַנע פיס. ער האָט זיך געמיאוסט, אָפּגעטרייסלט פון איר. איז לעוואַניכע צוגעפאַלן צו דער בהמה, אַרומגעכאַפּט זי בײַם האַלדז, געוואָלט איר פאַרהאַלטן. דער מאַן וואָס האָט זי געפירט אויפן שטריקל, האָט ביידע געשלאָגן מיט דער בײַטש. לעוואַניכע האָט ווי נישט געפילט. די בהמה אָבער, האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, גענומען לויפן און איבערגעלאָזט לעוואַניכען מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

בלומע האָט געזען איר חברטע זינקע זיי נאָכלויפן. אילושיטשקע, איר קליין ברודערל, אויף אירע הענט האָט געגוואַלטעוועט, געריסן זיך מיט קולות פאַרויס צו דער מאַמען. די בהמה, אַ דערשראָקענע, האָט כּסדר געקוקט צוריק און געמוקעט. באַבעס זענען אַראָפּ פון די גערטנער, קינדער זענען זיי נאָכגעלאָפן.

— טאַטע! טאַטע! — האָט בלומע זיך געלאָזט לויפן צו זייער גאָרטן.

אַ דערשראָקענער האָט בער אַראָפּגעאײַלט פון די קאַרטאָפּלבײַטן. ביז זיי זענען ביידע צוגעקומען צום טויער, זענען אַלע שוין געווען ווײַט, בײַם עק פון דאָרף. דאָרטן ווו עס שטייט דער גרויסער, הילצערנער צלם און אויף אים די הייליקע מאַמע מיט איר קליין יעזוסל, אונטער אַ ווײַס, אָנגעכמאַליעט פאַרטוכל.

אהין האָט בלומע געוויזן מיט דער האַנט און אַ דערשראָקענע געפרעגט דעם טאַטן, פאַר וואָס עס קלינגט נישט דער גלאָק אין קלויסטער.

בער האָט גאָרנישט געענטפערט, ווי ער וואָלט נישט געהערט. אַ בלייכער האָט ער גאָר געקוקט צום פעלד. אויך בלומע האָט באַלד דערזען, אַז פון דאָרטן לויפט מען. דער ערשטער איז געלאָפן אַנטאָשע.

— וואַסיל! — האָט ער געשריִען — פאַרנעם זיך מיט נאַטאַ־ליעס גאָרטן! לאָמיר זיי פאַרלויפן דעם וועג!

פון אַלע זײַטן, מיט די מעזשעס, אַריבער די פּלויטן איז מען געקומען.

— אַנטאָשע! אַנטאָשינקע — איז אים אַקעגנגעלאָפן זײַן ווײַב מיט אַ היסטעריש געוויין — קום! האָב רחמנות אויף מיר און קום אין שטוב!

ער האָט נישט געקוקט אין איר זײַט.

— נישטאָ וואָס צו פאַרלירן! — האָט ער געשריִען.

— דאָס לעבן איז שוין געוואָרן ערגער ווי דער טויט!

— ווי לעבט מען אָן ברויט, אָן זאַלץ? גענוג!

— דורך דאַנען! דורך דאַנען איז נעענטער!

— איין מאָל שטאַרבט מען!

קולות האָבן זיך איבערגערופן. קינדער האָבן געוויינט.

די צוויי שטאָטישע זענען שוין גיך געלאָפן, געצויגן די בהמה נאָך זיך. דערשראָקענע האָבן זיי געקוקט אויף צוריק.

פּלוצלונג איז געפאַלן אַ שטיין. עמעצנס אַ קוויטש האָט זיך דורכגעריסן איבער אַלע קולות. דערנאָך האָבן שוין אַ סך שטיינער געשניטן אין דער לופטן. מען האָט געוואָרפן פון אַלע זײַטן. פון ווײַטן האָט מען געזען דעם „עקזעקוטאָר" מיט זײַן געהילף, זיך אַרײַנזעצן אין זייער בריטשקע און אַוועקיאָגן צום וואַלד, די בהמה איז פאַרלאָפן צום פעלד.

מאָדנע גיך האָבן זיך אַלע אָפּגעטראָגן. אַ פּאָר מינוט האָט געדויערט און מען האָט קיין נפש נישט געזען. איבער דער ליידיקער

גאַס איז די בהמה געגאַנגען צום שטאַל, הינטער איר אַ פּאָר־ווײַנטע לעװאַניכע.

אויף מאָרגן האָט מען גערעדט, אַז די נאַכט זענען געװען אַרעסטן אין דאָרף. מען האָט אַ געשמידטן אין קייטן אַװעקגעפירט אַנטאַשען, מיקאַלײַען. מען האָט געזוכט נאָך אַנדערע. אָבער זיי זענען באַצײַטנס נעלם געװאָרן. ווי אין װאַסער אַרײַן.

דאָס אַלץ דערמאָנט זיך בלומע אין איר אומרו פֿאַר דניאלן. די אָפּטע רעװיזיעס אין שטוב שרעקן אַזוי, אַז עס דרייט איר אין בויך. זי ציטערט אויף, ווען זי זעט דעם פּאָליציאַנט באַדאָװסקי טשאַטעװען בײַ זייער הויז.

דער טאַטע שװײַגט טרויעריק. ער איז מאָדנע אומבאַהאָלפֿן.

— װאָס קומט אַרויס דערפֿון? דו מיינסט טאַקע גוט, מײַן זון — קאָן ער פּלוצלינג זיך אָפּרופֿן צו דניאלן, אָבער דו ביסט אויף אַ פֿאַלשן װעג. ניט דאָס איז דער דרך, צו דעם װאָס דו ווילסט צוקומען.

בלומע זעט גוט אַז דעם טאַטנס רייד שלאָגן זיך אָן ווי אין אַן אײַזערנער װאַנט. דניאל איז פֿאַרפֿאַנצערט. ער ענטפֿערט באַלד גאָרנישט. שװײַגט. אַזוי אַן אַנטשװיגענער, װאַקסט ער אַרײַן אין אַ סוד, װאָס איז פֿול מיט געפֿאַרן. בלומען שרעקט עס און לאָקט גלײַכצײַטיק. זי זעט ווי דניאל דערװײַטערט זיך אַלץ מער און מער פֿון טאַטן, אויך פֿון איר. זי לײַדט דערפֿון.

אין די נעכט װערט ער פֿאַרפֿאַלן און לאָזט איבער אין שטוב אַ צוגעשפּיצטן אומרו.

דער טאַטע קרעכצט, װאַרפֿט זיך אויפֿן געלעגער. נאָסטיע אַ פֿאַרהאָרעװעטע שלאָפֿט אין שײַער. נאָר זי, בלומע, שלײַכט זיך שטיל אַרויס פֿון שטוב. אַן אויפֿגעקאָרטשעטע, װאַרט זי אין ווינקל פֿון גאַנעק.

דאָס דאָרף איז שוין לאַנג פֿאַרזונקען אין נאַכט. גלײַך מיט די הינער איז מען געגאַנגען שלאָפֿן.

אַ פורל בײַם װעג לאָזט זיך הערן מיט אַקסן און רעדער. הינט רופֿן זיך אָפּ מיט בילערײַ. און װידער װערט שטיל.

די לבנה שװימט אַרױס פֿון װאַלד. קוקט בלומע דערשראָקן אין אַלע זײַטן. װײסט נישט פֿון װאַנען דניאל דאַרף קומען. זאָל ער כאָטש קומען — טראַכט זי — װאָלט כאָטש געװען פֿינצטער. איז װי אױף צו להכעיס די נאַכט אַזאַ ליכטיקע. דרײט זיך דאָ נישט ערגעץ באַדאַװוסקי?

זי װײסט, דער טאַטע שלאָפֿט אױך נישט. גוט ער האָט נישט געהערט זי אַרױסגײן פֿון שטוב. און אפֿשר האָט ער יאָ געהערט?

ענדלעך דערזעט זי עמעצן גײן פֿון װײַטן. בײַם זײַט פֿון דער גאַס שלײַכט ער זיך שטיל אױפֿן גראָז.

בלומע בלײַבט אַזױ שטײַף, אומבאַװעגלעך, הערט שױן דײַטלעך דניאלס טריט אינמיטן פֿון זײער גאָרטן. זי דערנענטערן זיך און דורך דעם אָפֿענעם פֿענצטער שפּרינגט ער צו זיך אין אַלקער. זײַן געלעגער טוט אַ סקריפּע.

זי אָטעמט אָפּ אַ באַרויקטע.

פֿון טאַטנס בעט טראָגט זיך אַ שװער כראָפּען. ער איז אײַנגעשלאָפֿן אַ מידער.

ערגעץ אױף אַ שעדעלאַ קרײען שױן די הענער אױף טאָג.

2

בער איז באַצײַטנס געקומען פון פעלד און דרייט זיך אַרום אָן אַ טאָלק. ער נעמט פאַרקערן דעם הויף. אַ פאַרטראַכטער לאָזט ער שטיין דעם בעזעם.

— ווי האַלט עס נאַסטיע מיטן באַגיסן? — פרעגט ער זיך און דערגייט ניט ביזן גאָרטן. בלײַבט שטיין בײַם טויער.

— מען מוז אים פאַרריכטן — זעט ער — פאַרזשאַווערט געוואָרן די זאַוויעסע. אָפּגעריסן הענגט דאָס טירל. עס קאָן נאָך עמעצן פאַלן אויף די פיס.

לאהס טויט האָט אים צעבראָכן. בער ווייסט, אַז וואָס די ערד דעקט צו, מוז מען פאַרגעסן. פלוצלונג טוט אים אַ פּיק אַ מחשבה, אַז שוין טעג אַדורך און ער האָט בלומען ניט געזען.

בער קען זיך גוט און פרווט פאַרטרײַבן זײַן כוונה.

אַ סך אַרבעט פאַראַן אין פעלד. מען קאָן דאָך ניט לאָזן נאַסטיען פאַלן פון די כוחות — זאָגט ער זיך און אָט שטייט ער שוין נעבן פערד. שפּאַנט עס צום וואָגן.

אַ פאַרזינדיקטער וואַרפט ער פון ווײַטן צו אַ וואָרט צו נאַסטיען און פאַרנעמט זיך אין וועג. ערשט שוין גאַנץ ווײַט פון דאָרף, כאַפּט ער זיך, אַז צו שפּעט איז עס אַרויסגעקומען. עס ווערט נאַכט, דער וועג איז פינצטער. די לבנה, פאַרשטעקט הינטערן וואַלד, וואַרפט איר שײַן פון צווישן דיביימער. סיווקע דאָס פערד גייט רויִק דעם אויסגעטראָטענעם וועג. בער וויגט זיך אויפן וואָגן, פאַרטיפט אין זײַנע טראַכטענישן:

אַוועק אַ ביסל יאָרן. זיך גאָרניט אַרומגעקוקט. אינגאַנצן ניט געזען, אַז אָט ניט לאַנג צוריק איז אַזוי גוט געווען. לאה האָט געפירט די באַלעבאַטישקייט. געהאַט אַן אויג אין דאָרף, אין שטאָט אויף די קינדער, ווו דניאל און בלומע האָבן זיך געלערנט. די שטוב

איז דעמאָלט פול געווען מיט יונגוואַרג. זיי פלעגן אויך אַרויס־קומען העלפן אין פעלד. אַ שפּיל איז עס געווען ביי זיי. אַזוי פיל יונגען האָבן זיך געדרייט אַרום בלימעלען. אַ וווּנדער? איז זי דאָך אַ ליכטיקע מויד.

ביז היינט קאָן בער ניט פאַרשטיין וואָס אַזעלכעס זי האָט דער־זען אין שלומען. בסך־הכל איז ער אַ מאָדנער בחור. אַ ציוניסט, וואָס איז טאָג און נאַכט אַריינגעטאָן אין ארץ ישׂראל. פּונקט ווי די גאַנצע וועלט, וואָלט אויף דער וועלט ניט געווען.

דעמאָלט איז נאָך בלומע געווען אַ יונגע ציג. מיט טאַטעשן גדלות האָט ער געקוקט אויף די בחורים און אונטערגעשמייכלט. ווי די צייט לויפט. איצטער קומען אים גאָר אַנדערע מחשבות אין קאָפּ. זינט לאה איז געשטאָרבן, פילט ער זיך ווי אויף אַ שיף אָן אַ רודער. און וואָס שייך בלימעלען מיט שלומען איז אים עפּעס אינגאַנצן ניט קלאָר. עפּעס ווייסט ער ניט וואָס זיי זענען אויסן.

אַ פאַרטיפטער אין זיינע רעיונות, דערנענטערט ער זיך צו דער שטאָט. שוין טיפע נאַכט. טיר און לאָדן פאַרהאַקט און פאַר־קלאַפּט. פּוסט זענען די גאַסן. די רעדער, כאָטש ניט לאַנג אויס־געשמירט די אַקסן, סקריפּען אויפן ברוק. מאַכן אַ גערודער אין דער שטילער נאַכט.

פאַרפאָרן אויפן הויף, ווערט אים אַ שאָד אויפצוּוועקן בלומען. אין ווינקל, וואָס וויטער פון שטוב, שפּאַנט ער אויס דאָס פערד. לאָזט דעם וואָגן, און פירט סיווקען צום שטאָל. ביי דער שוועל טוט ער אויס די שטיוול און קומט אַריין אויף די שפּיצן פינגער.

— ווער איז דאָרטן? — פרעגט שלום מעשה באַלעבאָס.

— איך בין דאָס — ענטפערט בער מיט רוגזה. עפּעס געפעלט אים ניט.

— דער טאַטע איז דאָ! — שפּרינגט בלומע אַ צופרידענע פון בעט. אין נאַכט־העמד, מיטן אָנגעצונדענעם לאָמפּ אין האַנט, קומט זי אַרויס. — וואָס איז געשען, טאַטע? פאַר וואָס אַזוי שפּעט?

— עס איז גאָרניט געשען. געקומען גלאַט אַזוי. פאַרבענקט זיך נאָך דיר, טאָכטער.

— איז גוט.

ווי תמיד לייגט פאַר בלומע עפּעס צו עסן, אַ גלאָז טיי. ער זאָגט אָפּ. וויל גאָרניט. מאַכט זי גרייט זײַן געלעגער און גייט צוריק צו זיך, פאַרמאַכט די טיר. פון בעט, ווו זי שלאָפט מיט שלומען, הערט מען אַ סודען זיך.

בער קאָן ניט אײַנשלאָפן. ער איז אומצופרידן. אים איז ניט געוויינטלעך אומעטיק. אומגעריכט זעט אים אויס דאָס טרעפן דאָ שלומען אינמיטן נאַכט. ווי יעדעס מאָל, ווען עס ווערט אים שווער מיטן אַרום און מיט זיך אַליין, וויל ער זיך באַהערשן, רויִק באַטראַכטן דעם ענין. ווייסט גוט, אַז ער מוז זיך אײַננעמען מיט גוטן, ווי אַ צעפּיעשטשעט קינד.

— וואָס אייגנטלעך ווילסטו בער שוטה? — שגצ'ט ער זיך אויס — בלומע איז שוין ניט קיין קינד. פּונקט ווי דו, מעג זי שוין טאָן וואָס זי וויל. זיי האָבן זיך ביידע ליב. איז עס אַ נײַס אין שטעטל? אין וואָס אייגנטלעך גייט דיר, בער, צדיק גרויסער?..

מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, קוקט ער צום באַלקן. קאָן בשום־אופן ניט אײַנשלאָפן. ביז עס הייבט שוין אָן שאַריִען אויף טאָג.

— דושנע אין שטאָט. עס שטיקט ממש. מען מוז דאָך ניט שלאָפן — זאָגט ער זיך. האַסטיק גייט ער אַראָפּ פון בעט. שוין איז ער אָנגעטאָן און גייט אַרויס אין דרויסן. נעמט דאָס פערד פון שטאַל, פירט עס צום וואָגן אין ווינקל פון הויף.

— ביסט שוין אויף, טאַטע? ווען ביסטו געשלאָפן? — שטייט בלומע אַ פאַרשלאָפענע אין דער אָפענער טיר.

— איך דאַרף באַצײַטנס זײַן אין דאָרף, טאָכטער. נאַסטיע וועט זײַן אין כעס, און מיט רעכט. אַ סך אַרבעט פאַראַן. יאָ, יאָ. איז וואָס, בלומע? — זאָגט ער נאָך אַ לאַנגן שווײַגן — עס קומט דיר אַ מזל־טוב?

— האָסט זיך גוט דערמאָנט, טאַטע. שוין צײַט געוועזן זאָלסט באַמערקן. עפּעס זעסטו מיר אויס אומצופרידן. געפעלט דיר ניט דער שידוך? זײַ דאָך ניט קיין קינד. עס קליידט דיר אינגאַנצן ניט. נו, גיב אַ קוש דײַן בלימעלען — לאַשטשעט זי זיך צו אים. — אָט

אַזוי. ביסט דער ווילסטער טאַטעלע, וואָס איך האָב. וועסט זען, איך וועל מיט שלומען אַרויסקומען אין דאָרף אײַך העלפן. טאַטע, וואָס כמורעסטו זיך? זענען מיר דאָך ביידע יונגע מענטשן. ניט אַזוי? איז ווי פּאַסט עס פאַר דיר? איך וויל דאָך זאָלסט זײַן צופרידן, און דו?...

— איך בין ניט אומצופרידן. — זיפצט ער אָפּ, פאַרוואָרפנדיק די לייטשעס.

— טאַטע, לאָז דאָס פערד געשפּאַנט און קום אָנבײַסן.

— איך וועל שוין עסן אין דאָרף — זאָגט ער אויסמײַדנדיק צו קוקן אויף בלומען. עפּעס איז זי אים ניט די זעלבע, ווי זי וואָלט זיך פאַר דער צײַט געענדערט — איך פרישטיק קיין מאָל ניט אַזוי פרי. נאָך גאָרניט הײַנט געטאָן — רעדט ער שוין ווייכער און באַלד איז ער אין וואָגן.

איידער ער פאַרקירעוועט דאָס פערד, דרייט ער זיך אום. בלומע שטייט אין טויער. גזעגנט אים מיט דער האַנט אין דער לופטן.

— גיי, גיי אין שטוב אַרײַן, טאָכטער! קענסט זיך נאָך פאַר־קילן. עס איז נאַס, אַ ראָסע. שטיי ניט. אַ קילער פרימאָרגן הײַנט. קענסט כאַפּן אַ ציטער.

ער טוט אַ פײַף מיט דער בײַטש אין דער לופטן. סיווקע הייבט אָן לויפן.

בלומע שטייט אין טויער. קוקט נאָך ביז דער טאַטע קומט צו דער גאַס, וואָס פירט אַרויס פון שטאָט. אַ פאַרטראַכטע גייט זי צוריק.

טרויעריק האָט איר אויסגעזען דער טאַטע. עפּעס איז ער ווי אַלט געוואָרן. מיט איין מאָל זיך געעלטערט.

אַ ציטערנדיקע גייט זי צוריק אין בעט. שלום הערט ניט, שלאָפט שטאַרק.

3

די זון איז שוין פאַרגאַנגען. אַ שטילקייט הענגט אין דער לופטן. די שכנים, „די מיעשטשאַנעס״ האָבן פאַרקערט די גאַסן פאַר די הײַזער, איז יומטובדיק־ריין. לײַכט שאָקלען זיך די צעבליטע קאַשטאַן־ביימער און שיטן מיט ראָזלעכע בלימלעך.

בלומע שטייט פאַרן טויער און וואַרט. שלום ווײַזט זיך ניט. זי קוקט צום סוף פון דער גאַס. פון דאָרטן דאַרף ער אָנקומען. ער וועט גיין גיך, זיך אײַלן. עס געדויערט אָבער זייער לאַנג. פון ווײַטן זעט זי עמעצן זיך דערנענטערן אויף אַ ראָווער.

בלומע דערקענט שוין. דאָס איז איר חברטע צילע. לאַנג ווי זיי באַגעגענען זיך ניט. אויך איצטער וויל זי אויסמײַדן זייער טויער. באַמערקט אָבער בלומען, פּאַסט איר ניט זיך צוריקצוציִען.

— וואָס אײַלסטו אַזוי, צילע ?

— ניטאָ קיין צײַט.

— שטיי אַ ווײַלע. שוין לאַנג דיך ניט געזען.

— איך קאָן ניט. מען וואַרט אויף מיר. ער וואַרט. — זי דרייט גיך די פּעדאַלן, דערווײַטערט זיך.

בלומע זעט ווי שיין זי זעט אויס אין דעם באָרדאָ קלייד. אירע שוואַרצע לאָקן צעשאָטן אויפן נאַקן.

זי ווייסט : צילע איז פאַרליבט אין שלומען.ביידע געהערן זיי צו דער זעלבער פּאַרטיי. צוזאַמען געמאַכט די הכשרה. אויך איצטער טרעפן זיי זיך אָפט אין זייער לאָקאַל.

אַזוי אַ פאַרטראַכטע קוקט זי צום עק פון גאַס און אַז שלום ווײַזט זיך אַלץ ניט, פאַרנעמט זי זיך לאַנגזאַם צום שטוב.

בלומען פאַרדריסט. האָט דאָך שלום גאָרניט געזאָגט, אַז ער האָט הײַנט אַ זיצונג.

עס איז שוין נאַכט. אינגאַנצן פינצטער געוואָרן. זי מאַכט

ליכטיק, נעמט זיך צום לייענען. עס גייט אָבער ניט. קעגן איר ווילן איז זי צוגעשפּיצט צו יעדן שאָרך אין דרויסן. אַ פויגל צעשאָקלט אַ צווייַג אין סאָד, דאַכט זיך איר אַז שלום גייט.

צו וועמען האָט עס צילע אַזוי געאייַלט? — פאַרטראַכט זי זיך.

זי איז בייז. און דער עיקר אויף זיך אַליין. איר אַרט, וואָס ווען שלום זאָל ניט קומען, וועט ער זי טרעפן וואַרטן.

אַן אומצופרידענע טוט זי זיך אַ וואָרף אויפן געלעגער און שלאָפט באַלד איין.

— שלאָפסט, בלימעלע?

גלייַך ווערט זי וואַך.

— איך וויל ניט דו זאָלסט קומען אַזוי שפּעט. האָסט אַפילו ניט געזאָגט, אַז דו ביסט הייַנט פאַרנומען. און איך האָב שוין אַלץ באַוויזן. געווען באַליידיקט, אומצופרידן, אומרויִק.

— זייַ מוחל — טוליעט ער זי צו זיך. — ניט פאַרויסגעזען. געמוזט זיך פאַרהאַלטן. זייַ ניט בייז. איך האָב זיך געאייַלט און ניט באַוויזן פריִער. אָט אַזוי מייַן קליינע. אַזוי איז גוט.

אין סאָד, אָנגעשפּאַרט אָן גרויסן עפּל־בוים, שטייען זיי ביידע, די שווערע אַראָפּהענגענדיקע צווייַגן, פאַרשטעלן זיי. שלום טוט אַ שפּרייט־אויס זייַן רעקל אויפן גראָז. אַ מידער לאָזט ער זיך אַראָפּ. ציט בלומען נאָך זיך. זי פילט די קילקייט פון פייַכטן באָדן. אויף די צווייַגן, צווישן די בלעטער, פול שטערן, ווי אויפן בוים זאָלן זיי וואַקסן. איר איז גוט. ניט געוויינטלעך גוט. ביז זי בלייַבט אין שלומס אָרעמס אַ קליין באַרויִקט קינד. פילט זייַנע פינגער, שאַרן צאַרט אָוועק די האָר פון איר צעפלאַמטן פנים.

עס איז שטיל.

— קוק שלום, זע! — טוט זי זיך אַ זעץ אויף דערשראָקן — קוק אַהער! דאָ אויפן בוים! אַ סאָווע!

יאָ. טאַקע אַ סאָווע.

— דו הערסט? זי וויינט — דריקט זיך בלומע צו אים.

ער זוכט און געפינט אַ שטיינדל נעבן זיך.

— טו עס ניט — כאַפּט זי אים בײַ דער האַנט — וואַרף ניט.

— איך וועל ניט צילן אין איר. וואַרפן דערנעבן.

— זי קאָן נאָך אַראָפּפאַלן. קוק ווי שווער זי קלאַמערט זיך אין צווײַג. קום, איך וויל אַוועקגיין פון דאַנען. לאָמיר אַוועקגיין.

זיי גייען אַלץ טיפער אין סאַד. בלומע ציט אים נאָך זיך. וויל ניט הערן דאָס געוויין פון דער סאָווע. שלײַכן זיי זיך צווישן די ביימער. די לבנה ווערט אַלץ בלאַסער. די פינצטערניש שיטערער.

— פאַרסטו טאַקע אַוועק, שלום. איז ווי וועט עס זײַן?

— דו וועסט קומען צו מיר.

— עס וועט מיר זײַן שווער. ווי וועל איך לאָזן דעם טאַטן אַליין. דניאל מוז לעבן אין וואַרשע. ער טאָר אַהער ניט קומען. מען וועט אים באַלד אַרעסטירן.

— זיי שווײַגן לאַנג.

— מען דאַרף דעם טאַטן העלפן. אַ סך אַרבעט אין פעלד. נאָך גוט וואָס נאַסטיע איז אים אַזוי געטרײַ...

דאָס זאָגנדיק ווערט בלומע רויט. ער דריקט זי צו זיך.

זיי פאַרנעמען זיך צום טויער. בלומע קוקט אים לאַנג נאָך. ער דערוויטערט זיך. איז איינער אַליין אויף דער פוסטער גאַס.

אין שטוב איז נאָך טונקל. שאַרפע ריחות קומען פון סאַד דורך דעם אָפענעם פענצטער. די פרישקייט נעמט זי אַרום, שלעפערט אײַן. שוין האַלב אין דרימל זעט זי, ווי שיין עס כוואַליען זיך צילעס לאָקן. דערמאָנט זיך אַז דער טאַטע איז דאָס לעצטע מאָל גאָר שפּעט געקומען זי זעט מיט צער ווי די עלטער האָט זיך אויף אים אַ רוק־געטאָן. ביז זי שלאָפט אײַן.

זי איז אין דאָרף. דער טאַטע האָט געבראַכט אַ וואָגן קאַרטאָפל פון פעלד, וואָס שטייט פאַר דער טיר. דניאל העלפט אים. ער טראָגט פולע עמערס קאַרטאָפל צום קעלער. זי מיט נאַסטיען

אײַלן פון פעלד. דער װעג איז ניט געװײנטלעך לאַנג. זײ גײען און גײען און קומען ניט נענטער.

— בלומעטשקאַ — רעדט נאַסטיע — דײַן טאַטע איז נאָך יונג. אַלע יאָרן איז ער געװען אַזאַ. טראַכט ניט שלעכט װעגן מיר. בין איך דאָך צו דיר װי אַ מאַמע. פון ערשטן טאָג אָן זינט דו ביסט אויף דער װעלט געקומען, אויף מײַנע הענט דיך אויסגע־כאָװעט. גאָלובושקע, טײַבעלע מײַנס, דײַן מאַמע האָט געװוּסט...

— הער אויף נאַסטיע. רעד ניט... ניט װעגן מײַן מאַמען. איך װיל ניט... הער אויף!

בלומע הערט ניט איר אײגן קול. נאַסטיע רעדט אָבער װײַטער:

— מײַן אײװיג אין קאָפּ. װי איך אַלײן װאָלט דיך געבוירן, האָב איך דיך ליב. ביסט מיר אײַנגעבאַקן אין האַרצן. מיר זאָל זײַן פאַר דיר. היט זיך קינד מײַנס. הוליע ניט מיט די יונגען אין די נעכט. זאָל גאָט אָפּהיטן, װאָס עס קאָן אַלץ געשען. זײ לױערן, די אומגליקן. אַלדאָס בײז קומט אַרױס אין דער פינצטער. אַ סאָװע, גאָט זאָל אָפּהיטן, קאָן זיך באַװײַזן. שלעכטס זאָגט אָן אַ סאָװע בײַנאַכט. אומגליק זעט זי פאַר.

בלומע רײַסט זיך פאַרױס. װיל אַנטלױפן פון נאַסטיען. צוקו־מען צו דניאלן, צום טאַטן.

— שלום — מורמלט זי אין שלאָף קוים צו דערהערן — קוק, די סאָװע שװערט אויפן צװײַג. זי װײנט.

ציִענדיק שלומען נאָך זיך, װעקט זי זיך איבער. עס איז נאָך גאָר פרי. די שאַנק אין צימער, דער טיש, אַלץ איז צוזאַמענ־געגאָסן אין אײן טונקלען פלעק. צוזאַמען מיטן בױם, װאָס שטײט הינטערן פענצטער.

אומהײמלעך איז דאָס געװײן פון אַ סאָװע בײַנאַכט — טוט בלומע אַ טראַכט — ציט אַריבער דעם צודעק איבערן קאָפּ און שלאָפט װידער אײַן.

4

שוין נאָכן טאָג. עס ווערט קילער. אין דרויסן שמעקט מיט רײַף אויבס, מיט יאַגדעס וואָס טריקענען אויף די דעכלעך, מיט איבערגעוואַקסענע אוגערקעס. דער שאַרפער ריח פון פריש־געקאָסיעטן היי, רײַסט די נאָז. אין דער לופטן ציִען זיך „באָבע־ליעטאָ". אַ סימן דער שיינער וועטער וועט אָנהאַלטן.

אויסגעמאַלקענע ליגן די בהמות פאַר די שטאַלן און מעלה־גירה׳ן. מען זעט קיינעם ניט. אַלע זיצן שוין בײַ די טישן. ווילן פאַר ליכטיק אָפּעסן וועטשערע.

זייער שכן מאַנילע קומט ערשט מיטן וועג. ער האָט שוין באַוויזן זיך צוריקקערן אין פעלד און ברענגען נאָך אַ וואָגן קאָרן. ווי נאָר ער פאַרפאָרט אין הויף, פאַרמאַכט נאַטאַליע דעם טויער. ווידער ווערט שטיל.

מיטאַמאָל צעטראָגט זיך אַ טרומייטערן. דאָס בלאָזט ניקאָלײַ אין זײַן פאָזשאַרנער טרובקע. לויפט איבער דער איינציקער גאָס און שרײַט אַזוי הויך ווי ער קאָן נאָר:

— עס ברענט! אַ פאָזשאַר! עס ברענט! עס ברענט!

קינד און קייט טוען זיך אַ שאָט אַרויס אין דרויסן.

הינטערן וואַלד צעגיסט זיך אַ רויטקייט. פאַרנעמט אַלץ מער דעם הימל. קומט נענטער צו יאַדלע.

ווײַבער פאַדיען ווי איבערגעשראָקענע הינער, פלוידערן צע־טומלטע.

— און איך זאָג אײַך, אַז עס איז ניט אין זאַרעטשע. — ברעכט פאַווליכע די הענט.

— ווײ איז מיר, דו ביסט גערעכט. דער פאָזשאַר איז נענטער. אַן אומגליק — וויינט קאַטערינע אויפן קול — אָט איז ער דאָך! קוקט! — עס ברענט! — צעשרײַט זי זיך גאָר הויך.

— עס איז ווײַטער — טוט אַ זאָג וואַסקע פֿאַרבײַרײַטנדיק.

— ווער קאָן עס דאָרטן ברענען?

— אַ ליכאָ, אַ ליכאָ — קלאַפּט מאַרוסיען אַ צאָן אָן אַ צאָן — און ווער קאָן ניט ברענען? אַלע, אַלע קאָנען מיר אָפּברענען!

— אַזאַ היץ. אַזאַ היץ.

— דער גאַנצער דאָרף קאָן אַראָפּגיין מיטן פֿײַער.

— וועלכער דאָרף, האַ? וועלכער דאָרף?

— דער וואַלד, גאָט זאָל אָפּהיטן, קאָן זיך אָנכאַפּן.

— אָט קומט דאָס פֿײַער אַהער. מען זעט ניט? עס גייט אויף יאָדלע!

אין פּאַניק שטופּט מען זיך צונויף בײַ פּאָפּאָווען, הינטערן שײַער. פֿון דאָרטן זעט מען בולט דעם רויטן הימל, ביזן האָריזאָנט.

באַלאָדענע מיט העק און עמערס רײַטן די מענער צום וועג. טרײַבן די פֿערד אָן רחמנות. אויך בער איז שוין מיט זײַן פֿערד אין הויף, וויל אַוועקרײַטן. נאָך אַ קורצן יִשוב־הדעת מיט זיך אַליין, שפּאַנט ער אײַן דאָס פֿערד אין וואָגן. לייגט אַרויף דאָס ליידיקע קיילעלע, וואָס שטייט תּמיד אין ווינקל פֿון הויף. בינדט צו צוויי עמערס און אײַלט אַוועק מיט אַ טראַסקערײַ. דאָס קיילעלע קלאַפּט. די עמערס קלימפּערן. בער יאָגט. אין לויף, כאַפּן שכנים זיך אַרײַן אין וואָגן, זיי נעמען דעם וועג קיין זאַרעטשע. אויף דער אַנדערער זײַט וואַלד זעט מען ווי דער רויך וואַליעט. פֿײַער־צונגען הייבן זיך, לאָזן זיך אַראָפּ נידעריקער. עס וואַרפֿט מיט האָלעוועשקעס און פֿונקען, ווי אין גיהנום. וואָס ווײַטער מען פֿאָרט, ווערט דאָס פֿײַער קלענער. דער רויך לאָזט זיך אַראָפּ און דער הימל איבער אים ווערט בלאַסער.

ניקאָלײַ רײַט צוריק קײַן יאָדלע.

— ניטאָ שוין נאָך וואָס צו פֿאָרן, בערקאָ. אַלץ איז אַראָפּ מיטן רויך. אַן אָרעמאַן געוואָרן.

— ווער?

— סטיעפּאַן באַדראָוו.

— ווי אַ פּושקע שוועבעלער האָט אַ פלאַקער־געטאָן זײַן באַלעבאַטישקייט.

— אַ נס מען האָט פאַרהאַלטן דאָס פײַער — שמועסט מען אויפן וועג צוריק אַהיים.

אויך בערס שכנים שפּרינגען פון וואָגן. ער אַלײַן פאָרט ניט צוריק. ער אָרדנט בעסער אײַן דאָס קיילעלע, די עמערס זאָלן אַזוי ניט קלימפּערן, און פאָרט ווײַטער.

אויפן אָרט פון סטיעפּאַנס שטוב, ליגט אַ קויל־שוואַרצער פלאַץ ווי אַ וווּנד אויפן פעלד. לעצטע האַלעוועשקעס דערבערענען נאָך. עס איז הייס. דער רויך שטיקט.

אַנטקעגן, צווישן צוגעסמאַליעטעביימער, זיצט סטיעפּאַן מיט זײַנע צוויי קלענערע ייִנגלער. זיי ציטערן ווי אין אַ פראָסט. רירן זיך ניט צו צו דעם טאָפּ בולבעס מיטן לאַבן ברויט, וואָס אַ שכנטע האָט אַרויסגעטראָגן. לעבן זיי ליגט אָנגעשלײַדערט דאָס בעטגע־וואַנט, אַ צעבראָכן בעט, אַ גראַטקע און אַ צוגעסמאַליעטער מולטער.

אויסגעצויגן אויף דער ערד, אומבאַוועגלער ווי אַ קלאָץ, ליגט סטיעפּאַנס טאָכטער און וויינט.

סטיעפּאַניכע קרײַזט אַרום די טליִענדיקע האַלעוועשקעס ווי אַ געשפּענסט. זי רײַסט זיך די האָר פון קאָפּ, ברעכט די הענט אין געיאָמער:

— זשעבראַקעס זענען מיר געוואָרן, שלעפּערס. אַ ליכאָ, אַ ליכאָ! אין איין ווײַלעטשקע געוואָרן שלעפּערס!

— ווייַן ניט שוועסטער — פּרוּווט בער זי באַרויִקן — ניט אָן גוטע מענטשן איז די וועלט. מען וועט דיר העלפן זיך צוריק־שטעלן אויף די פיס. סטיעפּאַן, זײַ דאָך ניט אַזוי געפאַלן בײַ זיך. גיי דערווײַל אַרײַן צו אַ שכן. היי, וואַסיל! נעם אַרײַן דײַנע שכנים צו דיר אונטערן דאַך. ווילסטו אפשר, סטיעפּאַן, פאָרן צו מיר קיין יאָדלע? קומט. איך נעם אײַך אַלע אין וואָגן אַרײַן.

— אַ דאַנק דיר, בערקאָ, ערגעץ וועל איך שוין דעם קאָפּ

אַוועקלייגן. אַזוי זע איך אויס ברודערל. געוואַלד צו שרײַען.
— שעפּטשעט ער פאַרצווייפלט.

דערזען סטיעפּאַנען אין אַזאַ מצב, באַשליסט בער צו פאָרן אין שטאָט אַרײַן. איצטער, אויף דער הייסער מינוט, וועט ער זיך אַרײַנכאַפּן צו זײַן יוגנט־חבר. צו פּיַװול יעזינסקי, דעם טאַרטאַטשניק און אַרויסקריגן בײַ אים אַ צוזאָג אויף קלעצער פאַרן נשׂרף.

נשקשה — טראַכט בער — ער וועט ניט אָרעמער ווערן, פּיַוועלע.

ניט ווייניק ווערט סטיעפּאַן פאַרשוואַרצט, שלעפּנדיק זײַן געהילץ צום טײַך. ווערט אויסגעריסן יעדן ווינטער אין פּרעסט, אין אַדליקעס. אַגב, דערמאָנט ער זיך, אַז בלומע האָט עפּעס גערעדט וועגן אַרויסקומען מיט שלומען אין דאָרף. עס וואָלט גוט געווען. אַ סך אַרבעט פאַראַן.

צו דער שטאָט איז נאָך וואָסערע אַכט וויאָרסט. בער פאָרט און חקרנט זיך. ניט ליב אים דאָס קומען צו יעזינסקין. עפּעס בעטן אַפילו אין אַ פרעמדן ענין. אמת איז, אַז קוים בעט ער שוין יאָ, קאָן שוין דעמאָלט פּיַוועלע שפּרינגען אויפן דאַך. ער וועט מוזן נאָכגעבן.

פּיַווקע, — טראַכט ער אים צו זאָגן — וועסט געבן. ווי אַ טאַטע וועסטו געבן.

און אַז עס וועט ניט העלפן, קאָן בער אַ קלאַפּ־טאָן אין טיש, אַז דער קרעדענס זאָל זיך אָפּרופן.

דער וועג פאַזע דעם וואַלד איז שוין טונקל. צווישן די ביימער — פינצטער. פון דאָרטן שלאָגט אַ חשכות. כאָטש אין דער אמתן איז נאָך גאָרניט שפּעט. פון ווײַטן באַמערקט בער עמעצן לויפן אויפן ליידיקן וועג.

איז אפשר אַ סאָרנע אַרויס פון וואַלד? — זי לויפט, שטעלט זיך אָפּ און לויפט ווײַטער.

עס איז חנה, ווי איך בין אַ ייד — דערקענט זי שוין בער פון נעענטער — חנה, וואָס יאָגט איר אַזוי? קומט. קומט אין וואָגן אַרײַן.

חנה, די דאַרפגייעריןִ, וואַרפט אַראָפּ דאָס זעקל פון די פּלייצעס, כאַפּט אָפּ דעם אָטעם.

— דערשראָקן זיך, ר׳ בער. אויף טויט זיך דערשראָקן — קאָן זי ממש דעם אָטעם ניט דערכאַפּן — איר פאַרשטייט? אין וועג. מאָלע וועמען מען קאָן באַגעגענען.

זי איז שוין אין וואָגן און קאָן נאָך אַלץ ניט קומען צו זיך.

— קיין מאָל קער איך זיך ניט אום אַזוי שפּעט. — דערציילט זי — איך האָב געוואַרט אויף אַן ערל, וואָס האָט זיך פאַרזאַמט אין פעלד. טאַקע געקריגן ביַי אים אַ פּאָר קרענצלעך ציבעלקעס. שפּעטער די שריפה. נאָך איידער עס האָט אָנגעהויבן ברענען, האָב איך שוין געהאַט אָט דאָס אַלץ אין זאַק. אויסגעביטן אַ ביסל נאָדלען. שפּולקעס פּאָדעם. אַ פּאָר קרענצלעך פּאַטשערקעס. ניט צו פאַרזינדיקן. עס איז דאָ איז זאַק: אַ האָזן־פּעלכל, אַ ביסל גרויפּן, אַ פּעקעלע חזיר־האָר. גאָט פאַרלאָזט ניט. אויב ניט ער, ווער דען וועט מפרנס־זיַין מיַינע דריַי יתומימלעך? איך זאָל ניט זינדיקן מיט די רייד, ניט קיין ליַיכטע ירושה האָט מיר מיַינער, עליו השלום, איבערגעלאָזט.

בער שוויַיגט. זעט אויס פאַרטראַכט.

זיי מיַידן דעם וואַלד, ווערט אַ ביסל ליכטיקער. פון וויַיטן זעט מען די שפּיצן פון קלויסטער. די זון פאַרגייט.

— עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט — ריַיסט חנה איבער דאָס שוויַיגן — איך זאָג איַיך, ר׳ בער, איך זע באַשיַימפּערלעך אַז עס איז פאַראַן אַ גאָט אין הימל.

— איר זעט באַשיַימפּערלעך? אין הימל, זעט איר? — פרעגט בער אין זיַין פאַרטראַכטקייט. ער זאָגט עס גלאַט אַזוי, זיך אָפּצו־רופן אויף חנהס רייד און ריַיסט ניט אָפּ זיַין בליק פון דער פאַר־גייענדיקער זון. קוקט ווי די צלמים האָבן זיך אַריַינגעשניטן אין דער רויטקייט, וואָס זי האָט צעגאָסן אַרום זיך.

— איך זע עס ר׳ בער. איך זאָג איַיך, אַז עס איז דאָ אַ גרויסער גאָט אין הימל — צעבינדט זיך ביַי חנהן די צונג — אָט דאָס וואָס איך האָב איַיך געטראָפן אין וועג, איז שוין פאַר מיר אַ סימן. איר

שטעלט אײַך פֿאָר? נאָר פֿינעף װיאָרסט װאָלט איך זיך געדאַרפֿט שלעפּן מיטן זאַק אױף די פּלײיצעס. און די שרעק פֿון זײַן אַלײן אין װעג, און דאָס איבערטראַכטן װעגן די קינדער אין שטוב? נו, זעט איר שױן אַז עס איז דאָ אַ גאָט, װאָס פֿאַרלאָזט ניט? קוקט, אָט זענען מיר שױן באַלד בײַם טאַרטאַק. דאָ ר׳ בער קאָן איך שױן אַלײן צוקומען צו מײַן שטוב. עס איז ניט אַזױ װײַט.

— נאָר אַ ביסל און מיר זענען נעבן אײַער שטוב. כ׳װעל אײַך שױן צופֿירן.

חנה איז צופֿרידן. עס װילט זיך איר זאָגן בערן אַ גוט װאָרט. זי, זעט ער, טראַכט זײער אָנגעשטרענגט. אַ פֿאַראינטערעסירטער, דרײט ער דעם קאָפּ צוריק צו דעם טאַרטאַק און קוקט כּסדר אַהין.

— ניטאָ דאָרטן קײן שפּענער — װיל זי אים אַרױסהעלפֿן. אים זאָגן װאָס עס טוט זיך דאָרטן — נאָר קלעצער. ניט לאַנג צוריק זענען געװען שפּענער. פֿול שפּענער.

בער קוקט זי אָן פֿאַרחידושט. זי זעט עס און הײבט אים אָן צו דערקלערן באַריכות:

— בעתן אָפּטשעשען די קלעצער, האָבן די מאַשינען אָנגעװאָרפֿן אַזױ פֿיל שפּענער, אַז ער האָט ניט געהאַט װו זיך מיט זײ אַהינצוטאָן. שטעלט אײַך פֿאָר, אַז יעזינסקי איז געװאָרן אַ גוטער. װער עס האָט נאָר געװאָלט, האָט געקאָנט קומען נעמען שפּענער. אַלץ הײסט געלאָזט. אין צװײ טעג האָט ער געװאָלט מען זאָל אים רײן מאַכן דעם גאַנצן פּלאַץ. שפּענער זענען דאָס געװען — גאָלד. װי איר זעט מיך אַ ייִדישע טאָכטער. זײ האַלטן מיר אונטער דאָס חיות. קױף איך אַ װעגעלע האָלץ, דאַרף מען דאָך עס אױף װינטער. און דאָס צעהאַקן? װער זאָל עס בײַ מיר טאָן? הכּלל, מיר האָבן זיך טאַקע אַ נעם־געטאָן ניט אױף אַ געלעכטער. איך, די קינדער, זאָלן געזונט זײַן. געגאַנגען הין און צוריק, ניט געזשאַלעװעט קײן כּוחות. אָנגעװאָרפֿן אַ פֿולן הױף. איך װאָלט נאָך געבראַכט. דאָס האָט דען אַ האָפֿט? װאָס איז עס דען װערט? עס ברענט גיך, װי שטרױ. דאַרף געשען די מעשׂה מיט יעזינסקען.

דערמאָנט יעזינסקעס נאָמען, האָט חנה באַמערקט אַז בער

האָט זיך אַ קער־געטאָן צו איר. און זי איז גאָרניט געווען אַזוי זיכער, אַז ער הערט איר דערציילן.

— האָב איך דאָך אַ מזל ווי אַ דראַנג — רעדט זי מיט מער קוראַזש — גיי איך מיר אַזוי מיט אַ זאַק שפּענער אויף די פּלייצעס.ביידע קינדער הינטער מיר שלעפּן אַ פולן קאָשיק און מײַן קליינע צירעלע, טראָגט נאָך אַ גרויסן שפּאָן. עס קומט צוניץ אַ שפּאָן. מיט אַ מאָל, איך זע, אַ ייִד שטייט בײַם וועג. מײַן דאגה. שטייט ער, זאָל ער שטיין. איך זע אָבער ער קוקט אויף אונדז און קוועלט. קוועלט און קוקט. אַ גדולה אויף זײַן באָבען, טראַכט איך. עס געפעלט אים קאָנטיק דער פּאַראַד מיט די שפּענער. עס זאָל אים זײַן אַזוי שווער ווי מיר, וואָלט ער ווייניקער געקוואָלן.

און ער? אַ מאַמע זאָל איך אַזוי זײַן צו מײַנע קינדער. ער פּוצט אַרויס דאָס בײַכל פּאָרויס און רופט זיך אָן אַ צופרידענער:

„וואָס זאָגט איר עפּעס ייִדענע צו די שפּענער? זיי ברענען גוט?"

— זײַ ברענען — רוף איך זיך אָן — ווי מיר אויפן האַרצן ברענען זיי. געזען אַ צוטשעפּעניש פון אַ ייִד?

„אַ ווילער ייִד יעזינסקי, לאָזט ער ניט אָפּ, העלפט אָרעמע מענטשן", זאָגט ער מיט הנאה.

— איך ווייס ניט וואָס מיט מיר איז געשען אין יענער מינוט. מאָדנע שווער האָב איך דערפילט דעם זאַק, אים אַראָפּגעלאָזט פון פּלייצע. נאָך אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. האָט מיר ווי אויף צולהכעיס דער נאָך אַ שטופּ־געטאָן און איך האָב אַרויסגע־בוויטשעט: „יעזינסקי זאָל זיך אַזוי מאַטערן, ווי איך מאַטער זיך אַ גאַנצן טאָג מיטן שלעפּן די שפּענער. קראַנק איז ער צו געבן מערער טעג אים אָפּצורוימען דעם פּלאַץ. ווו ברענט?" מער האָב איך גאָרניט געזאָגט. קיין איין וואָרט ניט. גיי ווייס, אַז דאָס איז דער בעל־דבר אַליין. ער איז עס טאַקע געווען. יעזינסקי. בקיצור ער האָט אָנגעזאָגט דעם סטרוזש, ניט אַרויפצולאָזן מיך אויפן פּלאַץ. איז וואָס זאָל איך טאָן? איין גאָט פּאַר אַלע שונאים. ער וועט מיך שוין ניט פּאַרלאָזן. הײַנט אינדערפרי, האָב איך זיך

דערוווסט אַז ער איז אַוועקגעפאָרן. בין איך פאַרטאָג אַרויס צום פלאַץ. דער סטרוזש מאַכט זיך ניט זען. עס גייט אים אין לעבן מיך אַוועקצוטרייַבן? האָט קאַנטיק ליב דעם באַלעבאָס ווי אויגן־וויטיק. איז אָבער שוין ניטאָ אויפן פלאַץ קיין איין שפּאָן. אַזוי ווי איך זאָג אייַך. קלעצער. נאָר קלעצער.

— איז ער ניטאָ הי, יעזינסקי — האָט בער אַ זאָג געטאָן ווי צו זיך אַליין.

נאָענט הערט מען שוין דאָס פליסן פון דער שטשאַרע. דער וואָגן פאָרט אַריבער די הילצערנע בריק. קייַקלען זיך די רעדער מיט רעש. איבערן טייַך שווימט אַ לאָדקע. דאָס פּאַטשן פון די וויאָסלעס ווערט אַלץ שטילער. זי דערווייַטערט זיך. דער הימל איז שוין פול מיט שטערן.

אין שטאָט איז בערן דושנע צווישן די אָנגעגליטע ווענט. פעלט אים לופט. דורך די צעעפנטע פענצטערס, זעט ער זיצן אַרום די טישן. די צייַט פון עסן וועטשערע. בערן קומען אויף די אָוונטן, ווען ער איז אַזוי פאַרפאָרן אַהיים, בעת לאה האָט נאָך געלעבט. זי איז געווען מיט די קינדער. די שטוב איז געווען אַ היים און אַלע האָבן געוואַרט אויף אים.

אַזוי, אַ פאַרטראַכטער פאַרהאַלט ער זיך בייַ חנה׳ס שטוב.

— גאָט זאָל אייַך באַצאָלן פאַר דער טובה — זאָגט חנה און לויפט מיטן זאַק, צו דער טיר.

— וויאָ סיווקע — טוט בער אַ צי די לייטשעס — עס איז אומעטיק, ברודערל, אומעטיק.

מיט שלומס אַוועקפאָרן קיין וואַרשע, האָט זיך בלומעס סדר פון לעבן געביטן. ער איז דאָרטן אַ פונקציאָנער, זיך אַרייַנגע־וואָרפן אין פאַרטיי־לעבן.

די פליכטן פאַרשלינגען זייַן צייַט. ער נוצט אָבער אויס יעדע געלעגנהייט צו זייַן בייַ בלומען. ס׳געשעט, אומגעריכט פאַלט ער אַרייַן צו איר, נעכטיקט איבער און פאַרטאָג איז ער שוין אין דער באַן. אָדער פאַרקערט. קומט גאָר פרי. די נאַכט איז ער אין

וועג. ער פֿאָרט אויף קאָנפֿערענצן, אָרגאַניזאַציע־פֿאַרזאַמלונגען אין שטעטלעך. גרייט צו די הכשרות. אים איז שוין אויך אויסגעקומען צו זײַן אין אויסלאַנד.

וויפֿל מאָל ער רעדט מיט בלומען, ווען איר אַריבערפֿאָרן קײַן וואַרשע, לייגט זי עס אָפּ. שווער איר צו לאָזן דעם טאַטן אַליין. די אומזיכערקייט פֿון דניאלס לעבן, דעם טאַטנס אומרו און זאָרג פֿאַר אים, זי וואַרט, וויל עס זאָל ווערן אַנדערש און ווייסט אַליין ניט ווען און ווי אַזוי.

בײַ איר מיט שלומען האָט זיך דווקא איצטער אײַנגעשטעלט אַ כּמו פֿאַמיליען־לעבן. פֿון וועג קומט ער גלײַך צו איר. עס געשעט, ער פֿאָרט אַוועק און באַוויַזט אַפֿילו ניט צו זען די עלטערן.

זײַן קומען מונטערט איר אויף. ווען זיי שפּאַצירן ביידע, גייען צו טאַטע־מאַמע, פֿילט זי זיך ניט געוויינטלעך גוט בײַ זײַן זײַט. אַז פֿרײַנד, צי חברים פֿאַרהאַלטן זיי מיט דער פֿרייד אים צו זען, איז זי אומגעדולדיק. טוליעט זיך צו אים. גיט צו פֿילן, אַז געקומען איז ער צו איר און זיי נעמען עס צו איר צײַט פֿון זײַן מיט אים. שלום פֿילט איר אומגעדולדיקייט. רעדנדיק גלעט ער איר האַנט, וויל זי זאָל זײַן רויִקער.

נאָך זײַן אַוועקפֿאָרן, פֿילט זי לאַנג די פּוסטקייט אין שטוב. איר איז אומעטיק. בלומע ווייסט ווו עס זיצן אירע חברים און חברטעס. דאָרטן אויפֿן גאַנעק איז פֿריילעך. מען פֿאַרברענגט, מען זינגט ביז שפּעט אין דער נאַכט. זיי אַלע וועלן זײַן צופֿרידן זי זאָל אויך אַרויסקומען. זי אָבער גייט ניט.

אין איינעם אַ פֿאַרנאַכט באַגעגנט זי סאָניען. ביידע פֿאַרהאַלטן זיך ביז שפּעט. סאָניעס ליבשאַפֿט און בענקען נאָך דניאלן דערנענטערט זיי.

אין די שיינע, זומערדיקע אָוונטן, ווײַזט זיך בלומע אָפֿט פֿאַרן טויער. ווי פֿריִער שטייט זי און קוקט צום וועג.

דאָ אין עק פֿון שטאָט איז שטיל. די שכנים, די מיעשטשאַנעס

גייען פרי שלאָפן. אין די הײַזער איז פאַרלאָשן דאָס ליכט. בלישטשען פינצטערע שויבן.

נאָר פון צענטער שטאָט דערטראָגט זיך אַזש אַהער אַ געזאַנג, געלעכטערס, אַ שטיפן פון יונגע חברה. זיי דערנענטערן זיך ביזן ראָג און פאַרקירעווען צום שאָסיי. שטייט בלומע נאָך אַ ביסל אויף דער ליידיקער גאַס און פאַרנעמט זיך צום שטוב.

לאַנג שלאָפט זי ניט אײַן. וואַרט, צוגעשפּיצט צום דרויסן, כאַפּט אויף יעדן שאָרך.

— שלום וועט הײַנט שוין ניט קומען — זאָגט זי זיך — און וואַרט דאָך.

עס געדויערט ביז זי שלאָפט אײַן.

5

די זון האָט זיך נאָר וואָס פאַרקליבן צום וואַלד און שוין זעט מען מאַניליכען אַרום שטוב. צוגעשטעלט די וועטשערע אויפן דרײַפוס, הייבט זי אָן יאָגן פון איין אַרבעט צו דער אַנדערער. וויקלט צונויף די ליַיוונטן, וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג זיך געבלייכט אויף דער זון. געמט אַראָפּ פון פלויט די לאַדושקעס, די דאַניצע. זי ווייסט אַליין ניט וואָס פריִער צו טאָן. אין קעמערל שטייט די „בויקע" אַ פולע מיט סמעטענע. מען דאַרף אויפשלאָגן די פוטער איידער עס זייערט איבער. אויפן גאָרטן מוז מען זיך אויך אַרויפּ־כאַפּן. אַזאַ געדיכטעניש אין די בוריקעס, אין די מערן. און אָט פאַלט שוין צו די נאַכט.

זי ציט זיך אויף די שפּיצן פינגער, נעמט די דלאָניע איבער די אויגן און קוקט צום פעלד. די טעכטער ווײַזן זיך ניט. און זי האָט בפירוש אָנגעזאָגט דער עלטערער, אָלגען, וואָס פריִער צו זײַן אין דער היים.

אויפן ליידיקן וועג זעט מען שוין זייער דראַבינע היי. סאָמע אויבן זיצט מאַנילע, אײַנגעזונקען אין דער ווייכקייט, אַז קוים מען זעט אים אַרויס. די לייטשעס ליגן לעבן אים און די פערד שלעפּן פאַמעלער.

איבערגעשראָקענע טוען זיך די חזירים אַ הייב אויף פון קאַלוזשע. גראָב באַלייגטע מיט בלאָטע, לאָזן זיי זיך לויפן אין דער ריכטונג פון גאָרטן.

דערזען דעם מאַן אָנקומען, פאַלט שוין מאַניליכען אַלץ פון די הענט. גיך וואַרפט זי די העלצלער אונטערן דרײַפוס און לויפט באַצײַטנס עפענען דעם ברייטן טויער.

מאַנילע גייט אַראָפּ פון וואָגן, נעמט דאָס פערד פאַרן צײַמל און פאַזע די עפּל־ביימער, פירט ער עס צום שײַער. דער

הויך אָנגעלאָדענער וואָגן היי, פאַרטשעפּעט די שפּיצן צווייַגן און וואַרפט הינטער זיך די עפּל אויף דער ערד.

— ווו זענען אָלגע, אַניוטע? — פרעגט מאַניליכע.

— זיי קומען מיט די גערטנער.

גיך פאַרמאַכט זי דעם טויער, הייבט אויף די אָנגעפאַלענע עפּל פון וועג, אין לויף פאַרוואַרפט זי זיי טיפער אונטערן בוים, זאָל מען זיי ניט צעטרעטן. מען דאַרף אויך אויפקלייַבן דעם „אַפּאַד" — טראַכט זי און קוקט צו די גערטנער.

— ניטאָ זיי נאָך.

— נאַטאַליע — שרייַט מאַנילע, שוין פון לעבן שייַער — די קינדער וועלן קומען שיק זיי אַרייַן צו מיר. נאָך הייַנט מוז מען ליידיק מאַכן די דראַבינע, מיטנעמען זי מאָרגן אין פעלד אַרייַן. מען קאָן ניט לאָזן דאָס היי אין דרויסן. עס קאָן רעגענען! זאָל נאָר מאָרגן שוין ניט גיסן — זאָגט ער שטיל צו זיך און קוקט צום הימל.

פייַער־רויטע שטיקער זון רייַסן זיך דורך די וואָלקנס, וואָס קנוילן איבערן וואַלד.

מאַנילע פירט אַרייַן דעם וואָגן אין שייַער. לאָזט אַרויס אַ געפּענטעטן ס׳פערד און גייט צוריק. אַרום און אַרום זעט מען קיינעם ניט. נאָר אין דערבייַיקן שייַער בייַ בערן, אַרבעט מען.

בערס באַלעבאַטישקייט, זעט ניט אויס ווי מאַנילעס. זי איז אָפּגעלאָזן, אויך זייַן שטוב אינעווייניק ווייעט מיט פוסטקייט. אומעטיקע שאָטנס שטייען דאָרטן תמיד. פון דרויסן קלעפּן די ביימער צו די שויבן, פאַרשטעלן די שייַן פון דער זון. גרויסע, אייַנגערעמטע פאָטאָגראַפיעס פון טאַטע־מאַמע, איבערן אַלטפרענקישן קאָמאָד, קוקן מיט שטאַרע אויגן פון הינטערן גלאָז.

הייַנט פאַרנעמט זיך בער מיטן רוימען, אַ ביסל גרוימער מאַכן אין שייַער. שוין לאַנג גענדאַרפט עס טאָן.

— אַיויש! — אַיויש! — דערהערט ער מאַניליכען שרייַען און לויפט אַרויס פאַרן טיר. זי שרייַט, וואַרפט אויף די חזרים

שטיינער, שטעקנס, וואָס נאָר עס קומט איר אונטער דער האַנט. לויפֿן זיי מיט אַ קוויטשערײַ וווּהין די אויגן טראָגן.

— געזען אַזעלכעס? חזרשע רילעס קאָנען — טענהט זי אין דער וועלט אַרײַן — פֿאַרקליבן זיך אין די אַרבעס און באַלעבאַ־טעווען ווי בײַ זיך אין קאַריטע. קוק נאָר וואָס זיי האָבן דאָ אויס־גערויעט!

בער שטייט פֿאַרן שײַער, ווי אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף. ער איז רויט, פֿאַרשוויצט. אויף זײַן גראָבן, לײַוונטענעם העמד, הענגט לויז אַ באַלעבאַטישע קאַמיזעלקע. געבליבן כּמעט נײַ נאָכן אָפּנוצן דעם אָנצוג. די הויזן פֿאַרשטעקט אין די שטיוול, וועלכע ער טראָגט סײַ זומער, סײַ ווינטער.

מיט דער שמאָלער סטעזשקע, הינטערן נידעריקן פּלויט קומען אָן מאַנילעס טעכטער.

— זדראַוו פּעטער בערקאָ! — טוען ביידע צוזאַמען אַ זונג.

— אַ גוטער טאָג אויף אײַך קראַסאַוויצעס — ענטפֿערט ער גוטמוטיק און נעמט פֿון זיי די אויגן ניט אַראָפּ. ער וויל דערקענען, צי ווייסן זיי די מעשׂה מיט וואַסיען.

— ווען קומסטו אַרויס אין פֿעלד, פּעטערל בערקאָ? דיר אַליין, וועט זײַן שווער. אַפֿילו אין צווייען מיט נאַסטיען, וועסטו זיך אויך ניט קענען געבן קיין עצה. וועסט מסתּמא אויך הײַ־יאָר דינגען וואַסיען צו דער אַרבעט. ער איז שוין פֿרײַ. זײַן פֿעלד שטייט שוין ליידיק. מיט אים קאָן מען עפּעס אויפֿטאָן, האַ?

די ייִנגערע, אַניוטע, באַגיסט זיך מיט אַ רויטקייט, אַ פֿאַרשעמטע ציט זי דער שוועסטער פֿאַרן קלייד. טוט איר אָלגע אַ שטורקע אין זײַט, אַזש זי פֿאַרקרימט זיך.

— אָלגאַ! אַניוטאַ! — רופֿט מאַניליכע — אײַלט אײַך, מיידן. דער טאַטע האָט געהייסן אים העלפֿן איבערלייגן דאָס היי אויפֿן בוידעם! גיכער! גיכער אין שײַער!

לאָזן זיי זיך לויפֿן דורכן סאָד.

לויט דעם ווי אָלגע האָט גערעדט, פֿאַרשטייט בער, אַז זיי

ווייסן פון גראַניט. אים אַליין רופּעט אָבער די מעשׂה מיט וואַסיען זייער שטאַרק.

ווי פּאַקט מען אים — טראַכט ער — אַליין וועט ער זיך ניט יאָווען. און וועט ער בכלל נאָר ווען קומען?

בער ווייסט זייער גוט, אַז ווען ניט די שכנהשאַפט מיט מאַנילען, וואָלט ער שוין וואַסיען געזען, ווי דעם נעכטיקן טאָג. זײַן גליק איז אָבער דאָס, וואָס עס ציט דעם יונג צו אַניוטען, מאַנילעס יינגערע טאָכטער. ער האָט יענע השגה.

בין איך אפשר טאָקע אַ ביסל צו היציק געווען? — טראַכט ער שוין צום ווײַפלטן מאָל — אַז דער שוואַרציאַר האָט אים אָנגעטראָגן יענעם זונטיק. געמיינט האָט ער טאָקע נאָר צו זען אַניוטען. פאַרלאָפּעט זיך אין דער מויד ניט אויף אַ געלעכטער, האָט זי נעבעך, אַ צו רײַכן טאַטן פאַר אים. אַ צו גרויסער יחסן דער מאַנילע.

בער האָט וואַסיען ליב. ניט ווײַט פון יאָדלע וווינט ער אין יאַנאָוויטש. איז אַ זון פון אַ באַטראַק. דערפאַר טאָקע קאָן ער זיך אָנדינגען צו בערן, אים העלפן אין פעלד. אַן ערלעכער דער וואַסיע. אַרבעט ווי פאַר זיך אַליין. בערן געפעלט אויך ווי ער זעצט זיך אַוועק צו זײַן טאַרבע עסן, פונקט אַנטקעגן איבער מאַנילעס ברונעם. ער קוקט כּלומרשט אין ערגעץ ניט און ווייסט גענוי, וואָס אויף יענער זײַט מעזשע טוט זיך. קוים באַמערקט ער, אַז מאַנילע איז ניטאָ, טוט ער אַ הייב אויף אַ טרוקענעם „האָווניאַק" און וואַרפט אים מיט געשיקטקייט אויפן אַנדערן פעלד, וווּ עס שטייען די געדונגענע שניטערקעס מיט מאַנילעס טעכטער. ער צילט אין אַניוטען און טרעפט. צעלויפן זיך אַלע ווי איבערגעשראָקענע פייגל. פילדערן, לאַכן. איין אַניוטע רײַבט אַ ברוגזע דאָס אָרט, וווּ וואַסיע האָט איר געטראָפן ווי מיט אַ שטיין.

— ער האָט דיך ליב, אַז ער וואַרפט דיר מיט האָוניאַקעס — טרייסט זי אַלגע. וואַסיע הערט עס פון ווײַטן, לאַכט אין די וואַנסעלעך און נעמט זיך רויִק צום עסן, ווי ער וואָלט עפּעס זייער וויכטיקס אָפּגעטאָן. אויך בער פרייט זיך מיט און ווייסט אַליין

ניט פאַר וואָס. אָט קוקט ער אויף וואַסיען, אויף די מיידן, ווידער אויף וואַסיען און אַ ייִנגלשע התפעלות צעשפּילט זיך אויף זײַן פּנים.

דאַרף געשען די מעשׂה מיטן ווערוריק — קרעכצט בער אַן אומצופרידענער.

געווען איז עס זונטיק. גאַנץ פרי איז וואַסיע אַרויסגעקומען. אַן אויסגעפּוצטער אין די בלויע קאַרטענע הויזן מיט דער ווײַסער רובאַשקע. ער האָט זיך געדרייט בײַ בערן אין סאָד, געקוקט צום אַנטקעגנדיקן הויף. ניט שווער געווען צו פאַרשטיין, וואָס ער איז אויסן. דאָרטן האָט מען אָבער קיינעם ניט געזען.

בער, אַ פאַרנומענער, האָט געהאַלטן אין צוקלײַבן עטלעכע גלײַכע ברעטלער, געוואָלט פאַרריכטן דעם פּלויט. מיט אַ מאָל איז ער שטיין געבליבן. ער האָט באַמערקט וואַסיען זייער אָנגעשפּיצט, קוקן צו דער סאַזשלקע. און באַלד דערזען וואָס דאָרטן קומט פאָר: אַ קליין, ברוין ווערוריקל איז געלאָפן בײַם ראַנד, אַרומגעקרײַזט אַ צעשפּילטער.

ווי קומט עס אַהער? פאַרבלאָנדזשעט זיך מסתּמא. האָט אפשר דער בוים וואָס שפּיגלט זיך אין וואַסער, פאַרנאַרט דאָס באַשעפעניש. אין בערס אויגן האָט עס אויסגעזען שיין ווי די גאַנצע וועלט. האָט ער אַ פאַרגאַפטער געשעפּט נחת.

— האָ, האָ! — האָט וואַסיע הויך געלאַכט.

בער האָט אַפילו געמאַכט אַ באַוועגונג, ער זאָל זײַן שטיל, ניט איבערשרעקן דאָס חיהלע. יענער האָט אָבער ניט געזען. גאָר פלוצלינג זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. אַ ווײַלע, און שוין איז ער געווען בײַם ברעג. מיט דעם פוס דערלאַנגט אַ שטויס דעם ווערוריקל.

— ניטאָ אים! האָ, האָ, ניטאָ אים! — האָט ער נאָך העכער געלאַכט, באַגײַסטערט פון זײַן אייגענער בריהשאַפט.

אויסער זיך איז בער צוגעלאָפן צו דער סאַזשלקע. געזען האָט ער שוין נאָר אַ קרײַז אויפן וואַסער, ווי אַ שטיינדל, וואָלט אַראָפּ־

געפאַלן צום גרונט. אין קריַיז האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אַ צווײַג פון בוים און לעבן אים וואַסיעס צעלאַכט פּנים.

— וואָס האָסטו געטאָן ראַזבויניק? וואָס האָט דיך געאַרט, אַז דאָס ווערוריקל לעבט? — האָט בער געשריִען און רויט פון כּעס אָפּגעשטעקט וואַסיען אַ פּראַסק.

דער פּאַטש האָט אַזוי פאַרהילכט, אַז בער האָט זיך אַליין דערשראָקן און אָנגעקוקט דעם יונג אַ ביסל צעטומלט.

דאָס געלעכטער אויף וואַסיעס פּנים האָט זיך פאַרקרימט. ער האָט אויסגעזען ווי אַ קינד פאַרן צעוויינען זיך. פון אונטן אַרויף האָט ער גיך געוואָרפן אַ בליק צו מאַנילעס גאָרטן. באַלד האָט ער זיך אָנגעגאָסן מיט רויטקייט און רציחה. זײַנע אויגן האָבן אָפּגעמאָסטן בערן אין זײַן גאַנצער גרויס. ווידער האָט ער אַ קוק געטאָן צו מאַנילעס הויף און מיט געצוימטקייט פאַרנומען זיך צום טויער.

ווי שיין דאָס האָט געלעבט — האָט בער נאָך לאַנג ניט געקענט זיך באַרויִקן. ווען דערטרינקען אַזאַ ליכטיק באַשעפעניש. אַזאַ שיינקייט.

פון יענעם זונטיק אָן, האָט בער וואַסיען ניט געזען. און דעם אמת געזאָגט בענקט ער נאָכן יונג. זיך צוגעוווינט צו אים. אָן אייגענער דער וואַסיע. אָבער נאָך איצטער באַפאַלט אים אַ צער, ווען ער דערמאָנט זיך דאָס ווערוריקל. אָן אומעט פאַרקלײַבט זיך אין זײַנע אויגן, וועלכע זענען תּמיד באַצויגן מיט אַ מאַטע פּײַכטקייט.

— אַ קאַליע־געמאַכטע וועלט — קרעכצט ער — אַזוי פיל רשעות, אַזוי פיל רשעות.

6

אַ גאַנצע נאַכט גיסט ווי מיט צעבערס. בליצן שפּאַלטן דעם הימל. יעדער דונער הילכט אָפּ קורץ און שטאַרק. דער וואַלד שטורעמט, קרעכצט אין געדריי פון ווינט. שמײַסט דער רעגן אין אַלע זײַטן. כליאַפּעט אויף די שויבן, אויפן דאַך. קוים ווערט ער אַ ווײַלע קלענער, הערט מען דאָס וואָיען אין קוימען. די זאַסלינקע רוקט זיך הין און צוריק, רײַבט זיך אָן אויוון. ביז זי טוט אַ פאַל מיט אַ טראַסק אויף דער פּאָדלעגע.

שוין לאַנג אַז בער שלאָפט ניט. אײַנגעגנורעט אין בעט, קרעכצט ער אויף דער תּבֿואה אין פעלד. דאָס אויבס וואָס שיט אין די סעדער. צווײַגן וועלן זיך אָפּברעכן. גאַנצעביימער וועט אויס־קאָרטשען אַזאַ שטורעם. ער איז אויך אומרויִק פאַר בלומען. דאָס דונערן האָט זי געוויס אויפגעריסן פון שלאָף. זי שרעקט זיך מסתּמא. האָט זי כאָטש פאַרמאַכט אַלע פענצטער? שלום איז געוויס אין וואַרשע. אָט קומט ער, פאָרט צוריק. געווען אַ צײַט, בער האָט געמיינט, זיי גייען חתונה האָבן. שפּעטער פאַרשטאַנען אַז זיי האַלטן ניט פון קײַן חופּה. איצטער ווייסט ער שוין אינגאַנצן ניט. ער איז דאָרטן, זי דאָ. אַ וועלט...

בער טראַכט אויך נאָך, ווער איז דער אילושע. אַ מאָדנער בחור. אינגאַנצן ניט אומשולדיק, זעען אים אויס זייערע טרעפונגען דאָ, אין דאָרף.

יונגע מענטשן. שלום איז אין וואַרשע, זי דאָ — פאַרענטפערט בער בלומען. ער האָט זי ליב ווי דאָס לעבן.

אָנגעהויבן האָט זיך עס אין איינעם אַ שבת. אומגעריכט איז בלומע געקומען אין דאָרף און באַלד טאַקע זיך באַוויזן בײַ בערן אין פעלד.

— וואָס קאָן איך דיר העלפן, טאַטע?

— גאָרניט — איז בער געווען גליקלעך זי צו זען. אָט פאָרן מיר גלײַך אַהיים. האָסטו באַגעגנט נאַסטיען?

— יאָ. זי איז געגאַנגען קאָכן וועטשערע.

נאָך גוט ליכטיק געווען בעת זיי זענען געקומען אַהיים. דעם גאַנצן אויפדערנאַכט איז בלומע געווען אומרויִק. אינמיטן עסן עטלעכע מאָל אַרויס אין פירהויז. זיצנדיק בײַם טיש כסדר געקוקט אין פענצטער, צום וועג. בערן איז אײַנגעפאַלן, אַז זי וואַרט אויף שלומען. זיי ווילן אים מאַכן אַ סורפריז. ווען עס איז געוואָרן פינצטער, האָט זיך באַוויזן אַ פרעמדער יונגער־מאַן. בלומע האָט ממש אויפגעשײַנט, בעתן דערזען אים.

— באַקען, טאַטעלע, אונדזער גאַסט. ער הייסט אילִיושע.

— זייער פײַן — האָט בער געשטוינט און געשמייכלט פון בלומעס גרויסער פרייד. וואָלסט געזאָגט עס וועט קומען אַ גאַסט, וואָלטן מיר געוואַרט מיט דער וועטשערע.

— עס איז גוט אַזוי. ביסט געוווינט צו עסן פרי — האָט בלומע געענטפערט. איך בין אויך ניט געווען זיכער, אַז אילִיושע וועט קומען. זעץ זיך, אילִיושע, צום טיש. כ'וועל דיר געבן עסן.

— איך בין ניט הונגעריק. אַ דאַנק.

בער איז נאָך אַ ביסל געזעסן צוזאַמען מיט זיי. אילִיושע איז געווען אינגאַנצן ניט באַרעדעוודיק. האָט ער זיך דערפילט איבעריק, געזאָגט אַ גוטע נאַכט און געגאַנגען שלאָפן.

עטלעכע מאָל האָבן זיך ביידע אַזוי געטראָפן אין דאָרף. לויט זייער אויפפירן זיך, האָט בער געוואָרט, אַז בלומע זאָל אים עפּעס נײַס דערציילן. אָבער אַזוי פלוצלינג ווי אילִיושע איז געקו־מען, אַזוי אומגעריכט איז ער פאַרשווּנדן. ווייסט ניט בער צי זיי טרעפן זיך. אין שטאָט האָט ער אים קיין מאָל ניט באַגעגנט. דאַקעגן האָט ער שוין עטלעכע מאָל געטראָפן סאָניען — דעם דאָקטערס טאָכטער. אַ מאָל פלעגט זי אָפּט אַרײַנקומען, צו דניאלן. בער האָט אַפילו געמיינט אַז זי גייט ווערן זײַן שנור. איז דאָך אָבער דניאל פאַרקאָכט אין פּאָליטיק. זעט אויס אַז סאָניע אויך. בער דערטראַכט זיך, ווי תּמיד, צו זײַן שווערן אָפּזיפצן.

דער שטורעם, אין דרויסן, הערט ניט אויף. בער גייט אַראָפּ פון בעט, טוט זיך אָן אין דער פינצטער. וויל אַ קוק טאָן צום פערד, צו דער בהמה.

אין שטאַל איז נאַס, אָנגעטריבן פול וואַסער. ביאַלע האָט זיך פאַררוקט גאַר טיף צו דער וואַנט. ביז בער האָט זי באַמערקט, אין סאַמע ווינקל, האָט ער זיך גוט דערשראָקן.

וויפיל גנבות קומען פאָר אין אַזעלכע נעכט?

צוריקגעקומען אַ נאַסער, ווישט ער זיך אַרום, טוט זיך אויס און גייט צוריק אין בעט. עס איז נאָך נאַכט. לאַנג אָבער קאָן ער ניט איינשלאָפן.

דער רעגן האָט אויפגעהערט גיסן. שיטערע וואָלקנס טראָגן זיך איבער יאָדלע, ווי אַ מוטנער טייך. דערנאָך קומען לאַנגדויערנ־דיקע דונערן, ווי שווערע שטיינער וואָלטן זיך קייקלען פון גאַר הויך. הינטערן וואַלד רעגנט נאָך. אין שטוב איז פינצטער. בער קאָן אָבער מער ניט איינשלאָפן אין בעט. ער טוט זיך אָן. שפּאַנט איין דאָס פערד און פאָרט אין שטאָט. סיוועקע גייט דעם אויס־געטראָטענעם וועג, שלעפּט איבער קאַלוזשעס, די רעדער שפּריצן, פּליעסקען, ביז זיי קומען אַרויף אויפן שליאַך, דאָ זינקען זיי אין ווייכן, נאַסן זאַמד.

עס שאַריעט. גיך ווערט די גרויקייט אַלץ העלער. ביים שאָסיי, אויף אַ סלופּ, פאַרריכט שוין עמעץ די עלעקטרישע דראָטן.

— גאָט העלף! — באַגריסט אים בער — שוין אַרבעטסטו?

— מען מוז באַצייטנס פאַרריכטן, פאַרהיטן פון אַן אומגליק. דער שטורעם האָט אָנגעמאַכט צרות.

פיל טויטע, דורכגעווייקטע פייגל וואַלגערן זיך אויפן וועג און אונטער די ביימער.

— אַ נאַכט געווען — זאָגט בער, קוקנדיק אויף זיי מיט צער.

מיטן טאָג צו גלייך גרייכט ער קיין דובאָווע. די שטאָט שלאָפט נאָך. צוגעקומען צו זיך, קוקט זיך בער אַרום דערשראָקן.

דער גרויסער טויער צום הויף, איז ברייט צעעפנט. אַ פּאַרכליאַפּע־טער מיט בלאָטע שטייט ער קרום, ממש אויסגעבויגן.

זאָל האָבן דער ווינט אים אויפגעריסן? — טראַכט בער — איז וואָס זענען די סימנים פון אויטאָ־רעדער, וועלכע פירן צו דער טיר? אויך איז שוין ליכטיק אין שטוב. אַזוי פרי?

— בלומע? שלאָפסט שוין ניט? — איילט ער אַריין אין שטוב — בלומע!

אים קומט אַנטקעגן סאָניע. אירע אויגן רויט. האָט זי געוויינט?

— פאָרשט ער — וואָס איז געשען? ווו איז בלומע? וואָס איז איר? בלומע!

— באַרויִקט זיך בער, בלומע... זי איז...

— ווו איז זי?

— זי איז אַרעסטירט.

— בלומע? זיי האָבן גענומען בלומען? דאָס זוכן זיי דניאלן?

— ניין.

— איז צוליב וואָס האָבן זיי זי גענומען?

— מען האָט זי געכאַפּט ביים דרוקן פלוג־בלעטלער.

— בלומע? בלומע האָט געדרוקט פלוג־בלעטלער?

אַ צעחושטער שפּאַנט בער איבערן שטוב און קאָן עס נאָך אַלץ ניט באַנעמען. עס גלייבט זיך אים ניט.

אין איר צימער, אויף דער פּאָדלאָגע, זענען אַנגעוואָרפן ביכער, זשורנאַלן, וועש, שיך. אַלץ איז צוזאַמענגעמישט.

— דאָ? אין שטוב האָבן זיי געדרוקט?

— ניין. ביי שמואל נחמנס. צוזאַמען מיט שמואלן און פייגל דעם מעל־סוחרס טאָכטער. שפּעטער זענען זיי געווען דאָ. געזוכט.

— ווו איז זי איצטער?

— אין קאָמיסאַריאַט.

אָן צו זאָגן אַ וואָרט, גייט בער אַרויס פון שטוב. שפּאַנט אויס דאָס פערד. פירט עס אָפּ צום שטאָל און איילט אַוועק צום פּאָליציי־צירקל. ער בראָזשעט גיך. די שטיוול קראַכן איבערן ברוק. אַ פּאָר־

סאָפּעטער ציט ער דעם קערפּער פּאָרויס און פּילט ווי די פּיס האָקן זיך אים אונטער.

הינטער די פּאַרהאָנגענע פענצטער פון קאָמיסאַריאַט, שטייט גיטל די אויבסהענדלעריז, שמואלס מאַמע, מיט פאַרוויינטע אויגן.

מיטן טלית אונטערן אָרעם, לויפט רב נחמן פון ערשטן מנין, גלייך אַהער. זיין באָרד ציט פּאָרויס און די אויגן פינטלען פון צעטראָגנקייט.

— נו? — פרעגט ער נחן — וואָס טוט מען?

נח קוקט אים אָן בייז און שווייגט. טוט אַ וואָרף אַ נאָך בייזערן בליק און גייט אַוועק. לאָזט זיך צו דעם הינטערשטן אַריינגאַנג פון קאָמיסאַריאַט.

— רב נח, מען זעט עמעצן? — לויפט אים נחמן נאָך אַ פאַרצווייפלטער.

— נו, נו — ברומט נח אַרויס און גייט זיין וועג.

— מען דאַרף רחמים פון אייבערשטן — בלייבט נחמן שטיין. ער פילט זיך שולדיק וואָס ביי אים אין שטוב איז עס אַלץ געשען.

בער קומט צו צו דעם רעדל, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעקליבן. ער שטייט און שווייגט צוגעשפּיצט צו יעדן וואָרט וואָס עמעץ זאָגט אַרויס.

— זיי בלייבן דערווייל דאָ — קומט צו נח מיט דער נייס, זאָגט עס גאָר שטיל, בסוד.

— איר האָט זיי געזען?

— מען לאָזט דען צו?

— איז ווער האָט אייך געזאָגט?

— יאָקנעהאָז. זייט ניט אַזאַ שוטה — זידלט נח אָפּ נחמנען.

אַ הילפלאָזער, אָן קיין שום אויסזיכט צו קענען עפּעס טאָן, גייט בער צוריק אַהיים. שפּאַנט דאָס פערד און פאָרט צוריק אין דאָרף אַריין. ער ווייסט, די אַרבעט ברענט און נאַסטיע איז אַליין.

אַז נאַסטיע דערהערט די ביטערע בשורה, ברעכט זי אויס אין אַ געוויין. זי הערט גאָרניט אויף זיך צו צלמען — ניעדאָליאַ,

ניעדאַליאַ — ווישט זי מיטן פאַרטוך איר נאַס פּנים פון טרערן.

— באַלעבאַס, איך מאַך אַ פּעקל און איר פאָרט צוריק אין שטאָט אַריַין. פאָרט, באַלעבאַס. זײַט אויפן אָרט.

געהאָרכזאַם ווי אַ קינד, אַ געבויגענער, נעמט בער ווידער דאָס זעקל האָבער אין וואָגן. פּאָיעט אָן דאָס פערד. זיצט מיט די לייצעס אין די הענט און וואַרט. נאַסטיע לייגט אויף דאָס פּעקל. זי דערלאַנגט אים אַ לײַוונטענע טאָרבע. אין איר ליגט אַ לאַבן ברויט, אַ שטיקל פּוטער, עטלעכע ציבעלעס, אַ שטיקל קעז, אַ ביסל צוקער און אַ ביסל זאַלץ.

בער פאָרט צוריק קיין דובאָווע.

אין שטוב באַגעגנט אים ווידער סאָניע מיט רויטפאַרוויינטע אויגן. זי זעט אויס זייער מיד.

— זי שלאָפט.

— ווער?

— בלומע.

— וווּ?

— דאָ, בײַ איר — ווײַזט זי מיטן פינגער, בער זאָל רעדן שטיל.

— שוין צוויי נעכט, זי האָט קיין אויג ניט צוגעמאַכט.

בער טוט אויס די שטיוול. ניט אַראָפּוואַרפנדיק די אָניטשעס פון די פיס, גייט ער אויף די שפּיצן פינגער. ער זעט און גלייבט ניט די אייגענע אויגן. בלומע שלאָפט טאַקע. בלייך, דאָס פּנים אויסגעצויגן. קיין שפּור ניט פון איר געמיטלעכקייט. כּולו צער זעט זי אויס. פּלוצלינג ווי געטראָפן פון אַ ביס, שפּרינגט בער אָפּ פון בעט.

— סאָניע, — פרעגט ער דערשראָקן פון אייגענעם געדאַנק — פאַר וואָס האָט מען זי באַפרײַט?

— שמואל נחמנס האָט אַלץ גענומען אויף זיך. ער טענהט אַז די מיידלעך וויסן פון גאָרניט. זיי זענען נאָר אַרײַן צו דער מאַמען קויפן עפּל. אין יענעם מאָמענט האָט ער פּונקט צעוויקלט אַ פּעקל, וואָס ער האָט געפונען אין גאַס.

— נו?

— נח האָט שוין געטאָן וואָס מען דאַרף, אַז דער ענין זאָל טאַקע אויסזען אַזוי. עס וועט אים מסתמא קאָסטן אַ זעקל מעל.

— האָט מען אַלע באַפרײַט?

— ניין. שמואלן פירט מען אָפּ אין טורמע. שווער צו גלייבן, אַז אויך אים זאָל מען באַפרײַען. זיי קענען אים. ער איז אָבער אַ בראַוווער בחור און וועט זיכער קיינעם ניט פאַרשיטן.

בער קוקט אויף סאָניען — צעחושט. ווידער שטייט ער איבער בלומען. וויל זי ניט וועקן.

— זי איז זייער מיד — שעפּטשעט ער בעתן אַרויסקומען — זאָגט איר אַז אפשר נאָך הײַנט וועל איך צוריקקומען. אַ סך אַרבעט אין פעלד. בײַנאַכט וועל איך קומען. יאָ. איך וועל נאָך הײַנט דאָ זײַן.

די זון שטייט שוין הויך. אין וואַלד זעט מען זי אינגאַנצן ניט. דאָ איז טונקל און פײַכט. עס שמעקט מיט שוועמלעך און מאָך. די בלעטער האַלטן נאָך אויף זיך רעגנטראָפּנס. שווערע, אָפּגע־בראָכענע צווײַגן, פאַרשטעלן דעם וועג.

— אײַל סיווקע. עס ווערט שפּעט. שוין באַלד נאָכן טאָג!

דאָס פערד גייט זײַן וועג. בער וויל זיך עפּעס דערמאָנען און קאָן ניט דערכאַפּן, וואָס עס רופט אים.

דניאל — טראַכט ער — געמיינט אַז נאָר ער... און דאָ... גאָר בלומע. ווי אַלץ חזרט זיך איבער. דאַכט זיך ערשט נעכטן איז עס געווען... מען האָט אַרעסטירט לייזערן. די מאַמע האָט אויס־געוויינט די אויגן און דער טאַטע האָט איר אויסגערעדט: „האָסטו ניט געוווּסט פריִער, אַז סוף־כּל־סוף וועט עס געשען?“ ווען מען האָט אָבער מיך אַרעסטירט, האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט גלייבן. ניט דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז איך זיץ ניט אין ישיבה, בײַם לערנען. און וואָס האָט זיך פון אַלעם אויסגעלאָזט?

די נאַסע צווײַגן פאַרטשעפּען זיך, שפּריצן אים אין פּנים. ווישט ער זיך מיטן אַרבל.

— שטיי סיווקע — טוט ער זיך פלוצלינג אַ כאַפּ — און

שמואלן? האָט דאָך סאָניע געזאָגט, אַז אים פירט מען אָפּ אין טורמע.

ער פאַרקירעוועט דאָס פערד אויף צוריק.

— מען מוז זײַן בײַ נחמנען. — ווי ער זאָל זיך פאַרענטפערן פאַר נאַסטיען גיט ער צו אויפן קול — פאַרשטייסט? זײַן זון האָט מען אָפּגעפירט אין טורמע. ער האָט אַלץ גענומען אויף זיך.

*

שלום איז צערודערט. נאָר וואָס איז צו אים דערגאַנגען די ידיעה וועגן בלומעס אַרעסט און שוין איז ער אין דובאָווע.

— איך פיל מיך שולדיק, בלימעלע. — רעדט ער האַלב צו זיך, האַלב צו איר. עפּעס האָב איך פאַרזען.

זי קוקט אים אָן און קוועטשט מיט די פּלייצעס.

— יאָ, יאָ. כ'האָב ניט געטאָרט דיך לאָזן אַליין. ביסטו אַוועק אויף פרעמדע וועגן. ס'טוט אַזוי ווײ. ניט פאַרשטאַנען דײַן ניט וועלן רירן זיך פון דובאָווע. ווי האָב איך געוואָלט זאָלסט קומען צו מיר. האָט דאָס די פּאַרטיי דיך געהאַלטן דאָ? האָט מיר געקאָנט אײַנפאַלן, אַז עפּעס באַהאַלסטו פון מיר?

— עס איז ניט אַזוי, שלום. ניט אַזוי. — שטאַמלט זי אַליין ניט זיכער מיט דעם וואָס זי הערט זיך זאָגן. זי זעט אים זייער אײַנגעבראָכן. אַזוי נאָענט און אייגן איז ער איר. און דאָס אַלץ וואָס זי האָט אים געהאַט צו דערציילן? טראַכט זי, ווי איז עס מעגלעך ער זאָל ניט וויסן וועגן איליושען? איצטער געדענקט זי ניט, אַז איליושעס יעדער בליק, יעדער באַריר פאַרדרייט איר דעם קאָפּ. ברענגט זי צו כּסדרדיקער גרייטקייט זיך אײַנצושטעלן אין געפאַרן. לאָזט זי איבער ווי אין אַ נעפּל, וווּ אַלץ איז פאַרהוילן. ווי עס ציט זי צו זײַן מיט אים, כאַטש נעבן אים.

איצטער איז איר אַ שאָד וואָס שלום פאָרט אַוועק. איז גרייט זיך שלעכטס טאָן אַבי ער זאָל ניט לײַדן.

איז ער אפשר גערעכט, ווען ער זאָגט אַז זיי דאַרפן זײַן צוזאַמען? איז עס ניט צו שפּעט? — לויפט איר דורך אַ געדאַנק.

און ווידער גייט אַלץ ווי געווען. שלום פאָרט אַוועק, קומט און פאָרט צוריק צו זײַן אַרבעט.

אַט זיצן זיי ביידע בײַם אָוונט־ברויט.

— איז ווי לעבט זיך דיר, בלימעלע?

— איך ווייס ניט, שלום. איינס איז זיכער. עס איז אַזוי ווי עס טויג ניט.

— אַז דו זעסט עס אַזוי, איז שוין גוט. איז געקומען די צײַט צו ענדערן. עס איז באמת אוממעגלעך אַזוי צו לעבן. די הוצאה איז זייער גרויס. מיט מײַן פאַרדינסט קאָרמע איך די באַן. וואָס ביסטו אַזוי פאַרטראַכט? וואָס מיינסטו? זאָג דײַן קלוג וואָרט.

— איך דאַרף דיך האָבן, שלום. וועסט זײַן מיט מיר, וועט זיך אַלץ אויסקלאָרן. איך וויל ניט עס זאָל זײַן אַזוי. עס טויג ניט. לאָז מיך ניט אַליין. פאַרשטייסט? — עס קאָן דאָך אַזוי ניט זײַן...

— פאַרלויפן אירע אויגן מיט טרערן.

— הײַנט מוז איך דאָך פאָרן. מאָרגן פרי האָב איך אַ זיצונג און באַלד גייט אָפּ די לעצטע באַן. קום, פאָר מיט מיר.

זי קוקט אים אָן, איר אומבאַהאָלפנקייט רירט אים.

— נו, זיי רויִק, בלימעלע. גאָר גיך וועל איך צוריק־קומען. אפשר נאָך די וואָך. כ׳וועל דאָ בלײַבן לענגער. מען דאַרף אַלץ באַשטימען, אײַנאָרדענען. זען דעם טאַטן. און אַלץ וועט ווערן אַנדערש. מיר וועלן וווינען צוזאַמען, האָבן אַ קינד...

— אָ, ניין, ניט איצטער, שלום — איז זי דערשראָקן — ניט איצטער.

— „ניט איצטער" שפּעט ער איר נאָך. און פאַר וואָס? האָסט דאָך אַזוי געוואָלט האָבן אַ קינד. איצטער וואָלט עס אַלץ געענדערט צום גוטן.

— עס טאָר ניט געשען.

— אַזש אַזוי. ווילד בלימעלע, אַן אויסגעטרוימט מאַמעלע וועסטו זײַן. „נישט איצטער" האָסטו דאָך שוין ניט קיין אַכצן יאָר.

— איז עס מסתּמא שוין צו שפּעט.

— צו שפּעט? פאַרשטיי, מײַן אַלטיטשקע, אַ קינד וואָלט אונדזביידן געפירט צו אַ נאָרמאַל לעבן.

— איך טאָר איצטער ניט פאַרשוואַנגערן. שלום, זאָגסטו עס גלאַט אַזוי, אָדער... איך שוואַנגער ניט? איך טאָר ניט... איך האָב מורא...

— אַזש מורא. און וואָס קאָן אונדז געשען, ווען מיר האָבן אַ קינד? — ווערט שוין שלום ערנסט — לאָמיר זאָגן. שטעל זיך פאָר. דו שוואַנגערסט.

אַ ווײַלע איז זי צעטומלט.

— וועל איך קיין קינד ניט געבוירן — זאָגט זי דעצידירט.

שלום קוקט אויף איר לאַנג. זי האַלט ניט אויס זײַן בליק. טוט זיך האַסטיק אַ הייב פון אָרט. קלײַבט צוזאַמען די טעלערס פון טיש און פאַרנעמט זיך צו דער קיך. ער פאַרהאַלט זי. נעמט אַרויס די טעלערס פון אירע הענט, שטעלט זיי צוריק אויפן טיש. זעצט זי אַוועק אויף זײַנע קני.

— דאָס האָט די פאַרטיי דיר פאַרבאָטן צו שוואַנגערן?

— שלום, מוזט הײַנט אַוועקפאָרן?

— איך מוז, טײַערע. יאָ, עס איז ניט גוט אַזוי. דו בלײַבסט אַליין. אָבער ווי געזאָגט, גאָר גיך וועל איך זײַן צוריק. עס ווערט שפּעט — טוט ער זיך אַ שטעל אויף.

— דו וויינסט? — ער נעמט אַרויס אַ טיכל ווישט אויס אירע אויגן, קושט זיי אויס און לאָזט זיך גיין. שוין פון טיר קערט ער זיך צוריק.

— זײַ רויִק, בלימעלע, דו שוואַנגערסט ניט. עס וועט אָבער געשען בקרוב. ביידע וועלן מיר באַשליסן צו האָבן אַ קינד. נו, נו, האַלט זיך קליינע. גאָר גיך וועל איך זײַן צוריק.

7

נאַסטיע, בײַ דער קו אין שטאַל, זעט דורך דער אָפענער טיר דעם באַלעבאָס. ער קומט פון פעלד. אים אויף צולהכעיס, אײַלט זי זיך ניט. זעצט זיך בער צום ליידיקן טיש און וואַרט.

ענדלעך באַווײַזט זי זיך. אַ שווײַגנדיקע לייגט זי אַוועק אַ גרויסן לאַבן ברויט, ברענגט פוטער. מיט דער זעלבער געלאַסנקייט, גייענדיק נאָך יעדער זאַך באַזונדער ברענגט זי אַ שיסל קאַלטן שטשאַוו, פאַרבראָקט מיט ציבעלע און גייט אַוועק.

זי איז אָנגעברוגזט — טראַכט בער. זײַטיק קוקט ער איר נאָך. זעט ווי זי הייבט די היפטן, וויגט זיך ווי אַ גאַנדז.

— נו, און דו נאַסטיע? פאַרוואָס זעצטו זיך ניט צום טיש?

— באַלד, באַלעבאָס — ענטפערט זי פון פירהויז, און שוין הערט ער אירע טריט אויפן הויף.

בער איז הונגעריק, נעמט זיך צום עסן. ער קײַט מיט הנאה, אַזש עס ווערט אים הייס. צעשפיליעט ער דאָס העמד. ווישט זיך דעם שווייס פון דער האָריקער ברוסט, אָפגעגעסן, טוט ער אַ וויש מיט דער האַנט די וואָנסעס, די באָרד. זײַן פנים איז רויט, גלאַנצט.

שוין אַ זאַטער, מיד ביז שלעפעריקייט, זעט ער ווי נאַסטיע רוימט אַראָפ פון טיש. מיט פאַרמרוזשעטע אויגן קוקט ער אויף אירע דיקע הענט, דעם פאַרברוינטן האַלדז און בײַ די פיס, די ווײַסע קרוזשעווע פון איר נײַ, געפאַלדעוועט אונטערקלייד. אַ שיכּורלעכער שמייכל גליטשט זיך דורך זײַנע וואָנסעס און בלײַבט שטעקן אין די אויגן. ער הייבט זיך אויף. שאַרנדיק די שווערע שטיוול, גייט ער אַרויס פון שטוב.

בײַם שענקל שטייט נאַסטיע אָנגעבויגן, זוכט עפּעס אינעוויי-ניק. ער פאַרהאַלט זיך, גלעט איר נאַקעטן האַלדז. זי טוט זיך אַ בייג אײַן טיפער און דרייט זיך אַוועק פון אונטער זײַן האַנט.

— עס אָפּ נאַסטיע און קום אַריַין אין שיַיער, דאַרפסט מיר דאָרטן העלפן — זאָגט ער און גייט וויַיטער.

אויפן הויף קאַראַשקעט אַ הון אין גריבל. מיט צעפּלאַשעטע פליגל אַנטלויפט זי אַ דערשראָקענע, פלאַטערט פאַר זיַינע פיס. ער מיַידט זי אויס, פאַרנעמט זיך אַ ביסל זיַיטיק. דאָס פערד נעבן שיַיער דערפילט נאָענט דעם באַלעבאָס, דרייט אויס דעם קאָפּ צו אים און הירזשעט. פאַרהאַלט זיך בער. גלעט עס איבערן האַלדז, פירט זיַין האַנט דורך דער גריווע און געזעגנט עס מיט עטלעכע פּעטשלער אויפן האַלדז.

פאַרן אַריַינגיין אין שיַיער פאַרהאַלט ער זיך, קוקט אויס נאַסטיען. ער בליַיבט שטיין, פאַר זיַינע אויגן ליגט גרין פאַר־שפּרייט די לאָנקע. ציט זיך ביזן טאָל ווו עס וואַקסן די הושענות. פון דאַנען זעט ער די סאַזשלקע, די שיטערע ביימלער ביַים אָנהייב פון וואַלד.

דער צער אין בערס אויגן ווערט גרעסער. ער צעקרעבצט זיך פאַר מיטליַיד צום גאַנצן האָב און גוטס, וואָס ליגט פאַר זיַינע פיס.

געקומען צו דעם פאַרמעגן איז זיַין טאַטע. אַן אָרעמער אַרענדאַר געווען. אַליין אַלץ שווער פאַרהאָרעוועט. בער האָט דאָס געפיל, אַז עד־היום האַלט זיך עס אין זיַין זכות. אַזוי האָט ער ניט געטראַכט, בעת לאה האָט געלעבט. אַ גרויסע בריה געווען. נאָך איר טויט האָט ער דערזען וואָס זי האָט אַלץ אויפגעטאָן. ער פילט ווי עס גייט אים מיט דער פוטער אַראָפּ.

לאה האָט פאַריתומט די גאַנצע שטוב, אַלעמען מיט נאַסטיען צוזאַמען... געוויס, טראַכט בער, נאַסטיע העלפט אַ סך. קאָן זי אָבער פאַרטרעטן לאהן? עס אַרט אים זיַין טראַכטן אַזוי, ער געפעלט זיך ניט.

— דער טאָג שטייט ניט — זאָגט ער און איַילט אַריַין אין שיַיער צו דער אַרבעט.

וואָס איז דער וווּנדער? — פאַרענטפערט ער זיך אין זיַינע מחשבות — ביַי הערשן, אין נאָענטן יאַטשעוויטש, איז טאָקע

אַנדערש. דאָרטן אַרבעט די גאַנצע משפּחה. עס האָרעווען די זין, די טעכטער, די איידעמס און שניר. אַפילו די אייניקלעך העלפן אין דער באַלעבאַטישקייט. און ביי מיר? דער הויף אַ גרויסער, ערד אַ סך. וואַלד. נו, קען מען עס קיינען?

ער דערמאָנט זיך דעם טאַטנס סטראַשונקעס: אַז אויב ער און זיין ברודער וועלן ניט אויפהערן זיך אַרומדרייען מיט די בונטאָווטשטשיקעס, זיך ניט אַוועקשטעלן אַרבעטן אין פעלד, וועט ער אַלץ פאַרקויפן. וועמען איז עס דעמאָלט אָנגעגאַנגען?

אַ סך שפּעטער, נאָכן גרויסן זיג, ווען מען האָט לייזערן דערשאָסן פאַר „קאָנטער־רעוואָלוציע", איז בער צוריקגעקומען אין דאָרף. אַן אַנטוישטער, אַ דערשלאָגענער און האָט אָנגעהויבן העלפן דעם טאַטן. דעמאָלט טאַקע האָט בער ליב באַקומען דאָס פעלד. אַזש דאָס האַרץ שניידט אים, ווען ער זעט דאָס פאַרנאַכ־לעסיקן די ערד. אַרבעט ער טאָג און נאַכט.

אויך בער, ווי אַ מאָל זיין טאַטע, האָפט, אַז זיינע קינדער וועלן זיך סוף־כּל־סוף אויסניכטערן, פון וועלן באַפריַיען די גאַנצע וועלט. ערשט צוזאַמען מיט זיי וועט ער קאָנען איינהאַלטן די באַלעבאַטישקייט.

ווידער ציט עס אים אין דרויסן אַרויס.

— זי קומט ניט, נאַסטיע, זיך פאַרברוגזט ניט אויף אַ געלעכ־טער. ווייסט וואָס, ברודערל? — גלעט ער שוין דאָס פערד — מיר וועלן זיך צוכאַפּן אין שטאָט אַריין. לאָמיר אַ קוק געבן, וואָס טוט זיך דאָרטן. וואָס דרייסטו מיט דיין פערדישן קאָפּ? עס ציט מיר דאָס האַרץ צו זען בלומען. איז אפשר אויך דאָ אַ בריוו פון דניאלן? ער מאַכט מיר צרות, דער יונג. וואַלגערט זיך אין וואַרשע. מירן צופאָרן און פאַרטאָג זיין צוריק.

בעתן רעדן צום פערד, דערפילט בער די פרייד פון זען בלומען. און שוין איז עס איינגעשפּאַנט. בער וואַרפט נאָך אַריין אַ זעקל קאַרטאָפל אין וואָגן. גיך כאַפּט ער זיך אַריין אין שטוב, ביַיט דאָס העמד, נעמט דעם ריינעם פּידזשאַק. פון שוועל שריַיט ער צום גאָרטן, ווו נאַסטיע ליגט אויף אַ בײַט און יעט אים אויס.

— הערסט מיר, נאַסטיע? איך פאָר אין שטאָט אַריַין. ביַי בלומען שוין זיכער אויסגעגאַנגען דאָס עסנוואַרג! האָסטו אַ שטיקל פוטער פאַר איר?

נאַסטיע הייבט זיך אויף, פאַרנעמט זיך צום שפּיַיכלער. אַן אַ וואָרט טראָגט זי צו אַ פּעקל, לייגט עס אַריַין אין וואָגן און גייט צו דער שטוב. בער לאָזט זיך אין וועג. ערשט דעמאָלט שטעלט זיך נאַסטיע אַריַין אין דער טיר פון שוועל. קוקט ווי דער וואָגן דערוויַיטערט זיך מיטן זאַמדיקן וועג און פילט אַז דאָס האַרץ ציאַכקעט.

די זון ברענט נאָך הינטערן וואַלד. הויכע ביימער צעשניַידן זי אויף שטיקער פלאַמען. בער אָטעמט ברייט, מיט הנאה. ער האָט ליב דאָס פאָרן צווישן די פעלדער, זיי זענען פאַרזייט מיט קאָרן, מיט בלויען לובין. די רעטשקע איז שוין צעבליט וויַיס און ראָז, אַזש ביז אַראָפּ. פון טאָל קומען פּיַיכטע ריחות. באַלייגן דעם גומען מיט אַ זאַפטיקייט. די זשאַבעס קוואַקען אין זומפּ. עס ווערט אַזוי גוט אויף דער נשמה, אַזש ער פילט, אַז עס איז אַ שאָד צו זיַין אַליין מיטן פאַרגעניגן.

געדאַרפט אויך מיטנעמען נאַסטיען אין שטאָט אַריַין — טוט ער אַ טראַכט — עס וואָלט איר אויך אַריבער דער ברוגז.

ער דערנענטערט זיך צום וואַלד. פאָרט אַריַין אין דער טונקלקייט. פייגל שפּרינגען אויף די צוויַיגן, קלייַבן זיך אין די נעסטן. ערגעץ פּיקט אַ פּיקהאָלץ.

ווען בער קומט אין וואַלד, ווערט ער יִינגער. דאָ איז ער אַ קינד געווען. געוואַקסן צוזאַמען מיט אים. ער קען דאָ יעדן בוים. פאַר זיַינע אויגן זענען זיי גרויס געוואָרן. די מוראַשניקעס, ביַי זייער צופוסנס, העכער דער מאָך, טיפער, ווייכער. דאָ פילט ער זיך ווי אַ טייל פון וואַלד. אָט, ווי דער טאָפּאָל, ביַי וועלכן דאָס פערד פאַרקירעוועט אין דער ריכטונג צום שליאַך.

בער האָט אַזוי ליב דעם בוים. וואָס שטייט אַזאַ גלייַכער און פעסטער. זיַין קרוין הייבט זיך אָן מאָדנע נידעריק, באַלד ביַי דער

ערד. זי צעשפרייט זיך אין דער ברייט און ציט זיך גאָר הויך. אַנדערש ווי אַלע טאָפּאָלן איז דער בוים.

מיט אַזאַ גרויסער הנאה פּאַרט בער דורכן וואַלד, אַז ער באַמערקט קוים ווי גיך דער וועג איז אַדורך.

— דער טאַטע איז דאָ! — טוט בלומע אַ שפּרונג פון אָרט. זי איז פאַרווונדערט און אַ ביסל באַזאָרגט.

דורך דער האַלב־אָפענער טיר, זעט בער, יונגע לײַט, וואָס זיצן ענג צוזאַמענגעדריקט אַרום טיש. צווישן זיי אויך סאָניע. איינער באַגריסט אים, שמייכלט. עס נעמט אַ היפּשע ווײַלע, ביז בער דערקענט, אַז עס איז אילישע. דער חברה־מאַן האָט פאַר־לאָזט וואָנסעס, אַ קורץ בערדל. אינגאַנצן אַן אַנדערער זעט ער אויס. לויט אַלעמענס איבערקוקן זיך דערפילט בער זייער פאַר־לעגנהייט און גייט אַרויס פון שטוב.

עס איז שוין טונקל. אַנטקעגן בײַ גאָדל דעם שמיד זענען אָפן טיר און פענצטער. דער סאַמאָוואַר שטייט אויפן טיש. מען טרינקט טיי. אַן איבעריקער דרייט זיך בער אויפן הויף. זעט בלומען אַרויסקומען. זי קוקט אין אַלע זײַטן.

— פאַרוואָס ביסטו דאָ, טאַטע? קום, קום אין שטוב אַרײַן!

— עס איז גוט. ס׳וועט גוט זײַן. אַזוי — שמייכלט ער טרויע־ריק — מען דאַרף זען, וואָס עס טוט זיך דאָ... קוק איך. די שטוב איז פאַרנאַכלעסיקט צוליבן פעלד. אויך דאָרטן לאָזט זיך קיין גרויס׳ ניט אויפטאָן. איז שלום אין דובאָווע? שוין לאַנג אים ניט געזען.

— געווען דאָ מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק. פאָרן אַרויספאָרן אין אויסלאַנד. ער אין איצטער אין לאָנדאָן. געפאָרן אין אַ שליחות. די קומענדיקע וואָך וועט ער זײַן צוריק.

באַדויערנדיק שאָקלט בער דעם קאָפּ. מען זעט, ער איז ניט צופרידן.

— האָסטו עפּעס נײַס פון דניאלן?

— געהאַט אַ גרוס. אַלץ איז בײַ אים אין אָרדענונג. ער שטודירט.

— אין אָרדענונג — חזרט בער איבער — אוי, טאַטער, ניטאָ קיין רו. בין איך אין דאָרף ציט מיך אַהער. בין איך דאָ...
— ער פאַרענדיקט ניט. שוויַיגט לאַנג. — ווי וואָלט איך געוואָלט אַייַך אויסהיטן. דיך, דניאלן? אים זע איך אינגאַנצן ניט.
— דו, טאַטע? דו אויך ווי אַלע? פאַר דיר פּאַסט ניט אַזוי צו רעדן. ביסט דאָך אַן אייגענער. קום אין שטוב. ווילסט געוויס עסן.
— ניין. איך בין שוין נאָך וועטשערע. אָבער דו גיי. גיי מיַין קינד, פאַרענדיק איבערמאַכן די וועלט. ווי זאָגסטו? איך בין אַן אייגענער. דערפאַר ווייס איך טאַקע ווו איר האַלט. זענט איר דאָך אין עלטער, ווען מען וויל אַליין פּרווון. ניט אַזוי?
בלומע דערפילט זיך פריַיער נאָכן טאַטנס רייד. זי דאַרף פאַר אים ניט שפּילן, זיך אויסבאַהאַלטן. ער ווייסט אין וואָס עס גייט. זי לאָזט אים אין דרויסן און איַילט צוריק אין שטוב.
ביז מידקייט דרייט זיך בער אויפן הויף. אַ באַרויִקטער פון דער שטילקייט אַרום, גייט ער ענדלעך אַריַין אין שטוב. זיצט בייַם טיש און הערט, אַז פון יענער זיַיט ווענטל סודעט מען זיך. זיַין קאָפּ אַנגעלענט אויף די הענט, ווערט אים אַלץ שווערער, לאָזט זיך אַראָפּ נידעריקער. די אויגן קלעפּן. אין דרימל פילט ער די דושנעקייט, אַזש אָטעם פאַרפעלט אים. — אַ היץ — מורמלט ער אין שלאָף. ער געדענקט אַז דערנעבן אין שיַיער אויפן היי, שלאָפט נאַסטיע. וויל ער אַריבער גיין צו איר און קאָן זיך ניט רירן פון אָרט.
— טאַטע, פאַרוואָס שלאָפסטו בייַם טיש?
— בלומעלע, דאָס ציסט דו מיר בייַם אַרבל? איַינגעשלאָפן. וואָס מאַכסטו? — רעדט בער פאַרשלאָפן — שוין אָוועקגעגאַנגען די „וועלט־באַגליקער?"
— באַלד, טאַטע. דו אָבער קאָנסט זיך לייגן.
— איך גיי שפּאַנען דאָס פערד. מען מוז זיַין אין דאָרף. גאַנץ פרי אַרויסגיין אין פעלד.
בלומע דערווידערט ניט. זי איז פאַרנומען. בער טוט דאָס

זייניקע. ער איז שוין גרייט צו פאָרן, ווי פּלוצלינג דערזעט ער עמעצן זיך שאַרן אויף יענער זייט פּלויט. אַן אָנגעצונדן טאַשן־לעמפּל לײַכט צווישן די ביימער. ער ווייסט, דאָס איז דער פּאָלי־ציאַנט באַדאַווסקי.

— קינדער, בלומע, „אַ קנעפּל" דרייט זיך פאַרן גאַס. — זאָגט ער זיי אָן.

אַלע טוען זיך אַ הייב פון די ערטער. קוקן זיך איבער.

— שטעל זיך בלומע, ביי דער טיר — זאָגט אילי‏ושע — פאַררייד אים ווי לאַנג דו קענסט. איך וועל שפּרינגען דורכן פענצטער.

— און אויב אויף דער גאַס שטייען נאָך?

אַ פאַרלאָרנקייט. אַלע שווייגן.

— גיי נאָך מיר. — זאָגט בער דעצידירט — לאָז רײַן די שטוב. נעם אַלץ און קום.

— גיי אילי‏ושע, מיטן טאַטן קענסטו גיין.

בער איז אַרויס דער ערשטער.

— שפּרינג אין וואָגן.

אילי‏ושע קוקט זיך אַרום. ניט זיכער, פאָלגט ער וואָס בער הייסט. ער דעקט אים איין מיט היי, זעצט זיך אַוועק פאַרנט און טוט אַ שמיץ דעם פערד. עס געדויערט ניט און דורכן הינטערשטן אַרויסגאַנג איז ער שוין ביים אַנדערן עק שטאָט. אַרײַן אין וואַלד און מיט אַ געדרייטן וועג יאָגט ער ווייטער.

— איך באַהאַלט דיך — זאָגט בער און פאָר באַלד צוריק אין שטאָט אַרײַן. האָבן זיי כאָטש בלומען ניט אַרעסטירט? איז דאָ ניט קיין מסירה?

אילי‏ושע שווייגט.

— און אַז מען זוכט דיך דאָ, איז דניאל דאָרטן אין געפאַר?

ער ענטפערט ניט.

— נו, פאַרשטיי דאָך, איך דאַרף עס וויסן. איך בין מיט דיר און מען קאָן קומען זוכן דניאלן. ביסטו דאָך דעמאָלט אין אַ גרעסערער צרה.

— וואָס קאָן איך וויסן? — זאָגט ער גאָר שטיל — באַהאַלט מיך אפשר ניט ביי זיך. ווי עס זאָל ניט זיין, אַז זיי האָבן מיך ניט געכאַפּט, קאָן עס זיי פאַרפירן. אַפילו עס זאָל זיין אַ מסירה. מען קאָן שטענדיק לייקענען. זיי פאָרן שווייגנדיק.

דער וואַלד שמעקט מיט נאַכטיקער פייכטקייט.

בערן קומען אויף שוין לאַנג פאַרגעסענע יאָרן. די אומלע־גאַלע צייטן, די ריזיקאַלישע שליחותן. ניט אויפצוציילן וויפל מאָל זיין לעבן איז געהאַנגען אויף אַ האָר.

— בין איך דאָך געווען אַ גאָרנישט קעגן לייזערן — טראַכט ער. יענער האָט וועלטן געקערט. יאָרן צעברויזטע געווען, שטור־מישע.

און ווי אַ קנופּ ניט אויפצובינדן, פאַרהאַלטן זיך, ווי תמיד זיינע מחשבות ביים טויט־אורטייל אויף לייזערן. ער דערפילט אַ ביטערניש. עס ווערט אים ענג אין האַלדז, דער ווייטיק שטיקט.

— טפו! — טוט ער הויך אַ שפּיי.

אילי‌ושע רוקט אַרויס דעם קאָפּ פון אונטערן היי. קוקט.

שטיל רוישט אין די ביימער. בער שטרענגט אָן זיין געהער. אַ געניטער אין וואַלד, כאַפּט ער אויף יעדן שאָרך.

— ניטאָ קיינער — זאָגט ער — און ווידער פאָרן זיי שווייגנ־דיק.

— אוי — רופט זיך בער פלוצלונג אָן — בין איך עס געקו־מען אין דער ריכטיקער צייט. האָסט מזל. מיר שרעקט דאָס הארץ פאַר בלומען. מיטן אַנדערן וועג פאַרנעם איך זיך באַלד צוריק. עס איז מיר אַזאַ שאָד. איך זשאַלעווע אייך אַלע.

כּסדר קירעוועט ער דאָס פערד. לאָזט עס ניט גיין מיטן אויס־געטראָטענעם וועג. שניידט דורך שמאָלע סטעזשקעס.

עס איז פינצטער. ס׳שאָרשען די בלעטער אין די צווייגן, וועלכע זיי פאַרטשעפּען. דער רעגלמעסיקער טראָט פון סיווקען, דאָס סקריפּען פון די רעדער, מאַכן אַ טומל, ווי קיין מאָל ניט. עס זאָל זיין שטיל, ווילט זיך דעם אָטעם איינהאַלטן.

אילי‌ושע זיצט האַלב אַריינגערוקט אין היי. גרייט יעדע מינוט

זיך ווידער צו באַהאַלטן. ער איז אײַנגעקורטשעט. יעדעס וואָרט וואָס בער זאָגט איז אים איבעריק.

בערן אָבער ווילט זיך רעדן. הערן עפּעס זאָגן. אים דאַכט זיך אַז דער גורל פון בלומען איז אין זײַנע הענט.

— יאָ — הייבט ער ווידער אָן — איר ווילט גוט. נו? און אַז מען וויל? עס איז אַ שאָד. איר גיט אַוועק די לעבנס אומזיסט.

אילױשע ענטפערט ניט. שווײַגט ווי אַ פאַרמשפּטער אויס־צוהערן אַלץ וואָס בער וועט זאָגן.

— ווייסטו, ברודערל, וואָס איך טראַכט? נישט דאָס איז דער ריכטיקער וועג.

אילױשע ציט אויס דעם האַלדז טוט אַ קוק אויף בערן, וואַרפט אַ צעטומלטן בליק אַרום זיך, ווי ער זאָל זיך גרייטן צו שפּרינגען פון וואָגן.

— אַ נעכטיקער טאָג — רעדט בער ווײַטער דאָס זײַניקע — נישט דאָס איז דער וועג. איר זוכט דאָך דעם אמת. אָבער ער איז ניט אַזוי ווי איר מיינט. ווי זאָל איך עס דיר דערקלערן. עס קומט אויס, אַז דער אמת אַליין איז אַראָפּ פון דרך הישר. פאַרשטייסט? נישט דאָס ביסטו אויסן.

אילױשע קאָרטשעט זיך ווידער אײַן אין היי און שווײַגט. אַרום איז פינצטער. אַ געדיכטע פינצטערניש פון שפּעטער נאַכט אין אַ וואַלד.

8

בעת שלומס אַרײַנקומען אין שטוב, באַמערקט ער אַז בלומע איז אַנגעכמורעט. ווידער איז ער געקומען שפּעטער ווי אָפּגערעדט.

— האָסט באַקומען מײַן בריוו?

— ניין.

— וועלן מיר אים געוויס מאָרגן באַקומען. נאָכן לייענען אים, וועסטו פאַרשטיין.

— צום פאַרשטיין איז מיר ניט נייטיק דער בריוו. כ׳פאַרשטיי אַזוי אויך. רו זיך אָפּ, שלום. אפשר ווילסטו זיך צולייגן. איך גיי אַרײַן אין קיך, ברענגען עסן.

— איך גיי מיט דיר.

— ניט כּדאַי. איך קום גלײַך.

אין קיך שטעלט זי אַלץ צונויף אויף אַ טאַץ, באַוויזט קוים צו נעמען אין די הענט, און עס צעשיטן זיך די גאָפּל־מעסער. די גלעזער פאַלן אויפן פּאָדלאָגע, צעברעכן זיך.

— מזל־טוב! — זאָגט שלום און לאָזט זיך אַראָפּ צונויפקלײַבן דאָס גלאָז. באַמערקט ניט ווי בלומע ווישט אויס אַ טרער.

— שוין. מיר וועלן גיין צום טיש, שלום. ביסט געוויס הונגע־ריק. — באַהערשט זי זיך.

זיי עסן שווײַגנדיק.

— זיי דאָך ניט בייז, בלומע. איך האָב אַזוי געאײַלט צו דיר.

— איך בין ניט בייז. דו ביסט אַוועקגעפאָרן, וואַרט איך. הער ניט אויף צו רעדן מיט דיר.

— איז וואָס שווײַגסטו? אדרבא, זאָג איצטער אַלץ וואָס דו רעדסט ווען איך בין ניטאָ.

— וואָס איך רעד? איך דאַרף דיר דערציילן אַלץ וואָס דו ווייסט ניט.

— געוויס אַזוי. — קוקט ער אויף איר און וואַרט. עס געדויערט לאַנג. — נו, וואָס שווײַגסטו?

— שלום, דו מוזסט אַלץ וויסן... איך קאָן ניט אַזוי... שטעלסט זיך ניט פּאַר. ווי זאָל איך עס דיר זאָגן?... עס איז געשען. — זי שיט מיט רייד, פּלאָנטערט זיך — דו מוזסט עס פאַרשטיין... איך און אילי‌ושע...

בלומע רעדט אַלץ מער אויפגערעגט. זאָגט שלעכטס וועגן זיך. שלום זיצט אַנטשוויגן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. הייבט אויף דעם בליק פון צײַט צו צײַט, קוקט זי אָן, ווי ער זאָל וועלן זיך איבערצײַגן אַז דאָס רעדט טאַקע בלומע.

— עס איז אַזוי, שלום. ווי אַ שטורעם איז אילי‌ושע אַרײַן אין אונדזער לעבן. אים צעטרייסלט. און איצטער...

טונקל ברענט דער לאָמפּ. ענג איז אין שטוב, ווי די ווענט וואָלטן זיך צוזאַמענגערוקט. די פּאַפּיראָסן וואָס שלום צינדט אָן איינעם אָן אַנדערן, טוען פון צײַט צו צײַט אַ לײַכט אויף זײַן פּנים.

בלומע רעדט ווי פון היץ. איז אומרחמנותדיק צו זיך.

— איך האָב זיך פּײַנט! — זי ברעכט אויס אין געוויין. — דו שווײַגסט! וואָס שווײַגסטו!?

און אַז ער רופט זיך אַלץ ניט אָפּ, לויפט זי אַרויס אינעם אַנדערן צימער. פאַלט צו צו דער וואַנט און כליפּעט. עס געדויערט ביז שלום קומט אַרײַן. שטייט נעבן איר.

— וויין ניט, בלומע. — שטאַרקט ער זיך צו רעדן און זײַן קול ציטערט — באַרויִק זיך. עס איז געשען, דאָס וואָס עס איז געשען. ניט געטאָרט דיך לאָזן אַזוי אַליין. מיר וועלן עס איבערווינדן.

— איך וועל ניט קאָנען, שלום. איך האָב אים ליב... אויך איך האָב געמיינט...

שלום זאָגט מער גאָרניט. ער אײַלט אַרויס אין דערבײַאיִקן צימער. שפּאַנט הין און צוריק זי ליגט אויף דער קאַנאַפּע. הערט זײַנע טריט, גלאָצט צום באַלקן און באַגיסט זיך מיט טרערן. ענדלעך קומט שלום אַרײַן, זעצט זיך בײַ איר צופוסנס. זײַן פּנים פאַרשטעלט מיט די הענט.

— עס איז אַזוי. דו האָסט אים ליב... דו ווייסט אויף זיכער, אַז דו האָסט אים ליב... איך גיי אַוועק.

— גייסט אַוועק — קוקט זי אים אָן דערשראָקן.

— וואָס דען בלײַבט מיר צו טאָן?

— דו גייסט אַוועק. איז ווען ווועסטו קומען?

— צו וואָס? האָסט דאָך אַ סך געטראַכט. גערעדט מיט מיר איידער איך האָב דאָס אַלץ געהערט. ניין, בלימעלע. איך וועל ניט קומען. איך טאָר ניט.

ער טוט אַ קוק אויפן זייגער.

— איך דאַרף זיך אײַלן — זאָגט ער ווי נאָכטראַכטנדיק — קאָן נאָך באַווײַזן צו דער באַן. הייבט זיך אויף, טוט אַ קוש בלומען, נעמט זײַן טעקע און אײַלט אַרויס. בלומע גייט אים נאָך. בלײַבט בײַם טויער. קוקט ווי שלום גייט גיך דורך דער ליידיקער גאַס. זי וויל אים נאָכיאָגן, רופן. בלײַבט אָבער אומבאַוועגלעך אויפן זעלבן אָרט, כאָטש מען זעט אים שוין לאַנג ניט.

לאַנגזאַם גייט בלומע צוריק אַרײַן אין שטוב. אַ ליידיקייט נעמט זי אַרום. זי לאָזט זיך אַראָפּ אויפן שטול, ווו שלום איז נאָר וואָס געזעסן. קוקט אויפן פולן אַש־בעכער מיט די אויסגערייכערטע גילזן. פילט נאָך דעם רויך, וואָס שטיקט אין האַלדז. פּלוצלינג דערהערט זי טריט און צאַפּלט אויף: — דאָס איז ער!... שלום גייט...

— וואָס זיצטו אַזוי, בלומע? וואַרטסט אויף שלומען? — פרעגט סאָניע.

— שלום איז שוין געווען און איז נאָר וואָס אַוועק צו דער באַן.

— איך האָב זיך געוואַקלט, צי זאָל איך גיין צו דיר, בלומע. האָב אָבער ניט קיין ברירה. מיר מוזן עפּעס טאָן. ווײַזט זיך אַרויס, אַז קאָוואַל איז אַ פּראָוואָקאַטאָר.

— קאָוואַל? אומגלייבלעך.

— עס איז זיכער. סוף וואָך האָט ער אַ באַגעגעניש מיט אילױשען. מיר מוזן עס פאַרמײַדן. פאַרשטייסט? עס טאָר ניט געשען.

— ווּ איז אילױשע ?

— איך װײס ניט. אױך דוּ דאַרפסט עס ניט װיסן. װאָס װײניי־קער מען װײסט אַלץ געזינטער. לאָז אָפּן די הינטער־טיר. אױב איך זאָל נאָך הײַנט דאַרפן זײַן בײַ דיר, װעל איך קומען פון דער אַנדערער זײַט. קוים קום איך ניט, האָב איך אַלץ אַנדערש דערלײדיקט.

בלומע איז געשפּאַנט. זי װאַרט. פילט װי עס קלאַפּט איר אין די שלײפן. אײן געדאַנק יאָגט דעם אַנדערן און גאָרניט קאָן זי ניט דערטראַכטן ביזן סוף.

שפּעט נאַכט. סאָניע שלײַכט זיך אַרײַן.

— בלומע — רעדט זי גאָר שטיל. — דײַן גײן אַהין איז ריזיקאַליש. פילסטו זיך בכּח עס צו נעמען אויף זיך ? מען מוז אויסמײַדן זײער באַגעגעניש. קײן אַנדערן צו שיקן האָב איך ניט. אָפּלײגן עס, טאָר מען ניט. מאָרגן, אַזוי פרי װי מעגלעך, גײ אַרויס. נעם דעם װעג אין דער ריכטונג צו יאָדלע. קוים פאַרהאַלט מען דיך, גײסטו צו זיך, צום טאַטן. באַמי זיך אַרײַנצוקומען אין סוף פון דאָרף. טו װי דו פאַרשטײסט. מען זאָל דיך װאָס װײניקער זען. דעם װעג קענסטו דאָך.

— געװיס.

— װעסט אָנטרעפן אויף פּויערים, װאָס אַרבעטן בײַ קלעצער. זײַ אויפמערקזאַם. עמעץ װעט דיר אָנװײַזן אין װעלכן הויז אַרײַנצוגײן. דאָרטן װעט דיך באַגעגענען אַ בלאָנדע פרוי. נאַדיע הײסט זי. פאַראַגעדענק. דער פּאַראָל איז : „די בריק איז צעבראָכן״, דאַרפסט איר אָפּגעבן דאָס צעטעלע.

— אילױשע איז בײַ איר ?

— דײַנע קלאָץ־קושיות מאַכן מיך אומרויִק. צו װאָס דאַרפסטו עס װיסן ? טויזנט מאָל האָב איך דיר געזאָגט. װאָס װײניקער מען װײסט אַלץ געזינטער.

בלומע פילט, אַז סאָניע גײט אַרויס אומרויִק. זי אַלײן איז דערשראָקן.

9

בלומע וואַרט אויף טאָג. עס שלאָפט זיך ניט. די „מיעשטשאַנעס״, די שכנים שטייען אויף זייער פּרי. זי מוז אַרויסגיין נאָך איידער עס הייבט אָן שאַריען.

עס איז קיל. זי ציטערט. דער וועג איז גרוי און — אומהיימלעך.

דער נעפּל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט גאָר נידעריק. איז אויסגעשפּרייט איבער די תּבֿואה־פעלדער. הילט איַין די שיטערע אַלכעביימלעך.

דער היימישער וואַלד, ווו בלומע קען יעדעס שטעגל, זעט איצטער אויס פרעמד, פול מיט סוד.

באַהאַלט זיך דאָרטן קיינער ניט? איר דאַכט זיך מען הערט טריט. נאָך איידער זי באַוויַיזט אַ טראַכט צו טאָן, דערזעט זי צוויי פויערטעס. באָרוועסע גייען זיי פון דערבייַיקן דערפל. זייערע שיך פאַרוואָרפן אויף די אַקסלען. יעדע טראָגט עטלעכע צענדליק אייער אין אַ קאָפּטיכל. בייַם הילצערנעם קרייץ, בלייַבן זיי שטיין, צלמען זיך איבער און שפּאַנען אַוועק מיטן ברייטן שליאַך.

— אַ טומאַן — זאָגט איינע.

— עס שטעלט זיך איַין אַ גוטער טאָג, צו אַרבעטן אין פעלד. מיר דאַרפן פאַרקויפן די אייער און גיך צוריקגיין.

— בלומע וויל זיי זאָגן אַז זי גייט קיַין יאַדלע, וויל העלפן דעם טאַטן אין פעלד. זיי גייען אָבער פאַרביַי, באַגריסן זיך ניט. קוקן ניט אין איר זיַיט. בלומע איז זיכער אַז זיי קענען זי. איז דאָך איר טאַטע אַ גוטבאַזיצער. איז באַקאַנט אין דער גאַנצער געגנט אַרום.

דער נעפּל ווערט שיטערער. עס לייַטערט זיך אויס.

בלומע איז איינע אַליין אויפן לייריקן וועג. האַלט זיך נאָענט צו די ביימלעך, בייַם ראַנד פון וואַלד. ווידער הערט זי אַ שאָרשען.

זענען עס טריט אין די בלעטער? זיי קומען פון צווישן דיביימלער.

די פיס ברעכן זיך אונטער פאַר שרעק. זי פאַרשטייט. דעם גאַנצן וועג גייט מען נאָך איר. דאָס ערשטע דאַרף מען צעקייַען דאָס צעטעלע, טוט זי אַ טראַכט, אָבער פאַר צעטומלטקייט דרייט זי אויס דעם קאָפּ, קוקט הינטער זיך. זעט אַ הונט אַרויסקומען פון צווישן די קוסטעס. איז זיכער אַז באַלד וועט זיך ווייַזן זייַן באַלעבאָס.

מיט געמאַכטער רויִקייט, קוקט זי כּסדר הינטער זיך. דער הונט לויפט נאָך איר. שוין גאַנץ ווייַט איז זי נאָכן וועלדל. קיינער ווייַזט זיך ניט. דער הונט קומט אַלץ נענטער. זי בייגט זיך איין, ווי אויפצוהייבן אַ שטיין. וויל אים פּטור ווערן.

פאַרוואָס באַווייַזט זיך ניט זייַן באַלעבאָס? פרעגט זי זיך, ווער איז ער?

קיינער קומט ניט אַרויס, דער וועג איז ליידיק. זי שטעלט זיך אָפּ. אויך דער הונט הינטער איר בלייַבט שטיין. עס געדויערט ניט לאַנג און ער לאָזט זיך לויפן פאַרבייַ איר מיט אַ ניט-געוויינטלע-כער שנעלקייט. יאָגט זי איבער און לויפט ווייַטער.

אויך ער האָט מורא, זעט שוין בלומע. פאַרבלאָנדזשעט זיך און לויפט צוריק אַהיים.

הינטערן וואַלד באַווייַזט זיך די זון. בלומע דערנענטערט זיך צום דאָרף. הערט שוין אַ קוואָקערייַ פון הינער, קאַטשקעס. אויף דער אַנדערער זייַט, הינטער נידעריקע כאַטקעס, פאָרט אַ פויער צום פעלד. ער זיצט אויפן זייַט פון דער דראָבינע, מיט די לייטשעס אין האַנט.

בייַ אַ ברייטן, זאַמדיקן וועג, בלייַבט בלומע שטיין. טיפע סימנים פון רעדער, פירן אין עטלעכע ריכטונגען. הינטער כאַטקעס, שיטער צעוואָרפן, ליגט די איינציקע לאַנגע גאַס. הייבט זיך אָן מיט אַ טיפער בלאָטע. אין דער בלאָטע דרעמלען חזירים. דערנעבן, בייַ אַ פּלויט, דראַפּעט זיך אַ ייִנגל אויף אַ בוים. דערהערט טריט, גליטשט ער זיך גיך אַראָפּ, וואַרפט זיך אויפן גראָז. ער קוקט אָן בלומען דערשראָקן, פול מיט חידוש. אַ באַרויִקטער, נעמט ער

אַן עפּל פון פּאַזוכע, בײַסט אײַן און פּאַרקרימט זיך. מיט רוגזה טוט ער אים אַ וואָרף.

ער לאָזט אויס דעם כּעס, וואָס די עפּל זענען ניט צו עסן, און וואַרפט זיי אין די חזרים איינס נאָכן אַנדערן.

פויל הייבן זיך די חזרים פון די ערטער. באַוועגן זיך לאַנגזאַם ווי בלאָטיקע בערגלעך.

בלומע גייט ווײַטער. זי דערהערט שוין אַ קלאַפּן אין קלעצער, ערגעץ נאָענט טשעשעט מען זיי.

קינדער באַמערקן אַ פרעמדע, לויפן צו נענטער, קוקן זי אָן און אַנטלויפן. אַ קליין מיידעלע, בײַ אַ הויף, דאָס קליידעלע פאַר־הויבן איבערן נאַקעטן בײַכל צום מויל, שטייט און גאַפט.

בלומע דערזעט שוין די מענער אַרבעטן. אויך זיי האָבן באַמערקט איר אָנקומען. רײַסן זיי איבער די אַרבעט, מיט פויערי־שער לאַנגזאַמקייט נעמען זיי זיך פאַרדרייען אַ מאַכאָרקע. וואַרטן אויף איר צוקומען נענטער.

— זדראַוו שיינע באַרישניע! — רופט אויס אַ יונגער בחור פון צווישן זיי. ער קומט אַרויס, פאַרהאַלט זיך פאַר אַ הויף און ווינקט צו איר. בלומע גייט אים פאַרבײַ, צו דער כאַטקע, טיפער, הינטערן פלויט.

שוין אין פירהויז באַגעגנט בלומען אַ זייער שיינע פרוי. און כאָטש פויעריש אָנגעטאָן, זעט זי איר אויס צו זײַן אַ שטאָטישע.

— איך הייס נאַדיאַ. גוט מאָרגן. קומט אַרײַן.

בלומע איז זייער געשפּאַנט. אַ צערודערטע קוקט זי זיך אַרום. זעט די טיר צו אַ דערבײַיִקן צימער, וואָס איז פאַרמאַכט. עס פאַלט איר אײַן, אַז הינטער דער אַ טיר איז איליושע. אַ צעשטרײַטע פון נאַדיעס אָבסערווירן זי, באַקומט זי אַרויס בײַ זיך דאָס צעטעלע, גיט עס נאַדיען. זי אָבער נעמט עס ניט פון איר האַנט, קוקט מיט חשד.

— אַנטשולדיקט — זאָגט בלומע נאָך מער פאַרלאָרן — „די בריק איז צעבראָכן”.

נאַדיע נעמט דאָס צעטעלע, לייענט שנעל.

— זיצט, רוט אַ ביסל. איר וועט טרינקען אַ גלאָז מילך? איר וועט אויס זייער מיד — זאָגט זי דערלאַנגענדיק די מילך.

בלומע טרינקט דאַרשטיק, נעמט בעת־מעשׂה ניט אַוועק די אויגן פון דער פאַרמאַכטער טיר. נאַדיע אָבסערווירט זי אַ ביסל דערשטוינט. בלומע באַמערקט עס. שטעלט אַוועק דאָס ליידיקע גלאָז און הייבט זיך אויף.

— איך וועל גיין.

— ווילט איר ניט אַ ביסל זיך אָפּרוען?

— איך מיין אַז עס איז ריכטיק איך זאָל גיין וואָס גיכער. ניט אַזוי?

— זענט איר ניט צו מיד? — אין נאַדיעס קול איז אַזאַ וואַרעמקייט. איר רויִקייט דערגייט בלומען קוראַזש.

— עס איז בעסער איך זאָל גיין. — זי טוט נאָך אַ קוק צו דער פאַרמאַכטער טיר און לאָזט זיך צום אַרויסגאַנג.

— גייט ניט מיטן זעלבן וועג. בעסער מיט דער אַ סטעזשקע, דורכן גאָרטן — ווײַזט נאַדיע אָן — אַזוי קומט איר אַרויס נאָענט צום עק פון דאָרף.

זיי געזעגענען זיך.

עס איז הייס. דער שווייס רינט בלומען פון שטערן. די פיס ברעכן זיך איר אונטער פון מידקייט. אומענדלעך לאַנג ציט זיך דער וועג.

זי איז ניט צופרידן מיט זיך, מיט איר שרעקן זיך. געקאָנט בלײַבן אַ ביסל זיך אָפּרוען, אפשר אויך זען אילישען, טראַכט זי. אָן אײַנפערזוכט דערפילט זי צו נאַדיען. צו איר שיינקייט, רויִקייט. אַזש דאָס האַרץ קלעמט. בלומע וויל שוין זײַן אין דער היים. שלאָפן. זי וויל אַזוי שלאָפן.

עס איז שוין שפעט. נידעריק הינטערן שײַער, פאַרגייט אַ רויטע די זון. איצטער זעט בלומע נאַריש איר אײַנפאַל, צו טרעפן דאָרטן אילישען. און דאָך קומט איר אויף אַ געדאַנק, ווי אַ טרייסט: אויב אילישע איז בײַ נאַדיען, האָט זי זיכער אויסגעמיטן זײַן טרעפן זיך מיט קאָוואַלן.

10

סאָניע ווײַזט זיך ניט. בלומע וואַרט אויף איר אומגעדולדיק. זי איז אָפּגעריסן פון אַלעמען. ווייסט אַפילו ניט צי האָט זי באַוויזן אילױשען אָנזאָגן ער זאָל ניט גײן אויף דער טרעפונג מיטן פּראָוואָקאַטאָר. מעגלעך אַז ער איז אַרעסטירט, זיצט שוין אין טורמע. זי זעט ווי מען פּײַניקט אים אין דעפענסיווע און וועקט זיך איבער נאָך קאָשמאַרן אַ באַגאָסענע מיט שווייס.

שוין עטלעכע מאָל איז בלומע פאַרבײַגעגאַנגען סאָניעס היים. מען זעט זי ניט. איז זי אפשר בײַ דניאלן אין וואַרשע? אויך פון אים הערט בלומע גאָרניט.

בער איז שטאַרק פאַרהאָרעוועט. שווער אים זיך אַרויס־צופּלעכטן פון דער אַרבעט אין פעלד. קומט אַלץ זעלטענער אין שטאָט. און קומט ער יאָ, איז שוין שפּעט נאַכט. פאַרטאָג נאָך פאַר־פינצטער פאָרט ער צוריק. בלומע הערט אים קרעכצן אין שלאָף. איז ער כאָטש געזונט? — טראַכט זי. ער זעט אויס מיד און טרויעריק.

— נו, אדרבא, זאָג דו אַליין, בלומע, וואָס וועט זײַן? — קאָן ער פּלוצלונג אַ פרעג טאָן, ניט וואַרטן אויף קיין ענטפער און האַלב צו זיך, האַלב צו בלומען, אַ זאָג טאָן:

— שוין לאַנג דאָ שלומען ניט געטראָפן. ער קומט? וואָס מאַכט ער?

— ער איז אין אויסלאַנד.

— אַזוי... — ער הייבט אָן עפּעס זאָגן און ענדיקט ניט. גייט אַרויס שפּאַנען דאָס פערד. אין וועג בלײַבט ער שטיין. וויל נאָך פרעגן בלומען אויף דניאלן. אָבער אויך דאָס טוט ער ניט. גייט ווײַטער. ער ווייסט, ווען בלומע זאָל עפּעס וויסן, וואָלט זי אים גלײַך געזאָגט. זי פילט גוט ווי ער וואַרט אויף אַ ידיעה פון דניאלן, ווי ער שלאָפט ניט קײַן נעכט.

„שלום איז אין אויסלאַנד" — הערט בלומע זיך זאָגן און ווייסט אַליין ניט פאַר וואָס זי האָט געענטפערט פונקט אַזוי. איצטער פרעגט זי זיך: זאָל זײַן ער איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישׂראל? אַוועקגעפאָרן און איר גאָרניט געזאָגט?

זי בענקט נאָך אים. עס איז איר נאָך אַלץ ניט צו גלייבן, אַז שלום איז אַוועק ניט צוריקצוקומען. אָפט טראַכט זי אַז אַלץ וואָס איז געשען איז ניט וואָר. אַ בייזער חלום פון וועלכן זי דאַרף זיך אויסטשוכען. אַזוי אומקלאָר און ניט וואַרשײַנלעך זעט איר עס אויס. דער איינציקער פאַר וועמען זי וואָלט אַלץ געקענט זאָגן, איז שלום. ער וואָלט איר געהאָלפן זיך אַרויספּלאָנטערן פון דאָס אומפאַרשטענדלעכע אין זיך גופא.

יעדן אין דער פרי גייט זי צו דער אַרבעט אין „גמילות־חסדים־קאַסע". דערנאָך ציט זיך די צײַט. אין לאַנגע זומערדיקע אָוונטן קומט זי אַרויס פאַרן טויער, בײַם סאַד. שטייט און קוקט צום וועג. קיינער ווײַזט זיך ניט. ווי אַן איר וויסן, גייט זי מיט דער ליידיקער גאַס צום צענטער פון שטאָט. אַרום איז בײַנאַכטיק שטיל. מען זעט שוין שלומס פאַרטיילאָקאַל. דאָרטן איז ליכטיק, טומלדיק.

אפשר איז שלום הײַנט געקומען און איז מיט חברים? קאָן זײַן ער איז באַצײַטנס אַוועק צו צילען? ווי גליקלעך זי זעט צילען מיט שלומען. מיט „איר" שלום, מיט וועמען זי איז אַזוי געבונדן, נאָך פון דער שול־באַנק אין קלאַס, ווען זיי האָבן כּסדר געקוקט איינער צום אַנדערן. און שפּעטער פאַר די הענט, אַנטלאָפן פון אַלע חברים, וועלכע פלעגן אַרויסקומען אין דאָרף. באַהאַלטן זיך הינטערן שײַער און בגנבה זיך קושן.

בלומע פאַרגינט ניט צילען זײַנע צערטלעכקייטן, זײַן גוטס־קייט, זײַן חכמה. דאָס אַלץ וואָס זי פילט, אַז עס געהערט נאָר איר.

אַ פאַרטראַכטע גייט זי פאַרויס, קוקט צו די ליכטיקע פענצטער אין לאָקאַל. פלוצלינג ווערט דאָרטן פינצטער. פאַרלאָשן דאָס ליכט. מען צעגייט זיך. גיך אײַלט זי אַוועק צוריק. וויל אַז קײַנער זאָל איר דאָ ניט זען.

שוין אַ סך צײַט אַוועק. אומגעריכט, אין אַ פרימאָרגן, באַווײַזט זיך סאָניע. לויט אירע רייד איז צו פאַרשטיין אַז זי איז ניט געווען הי.

— איך טאָר צו דיר ניט קומען, בלומע. שווערע טעג. עס קאָן געשען אַז אויך דיך זאָל מען אַרעסטירן. מוזט זײַן גרייט.

— ווען?...

— בלומע, געדענק. דו מוזט אַלץ לייקענען. דו ווייסט גאָרניט. מען איז אויף די שפּורן פון אילױשען. איך אַליין פאַרשטיי אויך ניט. מען האָט אים געפונען בײַ נאַדיען.

— בײַ נאַדיען? איז ער אַרעסטירט?

— דורכן פענצטער איז ער געלאָפן. מען האָט אים נאָכגעשאָסן. ער איז פאַרוואונדן, ווי אין וואַסער אַרײַן. נאַדיע איז אַרעסטירט. שוין אין תפיסה. די דעפענסיווע גוט אויסגעהאַלטן. ער איז איר מאַן, געטענהט. מער ווייסט זי גאָרניט. מען האָט זי לאַנג געפּײַניקט.

— ער איז איר מאַן. — חזרט בלומע איבער פאַר זיך אַליין, און דאָך קלינגט עס ווי זי זאָל פרעגן.

— פונקט דאָס דאַרפסטו וויסן. פאַרשטיי אַז דאָס בעסטע איז ניט צו וויסן. וואָס נאָר מען זאָל דיך ניט פרעגן, ווייסטו ניט. אַמבעסטן וואָלט געווען זאָלסט איצטער אַוועקפאָרן צו שלומען.

ס׳איז נאָכן טאָג. שוין לאַנג איז דער טאַטע ניט געווען אין דובאָווע. בלומע קלײַבט זיך שוין גיין שלאָפן, ווי פּלוצלונג דערטראָגט זיך צו איר אַ שאָרשען פון צווישן די ביימער אין סאָד. איר דאַכט זיך, זי הערט אויף טריט. זיי דערנענטערן זיך.

פּאָליציי — ציטערט זי אויף. איך מוז אויסהאַלטן. זײַן שטאַרק ווי נאַדיע. איך ווייס גאָרניט.

עס ווערט שטיל.

אפשר אַן אויסדאַכטעניש. אָבער ווידער הערט זי טריט. אָן ספק. ווי אַ פאַרמשפּטע גייט זי צום פענצטער.

— אילױשע? דו?

— ביסט אַליין, בלומאַ?

— יאָ. ווייסטו אַז מען זוכט דיך? ווי אַזוי ביסטו געקומען?

— איך ווייס אַליין ניט. בין געגאַנגען ווי אַלע גייען און געקומען צו דיר. קאָן איך אַוועקגיין און דיך ניט געזעגענען?

— קום אַרײַן. אַזוי דורכן פֿענצטער. ביסטו זיכער אַז קיינער איז דיר ניט נאָכגעגאַנגען? גייסט אַוועק? וואָהין?

אילושע ענטפֿערט ניט אויף די פֿראַגעס. טוליעט זי צו זיך.

— געוויס האָב איך ניט געטאָרט איצט גיין אַהער.

— ווייסטו אַז נאַדיע איז אַרעסטירט?

— איך שטעל זיך פֿאָר. כ׳ווייס גאָרניט.

— זי איז שוין אין תּפֿיסה. גוט אויסגעהאַלטן די דעפּענסיווע. געזאָגט אַז דו ביסט איר מאַן. עס איז אמת?

— אויך דו פֿאָרשסט?

— אילושע טײַערער — פֿיבערט זי אין זײַנע אָרעמס — דו ביסט מײַנער. מײַנער, כ׳גלייב קוים אַז דו ביסט דאָ, נעבן מיר.

דער זייגער רוקט זיך פֿאָרויס. צעצאַפּלטע רגע׳ס דערנענטערן דעם אָנקומענדיקן טאָג.

— אילושע, איך וויל גיין מיט דיר, אויף יענער זײַט, וועט אונדז קיינער ניט צעשיידן.

— רעדסט ווי אַ קינד, בלומע. דאָס איז אוממעגלעך. זײַ רויִק. איך גיי דאָך אַוועק נאָר ביז די געפֿאָר וועט פֿאַרבײַ.

זײַנע רייד נעמען איר אַרויס פֿון דער פֿאַרשיכּורטקייט. עס רעדט איצטער ניט דער זעלבער אילושע מיט וועמען זי האָט אַזוי געפֿיבערט די נאַכט ביז פֿאַרגעסן אַלץ און אַלעמען.

— איך וועל צוריקקומען. אונדזער אָרט איז דאָ. גרויסע זאַכן מוזן מיר אויפֿטאָן. דו ווײַנסט? איך האָב געמיינט דו ביסט שטאַרקער.

זי שטיקט זיך מיט די טרערן. בלײַבט שטיל.

— ווייס איך וואָס מיט מיר וועט געשען? ווו איך וועל זײַן מאָרגן? פֿאַרשטיי עס און זײַ רויִק. אָט ווערט שוין טאָג. אַ שאָד וואָס בײַטאָג איז ליכטיק — טוט ער אַ שמייכל — איך בין, ווי דו

זעסט, זייער מזלדיק. אַט גיי איך אַוועק. וועל אָנקומען וווּהין איך דאַרף און ווידער צוריקקומען. זיי זיכער. גלייב, אַז איך וועל צוריקקומען.

— דײַן אַוועקגיין שרעקט מיך.

זײַן בליק ווערט אַנדערש. זעט זי אין אים שרעק? עס געדויערט אַ רגע און ווידער שמייכלט ער.

— בלומע, מיר וועלן זיך געפינען. נאָך אַלע געפאַרן וועל איך קומען צו דיר. אַזוי וועט עס מוזן געשען. ווי איצטער. איך בין געקומען, ניט געקאָנט אַנדערש. געמוזט דיך זען.

— אילי‌ושע.

ער געזעגנט זי רויִק, באַהערשט.

בלומע זעט אים אַרויסקריכן דורכן פענצטער. ער גייט אַ געבויגענער, וויל ווערן קלענער. ניט זיכער דערוויטערט ער זיך צווישן די ביימער. אַט איז ער אַרויס פון סאַד. בלומע זעט אים שוין ניט און שטייט נאָך אַלץ צוגעשפּיצט. איר דאַכט זיך, זי הערט נאָך זײַנע טריט. פּלוצלונג טוט זי זיך אַ ריס פון אָרט און לאָזט זיך לויפן מיטן זעלבן וועג, צווישן די ביימער. די גאַס איז פּוסט. מען זעט קיינעם ניט. עס איז פרי, גרוי און שטיל. אַ שטילקייט פול מיט פּחד.

11

פּאַרנאַכט. בלומע קאָן זיך ניט אויפהייבן פון בעט. זי ווייסט אַליין ניט. האָט זי געדרעמלט? האָט דאָס קלאַפּן פון זייגער בײַם שכן זי אויפגעוועקט? דרײַ קלעפּ האָט זי באַוויזן אָפּצוציילן. עס קאָן דאָך ניט זײַן אַזוי פרי.

פּאַרזיכטיק שטעלט זי אַראָפּ די פיס. שאַרט זיך צו צום פענצטער. אין סאָד איז פינצטער. אַלע ביימער צונויפגעגאָסן אין איין פלעק. איר רוישט אין די אויערן, ווי דער גלאָק אין צערקווע זאָל האָבן געקלונגען און וויברירט נאָך אין דער לופטן.

זאָל זײַן מען האָט עמעצן באַגלייט צום „מאָהילניק?״ אפשר רופט מען צו דער נאַכט־תפילה?

עס איז שוין שפּעט, אויך הײַנט וועט דער טאַטע ניט קומען. אין וואַרשע, אויפן וואָקזאַל, האָט זי דניאלן צוגעזאָגט צו דער־ציילן דעם טאַטן וועגן אַבאָרט. דניאל האָט ניט באַגריפן, צוליב וואָס באַהאַלט זי עס אויס פון שלומען.

„אויך דו ווייסט גאָרניט, דניאל, דו ווייסט ניט״ — האָט זיך בלומע אויפגערעגט.

געזען זי אַזוי אויפגערעגט, האָט ער געוואָלט מיטפאָרן אַהיים. דעמאָלט האָט זי אים צוגעזאָגט אַלץ צו דערציילן דעם טאַטן.

איצטער איז זי אַליין. דער טאַטע ווײַזט זיך ניט.

דניאל ווייסט ניט אַז דער איינציקער, וואָס דאַרף עס ויסן איז אילי׳ושע. זי מיינט אַז אין יענער אומפאַרגעסלעכער נאַכט פול מיט גליק און פּחד, האָט זי פאַרשוואַנגערט. ווי האָט זי געוואָלט געבוירן דאָס קינד. איצטער איז אַלץ געענדיקט, ניט צו ענדערן. זי פילט אַ ליידיקייט אין קאָפּ, אין האַרץ, אין די אינ־געווייד.

שוין צוויי מעת־לעת נאָכן אַבאָרט. דער דאָקטער האָט פאַר־

זיכערט אַז ס'איז געענדיקט. זי אָבער בלוטיקט נאָך. פילט זיך שוואַך. ווי וואָלט זי געדאַרפט אַ ביסל טיי. לאַנגזאַם שאַרט זי זיך צוריק צום בעט.

אין ווינקל, וווּ דאָס בעט שטייט, איז טונקל. דורך דער אָפענער טיר פון צווייטן צימער, פאַלט ליכט אויף דער אַנטקעגנדיקער וואַנט.

בלומע פילט אַ שווערע מידקייט אין גאַנצן גוף, אין יעדן גליד. האָט מורא איינצושלאָפן. די אויגנלעפּלעך פאַלן צו. זי חלומט האַלב וואַך:

אָט איז זי אין דאָרף ביי נאַדיען. נאַדיעס שיינקייט אַרט איר, מאַכט קלעמען דאָס האַרץ. הינטער דער פאַרמאַכטער טיר איז אילּיושע. זי אָבער איילט מיטן וועג צוריק אַהיים. וויל קוקן הינטער זיך, איז איר דער האַלדז פאַרשטייפט. פּלוצלונג דערזעט זי אילּיושען שפּרינגען דורכן פענצטער. מען יאָגט אים. אָט באַהאַלט ער זיך צווישן די ביימער אין זייער סאָד און אָט לויפט ער ווייטער.

— אילּיושע! אילּיושע! — שרייט זי און הערט ניט איר אייגן קול. די ווערטער בלייבן שטעקן אין האַלדז, שטיקן. מיט אַלע כּוחות וויל זי לויפן נאָך אים. סאַפּעט שווער, פאַרלירט דעם אָטעם. פאַלט אַוועק און קאָן זיך ניט רירן פון אָרט. גוט אַז דער טאַטע איז דאָ. זי פילט זיין קאַלטע האַנט אויף איר שטערן.

— בלומע, בלימעלע.

אויף כּח רייסט זי אויף די אויגן. קוקט פאַרוווּנדערט.

— בלימעלע, ביסט קראַנק? וואָס איז געשען?

— שלום? ביסט געקומען? — מורמלט זי קוים.

— ביסט קראַנק? ליגסט אַזוי אַליין. איז געווען אַ דאָקטער? זי שווייגט.

— האָסטו היץ? רייד עפּעס. וואָס איז געשען?

— איך מיין... איך ווייס ניט. דער קאָפּ טוט וויי.

שלום מאַכט ליכטיק. זי פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט.

— דאָס ליכט שטערט דיר? אַזוי איז בעסער? פאַר וואָס

ביסטו אַליין? שוין לאַנג ווי עס טוט דיר וויי דער קאָפּ? דו ווייסט? איך מאַך אַ גלאָז טיי און גיי ברענגען אַ דאָקטער.

— ווי שפּעט איז, שלום?

— שוין נאָך האַלבער נאַכט.

— בין איך געשלאָפן?

— יאָ. שוין לאַנג ווי איך זיץ נעבן דיר.

ער אײַלט אַרויס אין קיך און קומט מיט אַ גלאָז טיי.

בלומע באַהאַלט ניט מער איר וויינען. כליפּעט פרײַ.

— וויין ניט בלימעלע. וויין ניט.

— נעם זיך ניט איבער דערמיט, שלום. אַזוי גוט איז זיך אויסצווויינען — שטאַרקט זי זיך אַ שמייכל צו טאָן.

— קאָנסטו בלײַבן אַליין און איך זאָל גיין רופן אַ דאָקטער?

— מ׳דאַרף ניט, שלום. עס ווערט מיר בעסער. איך האָב אַזוי געדאַרפט די טיי. ווי גוט עס איז אַז דו ביסט דאָ.

— אַ סך מאָל בין איך דאָ פאַרבײַגעגאַנגען. אויך איצטער געמיינט נאָר פאַרבײַ צו גיין. איך ווייס אַליין ניט... עפּעס האָט דאָס האַרץ אַ צי געטאָן. טרינק, טרינק די טיי. איך וועל דיר געבן נאָך. ביסט אַזוי דאַרשטיק.

— הערסטו אויך וויינען אין דרויסן?

ער איז שוין ווידער אין קיך. קומט מיט נאָך אַ גלאָז טיי. ברענגט אויך אויף אַ טעלער ברויט, באַשמירט מיט פּוטער, אַ שטיקל קעז.

— מוזט אויך עסן בלומע. ביסט אַזוי שוואַך. נעם. בײַס אײַן. איך בעט דיך.

— איך קאָן ניט. וועל ניט קאָנען אַראָפּשלינגען. עס שטיקט מיר אין האַלדז. זעסט דאָך.

— טאָ טרינק די טיי. וועסט זען. ס׳וועט דיר גוט מאַכן. האָסטו אַ „קאָגוטשיק", אָדער עפּעס אַנדערש קעגן קאָפּווייטיק.

— איך הער דאָך וויינען, דו ניט?

— עס איז גאָרניט — זאָגט ער אײַנהערנדיק זיך — ערגעץ נעבן אַ שכן מיאַוקעט אַ קעצל. פילסטו זיך באמת בעסער? ווען

זאָלסט איַינשלאָפן, וואָלט מען אפשר געקענט וואַרטן מיטן רופן אַ דאָקטער ביז אין דער פרי.

— אויך דו מוזט רוען, שלום. אפשר לייגסטו זיך אויף דער קאַנאַפּע. דאַרפסט דאָך שלאָפן.

— אָט וועל איך אַזוי דרעמלען נעבן דיר. עס איז גוט. שאַ שלאָף איַין.

עס גרויט שוין. מיטן שפּראָץ אויף טאָג באַוויַיזט זיך בער פון יאָדלע. זיַין אַריַינקומען אין שטוב, האָט פאַרשמעקט מיט גע־קאָסיעטן היי, מיט דער פרישקייט פון וואַלד. דורך דער אָפענער טיר צום אַנדערן צימער, זעט ער בלומען ליגן אין בעט און שלום זיצט נעבן איר. זיי שלאָפן. אַ רויִקייט געמישט מיט פרייד דער־פילט ער. שוין לאַנג ער האָט שלומען דאָ ניט געטראָפן. גוט איז אים צו וויסן, אַז בלומע איז ניט אַליין.

שטיל, זיי ניט צו וועקן, דערוויַיטערט ער זיך פון טיר. גייט אַרויס זען וואָס עס טוט זיך אַרום שטוב.

צווייטער טייל

דער באַרג ציטערט

12

דאָס לעבן אויפן באַרג איז ווי אָפּגעזונדערט פון די שטעטלשע וואָס ווינען ביי זיין צופוסן. ווינטער לאָזן זיך ייִנגלער און מיידלער אַראָפּ אויף שליטלער פון סאַמע שפּיץ, פאַרביי דבורהל דער מיל־ביקערינס שטוב. בעת אַ פראָסט איז ניט מעגלער אַרויפצוקריכן צו איר. לאַנג האָט מען געלאַכט פון פּיוול דעם האָן. אים נאָכ־געקרימט ווי אַזוי ער איז חתנ׳ווייז געגאַנגען צו זיין כּלה. טאַקע צו דבור׳לס טאַכטער. אַן אויסגעפּוצטער, „אין עסיק און אין האָניק״, האָט ער אַ שטעל־געטאָן אַ פוס פאַרויס און באַלד זיך געגליטשט אויף צוריק. ביז יענקל דער בעל־עגלה איז געפאַלן אויף אַ המצאה און אַרויס אים אַנטקעגן מיט אַ קאַטשערע. ער האָט געהאַלטן דעם עק פון שטעקן. פון דער אַנדערער זייט, פאַר דער קאַטשערע, האָט זיך אָנגעכאַפּט פּיוול ווי אַ טרינקענדיקער. אַרויפגעקומען צו דער כּלה איז ער געווען אויסגעשמירט ווי אַ קוימענקערער.

אַ ווייסער פוכיקער שניי באַדעקט דעם אייז. ביי רפאלן אין סטאָלעריי לעבט מען אויף. דורכן פענצטער קוקן נאָך די אַרבע־טער, ווי ציטערנדיק מען גייט פאַמעלער באַרג־אַראָפּ. יעדערנס פאַלן באַגלייטן זיי מיט אַ הילכיק געלעכטער.

— אַ חגא, האַ? — קלאַפּט רפאל אין שויב. — געדענקט ר׳ נחמן, מען טאָר הײַנט ניט אַרבעטן. עס איז חגא, „סראַקאָ־פּאַד״. — שמעלצט ער זיך פון הנאה.

דערנאָך פילאָזאָפירט ער פאַר זיינע געזעלן:

— איר לאַכט? — אַזוי איז עס אין לעבן. איינער פאַלט און דער אַנדערער לאַכט. הײַנט ער, מאָרגן איך. מען פאַלט, ברידערלעך, מען פאַלט. דעם געפאַלענעם העלפט גאָט. אַזוי שטייט געשריבן שוואַרץ אויף ווייס. ערגעץ אין די הייליקע ספרים שטייט עס.

פרילינג בליט אויף דער באַרג. צווישן די ביימער און פייגל־געזאַנג ראַיעט מיט סודות פון באַהאַלטענע ליבעס. מיט שפּילע־רייַען פון קינדער. מיט לאַנגזאַמע שפּאַצירן פון באַיאָרטע לײַט.

איצטער איז אַנדערש. שוין נאָכן זומער. עס איז יאָר נײַנצנ־הונדערט נײַן און דרײַסיק. טרויעריק זענען די ייִדן צוגעשפּיצט צו דעם וואָס עס קומט פאַר אונטן אין שטאָט.

דער טאַרטאַק שטייט. מען הערט ניט זײַן הודאָק. ניט אין דער פרי, ניט אין אָוונט.

די באַטראַקעס, וואָס האָבן דאָרטן געאַרבעט פון טאָג, בראָד־זשען איבער די פאַרשלאָפענע גאַסן. זוכן עפּעס צו פאַרדינען.

— היי, באַלעבאָסטע! האָסט אפשר אַ וועגל האָלץ צו צע־האַקן? נאָר אַ פּאָר גראָשן וועט עס קאָסטן. פאַר ביליק.

— שליאָמקאָ, האַ? שליאָמקאָ! האָסט דאָך געזאָגט עס רינט אַרײַן בײַ דיר. אָט קומען די רעגנס. נו, לאָמיר פאַרריכטן דעם דאַך. גיי זע. עס שטייט אַ פורל שינדלען אויפן מאַרק. פאַר ביליק קאָנסטו עס הײַנט קויפן.

אומזיסט די רייד. זיי בלײַבן מיט די העק פאַרשטעקט הינטער די שטריק אויף זייערע לענדן. גייען צוריק צום מאַרק. דרייען זיך ביז מידקייט צווישן די וויניק פורלעך און זעצן זיך אויף דער ערד, נעבן קלויסטער. רייבערן דעם אייגענעם, געטריקנטן טיטון. שפּײַען קונציק ווײַט פאַר זיך און שילטן אונטער דער נאָז.

אין פריִען פרימאָרגן גייט דער אַלטער שמאַיע מיט צוויי ליידיקע קאָשיקעס, אײַנקויפן עופות אויפן מאַרק. אַראָפּ־באַרג גייט זיך שנעל, שווער זיך צוריקצוהאַלטן, אין דער אמתן אײַלט ער אינגאַנצן ניט. ווייסט אַז דאָס וואָס עס איז אים באַשערט וועט דער טאָג ברענגען. אַנומלטן איז ער אַרויס נאָך שפּעטער ווי הײַנט. איז פונקט אָנגעקומען אַ גויע מיט צוויי פעטע הינער. ווײַזט אויס זי האָט פאַרשפּעטיקט. שוין קײַן קויפערס אויפן מאַרק

ניט געווען. באַשערט איִם אַ מציאה. הלוואי הײַנט ניט קיין ערגע־רער טאָג.

גערוויינטלעך גייט אָבער שמאַיע גאָר פּרי אַרויס פון שטוב. אַזוי קומט עס שוין אויס. זײַן ווײַב ראַשע, שלאָפט נעבעך אײַנ־גאַנצן ניט.

אָנגעהויבן האָט זיך עס דעמאָלט, ווען מען האָט מאָביליזירט זייער עלטסטן זון לייבע. צוויי חדשים איז ער אָפּגעלעגן בײַ דער גרענעץ און צוריקגעקומען. געטראָפן די מאַמען מיט רויטע, אויס־געווײנטע אויגן. סאַראַ פרייד עס איז געווען. אָבער אַ פּאָר טעג שפּעטער, האָט מען מאָביליזירט דעם יינגערן, שײַקען. אַוועקגע־שיקט אים טאַקע צו דער זעלבער גרענעץ. ראַשע ציילט איצטער יעדן טאָג. וואַרט עס זאָלן אַריבערגיין צוויי חדשים, וועט אויך שײַקע צוריקקומען.

זי לייגט זיך שלאָפן אין שפּעטער נאַכט, מיט געשוואָלענע הענט פון פּליקן די הינער. איז מיד און דער שלאָף קומט ניט. עפּעס שרעקט איר דאָס האַרץ.

— ווי מיינסטו, שמאַיע? שוין זעקס וואָכן אַוועק. זינט שײַקע איז אויף דער גרענעץ. אַט איז לייבע נאָך די צוויי חדשים געקו־מען. דאַרף שוין אויך שײַקע באַלד קומען אַהיים.

נאַכט נאָך נאַכט חזרט זי איבער די זעלבע פראַגע און גיט זיך אַליין דעם ענטפער. אויך בײַטאָג אין יאַטקע פרעגט זי בײַ די קונדן. קוקט בעת מעשה מיט געבעט אין די אויגן. נאָר אַ פּאָר־באָרנן פּײַערל גליט אין איר בליק. זי איז מסוגל דורס צו זײַן דעם וואָס וועט זאָגן אַנדערש.

פּאַרנאַכט־צו באַווײַזט זיך הינדע די לאַנגע אויפן באַרג. שלעפּט זיך פון שטוב צו שטוב. אַ מאָל איז זי געווען אַ „רביצן". אַרומגעגאַנגען מיט אַ טײַטל און געדרוקטן אלף־בית. געלערנט מיידלעך עברי־טײַטש. שוין דעמאָלט איז זי געווען אַן אַלטע. קיינער געדענקט ניט ווען הינדע איז געווען יונג. הײַנט גייט זי איבער די הײַזער. שלאָפט אין מושב זקנים. האַלט אין איין ווײנען

און קלאָגן אויף אירע שכנות. דער עיקר אויף דער לאָמער יענטע, וואָס פאַרנעמט אַן אָרט, נעבן איר.

— די ייִדענע באַגנבעט מיך, זאָגט זי, שטעלט מיר בדלות.

צוליב איר טאָקע שלעפּט הינדע איר גאַנצן פאַרמעגן מיט זיך. פּולע זעק מיט פאַרטריקנט ברויט. איין טאָרבע צוגעבונדן צו דער אַנדערער. פיל קלומיקלער צוגעטשעפּעט צו זיי. זי גייט מיט אַ גרויסן שטעקן און די טאָרבעס שאַרן נאָך איבער דער ערד אין אַ לאַנגער שורה הינטער איר.

פאַר יעדער טיר שטעלט זי זיך אָפּ און בעט אַ שטיקל ברויט.

— צו וואָס דאַרפסטו אַזוי פיל ברויט, הינדע?

שוין לאַנג זי האָט אויפגעהערט וואַרטן ביז מען וועט איר פרעגן. חזרט נאָכאַנאַנד איבער איר ענטפער פאַר אַנדערע און פאַר זיך אַליין:

— עס גייט אַ צײַט, ווען גאָרניט וועט מען דאַרפן חוץ אַ שטיקל ברויט. מען מוז אויך אָנגרייטן וואַסער. איך קאָן דאָך עס ניט שלעפּן אין די זעקלעך. געדענקט אַז ניט פון ברונעם, ניט פון קרעניצע וועט מען קאָנען טרינקען דאָס וואַסער. אויף דער ים וועט פול זײַן מיט טויטע.

ער וועט זידן, ווי ערב פּסח דער קעסל. וויי, וויי. אַלעמען, אַלעמען וועט מען וואַרפן אין אים. אָבער ביז דער מיתה־משונה, וועט מען דאַרפן אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל וואַסער. אַ סקאָרינקע אײַנצווייקן. פּוילט אײַך ניט, טײַערע מענטשן. גיסט אָן פולע טעפּ, טשײַניקעס, גלעזער. איר וועט ניט קריגן קיין טראָפּן ריין וואַסער. און מיר גיט אַ שטיקל ברויט. האָט רחמנות אויף זיך אַליין. גיט אַ שטיקל ברויט.

כאָפּטעס קינדער לויפן איר נאָך.

— הינדע! — שרײַען זיי — דאָס ברויט איז דאָך פאַרטריקנט. האָסט דאָך ניט קיין ציין עס אײַנצובײַסן! קוק, אברהמעלע האָט דיר צוגעגנבעט אַ טאָרבע און אַנטלאָפן.

— אָוועק עבברושים — דרייט זי זיי מיטן לאַנגן שטעקן — אַז אָך און וויי איז צו אײַך, נעבעך. אַז אָך און וויי.

אויך שמאַיע קערט זיך פאַרנאַכט צוריק. דעם קאָפּ ציט ער פאַרויס. די פולע קאַשיקעס מיט הינער פון ביידע זײַטן זעען אויס ווי צוויי פליגל. אַ גרויסער פויגל, אויף לאַנגע פיס ציט זיך באַרג אַרויף.

ער גייט פאַרזונקען אין שווערע מחשבות. זעט גוט אַז די מאָביליזאַציע פירט ניט צו קיין גוטס. וואָלט געזאָלט זײַן ווי זײַן ראָשע, זאָל לעבן, זאָגט, וואָלט לייבע געקומען אַהיים און פּטור. דאָס אָבער וואָס מען האָט אויף זײַן אָרט גענומען שייקען, טויג ניט. צרות רוקן זיך אָן און בײַ אים אַ שטוב מיט יונגע מענטשן. אַ שטוב מיט זעלנער. די זין, די איידעמס. באַהיט זאָל מען ווערן. ער קרעכצט שטיל, קומט צום אויספיר, אַז עס איז זייער ביטער.

דאָס קרעכצן גייט איבער אין אַ שטילן, גאָר שטילן ניגון, שווער צו דערקענען. איז עס אַ וויינען אָדער אַ זינגען. עפּעס אַזוי טרויעריק צעצויגן און שטיל, קוים צו דערהערן, ברומט ער ווי אָן זײַן וויסן.

— אַזוי, אַזוי. זאָל נאָר ערגער ניט זײַן. נאָר ניט פאַרזינדיקן.

— מורמלט ער שטיל. ער האָלט זיך קוים. וויל אָבער זיך ניט אָפּרוען. ווייסט אַז קוים שטעלט ער זיך אָפּ, וועט אים שווערער זײַן דאָס רירן זיך פון אָרט. בייגט ער דעם קאָפּ אַלץ נידעריקער. ציט זיך געדולדיק אַלץ העכער, אַרויף דעם באַרג. ביז ער קומט צו זיך אין הייפל. ערשט דאָרטן וואַרפט ער אַראָפּ אויף דער ערד די משׂא. זעצט זיך אויפן באַנק בײַם גאַנעק און ווישט זיך דעם שווייס.

אַ ביסל זיך אָפּגערוט, גייט שמאַיע אַרײַן אין קליינעם שטעלכל, צו די עופות. הייבט אויף אַן איי, וואָס אַ הון האָט פאַרלאָרן, שיט זיי צו אַ ביסל גערשטן. זאָלן זיי ניט זײַן הונגעריק. שטייט ער אַזוי, בעת מעשׂה און קוקט ווי זיי פּיקן. פול זענען די קערנער אַרום זיי. זענען אָבער צוויי הינער צוגעפאַלן צו איין קערנדל און דזשאָבען זיך אין די קעפּלער, שלאָגן זיך.

— אַ קיש! אַ קיש! פּרא־אָדמס! — צעטרײַבט ער זיי — רעכט זיי זאָלן זיך ממיתן. בלוט זאָל רינען. — אַ קיש!

ער שטייט, שאָקלט מיטן קאָפּ, פאַרטראַכט זיך. ער זעט אין דעם אַ משל אויפן לעבן.

פּלוצלונג דערהערט ער אַ האַסטיקן קלאַפּ בײַם טויערל און נאָך איידער ער באַווײַזט זיך אַרויסצובאַקומען פון צווישן די הינער, דערגייט צו אים אַ געוויין. אַ קוויטשענדיק יאָמערן, ווי אַ סירענע וואָלט זיך צעוואָיעט.

— וואָס איז ראַשע? — שטייט ער שוין איבער איר, בײַ דער באַנק אָן וועלכער זי קלאַמערט זיך ניט אומצופאַלן.

— ווײ איז צו אונדז און ווינד איז צו אונדז — יאָמערט זי מיט אַ ניגון — שוין... אַן עק פון דער וועלט... מען האָט דער־ציילט אין יאַטקע, אַז די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן... שוין... מען שלאָגט זיך... — פאַרגייט זי זיך אין אַ העשען. — מלחמה... ווײ און ווינד איז צו אונדז, מלחמה.

אין האַלב אָפּענעם טויערל, שטרעקט זיך אויס אַ ביינערדיקע האַנט. נאָך איר בייגט זיך אַרײַן הינדע די לאַנגע. עפּעס פּרעפּלט זי ווי תּמיד און קוקט פאַרשנדיק צו זיי.

— זעסט? — ווײַזט זי אָן אויף ראַשען מיט אַן אויסגעקרימטן, ציטערנדיקן פינגער. — קוק!

עס געדויערט אַ ווײַלע און גיך ציט זי זיך צוריק.

אין אײַלעניש טשאַפּעט זי באַרג אַראָפּ, נאָך איר שלעפּן זיך איבער דער ערד, די פולע טאָרבעס מיט סקאָרינקעס און שטיק־לעך ברויט.

13

אויף די פעלדער אַ שטילקייט פון נאָכן שניט. ביי אַלע שכנים שוין אָראָפּגענומען און צונויפגעקליבן די תּבֿואה. אויך בער מיט נאַסטיען פאַרענדיקן די אַרבעט. דערנעבן שטייט סיווקע. פּלוצלונג דערטראָגט זיך אַ ציטערן אין דער לופטן. ערגעץ ווייט יאָמערט אַ סירענע.

ביידע גלייַכן זיך אויס. זוכן אויפן האָריזאָנט. מען זעט גאָר־ניט. דער הימל איז בלוי.

— אַ פּאַזשאַר. ערגעץ ברענט — זאָגט בער — בייַנאַכט וואָלט מען גלייַך דערקענט ווו. אָבער איצטער. אַזאַ ליכטיקייט. זיי אַ נביא און טרעף. נאַסטיע, מירן ברענגען אַהער אויך יענע סנאָפּעס. ניט כּדאי צו קומען נאָך אַ מאָל.

בער שטייט אין דער הויך, אויף דעם פול אָנגעלייגטן וואָגן. קוקט נאָך אַלץ אין דער ווייַט.

— קלייַב צונויף אַלע קלייניקייטן. מיר זאָלן גאָרניט איבער־לאָזן. צייַט צו נעמען זיך אין וועג.

בערן איז הייס. ער רייַבט זיך דעם שטערן, ווישט דעם שווייס מיט זייַן צעכראַסטעטער העמד. פאַרלייגט דעם דראָנג, איבער־געוואָרפן די שטריק, קריכט בער אַראָפּ פון דער דראַבינע. זייַן אויג פאַלט אויפן אויסגעטריקנטן עמער. הייבט ער אים אויף. נעמט מיט דאָס קענדל און גייט צו מאַנילעס ברונעם. צום אייגע־נעם איז אַ מהלך. ליגט פון אַנדערן זייַט פעלד.

אָלגאָ קומט אַרויס פון שייַער און וואַשט די פיס ביי דער קאַריטע.

— ביעדאַ, פּעטער בערקאָ, מען שלאָגט זיך שוין.

בער ווערט בלייך. — די סירענע — זאָגט ער — דאָס איז עס.

— יאָ. דאָס פליִען די דייַטשן. זייערע עראָפּלאַנען.

עס פֿאַלט אים אײַן אַוועקצורײַסן אויף סיוועקן, נאָך אײדער ס׳איז געשפּאַנט. מיטן פֿולן עמער אײן אײן האַנט אין דער אַנ־דערער דאָס קענדל אײַלט ער. נעבן נאַסטיען דערזעט ער זיך מיטן פֿולן קענדל וואַסער, וואָס ער טראָגט פֿאַר צעטומלטקייט.

— ווילסט אַ טרונק, נאַסטיע?

זי הערט ניט. פֿאַרעט זיך בײַם צונויפֿבינדן דאָס געפּעס. בער שטעלט אַוועק דאָס קענדל און אײַלט מיטן עמער צום פֿערד.

— שלעבטע נײַס, נאַסטיע. מלחמה. מען שלאָגט זיך שוין.

— מלחמה, אַ ליכאָ! פֿון וואַנען ווייסט דער באַלעבאָס?

— דאָס איז עס געווען די סירענע, וואָס מיר האָבן געהערט.

— „האָספּאָדי״. — צלמט זי זיך און פֿאַרברעכט די הענט.

בער פֿאַרפֿאַרט גלײַך אין שײַער. שפּאַנט איבער דאָס פֿערד אין אַנדערן וואָגן און יאָגט קײַן דובאָווע.

אין שטוב איז קײנער ניטאָ. אויף דער פּאָדלאָגע ליגן פּיל רוקזעק. וואַליזקעס.

ווענענס קאָן דאָס אַלץ זײַן? איז אפשר דניאל געקומען?

ער צאַפּלט. וויל זען דעם זון און צווייפֿלט צי מעג ער זיך ווײַזן אין אַזאַ צײַט. אַ צערייצטקייט אין שטאָט. יעדער פּאָליציאַנט פֿילט זיך ווי אַ גאַנצער באַלעבאָס. בער זוכט אַרום שטוב, אין סאָד. אַן אומגעדולדיקער פֿאַרשליסט ער די שטוב און לאָזט זיך גײן צו שמאַיען אויפֿן באַרג, פֿאַזע די גערטנער. בײַ ניקאָלאַיען אין סאָד נעמט מען אַראָפּ די אַנטאָנאָווע עפּל. זײַן זון שטײט אויפֿן לייטער. לײגט יעדן עפּל אין קוישל, וואָס ער האָט אָנגע־בונדן אויף זיך.

— זײַ פֿאָרזיכטיק. דער עפּל זאָל ניט קריגן קײַן קלאַפּ. אויב יאָ, וועט ער פֿוילן. — וואָרנט אים ניקאָלײַ.

בערן פֿאַלט אײַן זיך אָפּצושטעלן, פֿרעגן נײַס. ער טוט אָבער אַ מאַך מיט דער האַנט און גײט ווײַטער. שמאַיען טרעפֿט ער אין הויף מיטן גרויסן בעזעם אין האַנט. דערזעען דעם גאַסט, שפּאַרט ער זיך אָן אויפֿן שטעקן פֿון בעזעם און קרעכצט אָפּ.

— קום אַרײַן בער. גוט דו ביסט דאָ.

— דו רוימסט?

— עס שיטן די בלעטער פון שפּיץ באַרג, פּאַרטרונקען צו װערן. איך פֿאַרנעם דערמיט די הענט. מען זאָל גאָרניט טאָן, קאָן מען פון זינען אַראָפּגיין. זעץ זיך.

— איך קום נאָר װאָס פון דאָרף. אין שטוב ניט געטראָפן קיינעם. איז בלומע בײַ דיר?

— ניין.

— און דײַנע זענען אין דער היים?

— ניטאָ זיי נאָך פון דער אַרבעט. זיץ. רו זיך אָפּ. — שמאַיע טוט אַ װאָרף דעם בעזעם אינמיטן הויף. — װאָס זאָגסטו צו דעם אומגליק? אמת, מען האָט זיך יעדן טאָג געריכט אויף דעם. דאָך געהאָפט אויף אַ נס. ניטאָ קיין ניסים אין הײַנטיקע צײַטן. װאָס? גלאַט אַזוי, צוליב גאָרניט האָט מען חדשים געהאַלטן סאָלדאַטן אויף דער גרענעץ?

שװער לאָזט זיך בער אַראָפּ אויף דער באַנק. שמאַיע זעצט זיך נעבן אים.

— װען האָט זיך עס אָנגעהויבן?

— מען זאָגט אַז נעכטן, אײיערנעכטן. אַ צעמישעניש.

— און איך האָב גאָרניט געװוּסט. בין אָפּגעריסן פון דער װעלט. די אַרבעט אין פעלד פֿאַרשלינגט.

— װוּ איז דײַן דניאל?

— איך װייס גאָרניט. אין שטוב זענען אָנגעװאָרפן װאַליזקעס. זוך איך בלומען. װיל װיסן װער איז געקומען. און װאָס איז מיט דײַן שײַקען?

— שוין חדשים אויף דער גרענעץ. ראָשע שלאָפט ניט קיין נעכט. גייט אײַן װי אַ ליכט. שאַ, אָט גייט זי.

מיט רעש טוט זי אַן עפן דאָס טויערל. פּאַרמאַכט עס גיך װי עמעץ װאָלט געיאָגט נאָך איר. זי איז רויט. די ליפּן פֿאַרביסן. די אָדערן בײַם האַלדז אָנגעצויגן, באַװעגן זיך װי בעתן שלינגען געצװוּנגענערהייט. ראָשע טוט אַ װאָרף דעם לײדיקן קאָשיק, װאָס

זי טראָגט און זעצט זיך בײַם קאַנט פון באַנק. די טרערן טועָן איר אַ שטיק אין האַלדז און זי פּלאַצט אַרויס אין אַ היסטעריש געוויין.

בער און שמאַיע זאָגן גאָרניט.

— נאָר וואָס באַגעגנט גיטל די גרויפּערקע מיט אַ קיישל באַרנעס. — דערציילט זי כליפּענדיק. — בײַ פּריידקע דער אלמנה האָט זי זיי געקויפט. זי גייט זיי באַהאַלטן, זאָגט זי, די קלענערע קינדער זאָלן עס ניט אויפנאַשן. ווײַ איז צו דער מאַמען און ווינד איז צו דער מאַמען — העשעט זי און קאָן ניט אָפּכאַפּן דעם אָטעם — גיטל ווייסט נעבעך ניט, אַז שמואלקע וועט שוין ניט קומען. אַזאַ יונג ביימעלע. ניטאָ אים. מען לויפט פון דאָרטן. די גענעראַלן אַליין הייסן לויפן. מלכהס זון איז די נאַכט געקומען. די האָר שטעלן זיך קאַפּויער, פון דעם וואָס ער דערציילט. אונד־זערע באַהאַלטן זיך אין די וועלדער. פון צווישן די ביימער שיסן זיי צו די רוצחים. בײַ זײַנע פיס איז שמואלקע געפאַלן. שײַקעלע, שײַקעלע מײַן קינד. פאַרגייט זי זיך אין אַ העשען. פאַרבײַסט די ליפּן, וויינט מיטן גאַנצן גוף אָן אַרויסצובריינגען אַ קלאַנג.

— בטחון ראַשע — רעדט שמאַיע איר אויס — מען טאָר ניט אַזוי. רוף ניט אַרויס דעם בער פון וואַלד. חלילה. אל תפתח פה לשׂטן.

פאַרבײַסט ראַשע נאָך פעסטער די ליפּן בלײַבט זיצן ווי פאַרגליווערט.

בער שטעלט זיך אויף. אָן אַ וואָרט באַגלייט אים שמאַיע. קוקט אים נאָך ווי ער גייט באַרג אַראָפּ ,הערט ווי בערס שטיוול שאַרן אויפן ברוק.

עס טונקלט. גיך פאַלט צו די האַרבסטיקע נאַכט און ס'ווערט אינגאַנצן פינצטער. קיין ליכט זעט מען אין ערגעץ ניט. די פענצטער זענען פאַרהאַנגען מיט גראָבע קאָלדרעס. קיין שײַן זאָל ניט פאַרמסרן. זאָל דער שׂונא ניט וויסן, אַז דאָ אויפן באַרג און בײַ זײַן צופוסנס, ליגט אַן עדה מיט דערשראָקענע ייִדן.

14

נאָך טונקעלער, גרויער פאַרטאָג. אין די פוסטע גאַסן איז אַלץ פאַרהאַקט און פאַרקלאַפּט. איין איינציקע טיר טוט אַ סקריפּע. ר' פּינחס רוקט זיך אַרויס אַ פאַרשלאָפענער, מיטן טלית־זעקל אונטערן אָרעם. פאַרן אַוועקגיין שטופּט ער צו אַ שטיין צום לאָדן פון טיר. מײַסטערעוועט, אַז בריַינע פון אינעווייניק זאָל קענען עפענען און דער לאָדן זאָל דאָך ניט קלאַפּן.

אַ ווינט יאָגט פון באַרג. ר' פּינחס קורטשעט זיך אײַן, לאָזט אַראָפּ דעם האַלדז צווישן די אַקסלען.

טעוול דער קצב, טרײַבט שוין אַ קעלבל פון נאָענטן דאָרף. פאַר־פינצטער אַרויס. ער וועט נאָך הײַנט ברענגען דעם שוחט צו זיך אַהיים. זינט דער קוואָטע אויף כּשר פלייש, איז ביטער מיט פּרנסה. כאַטש לייג די ציינער אויף דער פּאָליצע.

דאָס קעלבל אַ קליינס, אַ דאַרס, עקשנט זיך. וויל ניט גיין צו טעוולען אויפן באַרג. אַזש אַנגסטן באַפאַלן אים. ער שטופּט עס פון הינטן, דרייט דעם עקל, בוצקעט אין די ציטערנדיקע זײַט־לער. עס העלפט אָבער גאָרניט. אײַנגעשפּאַרט מיט אַלע אברים צעשפּרייט דאָס קעלבל די דאַרע פיסלער, שפּאַרט זיך אײַן און בלײַבט אויפן אָרט. שטייט און קוקט מיט דערשראָקענע אויגן.

פּלוצלונג דערהערט טעוול טריט אויפן באַרג און ווערט צעטומלט. ער טוט אַ קוילער דאָס קעלבל אויף דער ערד. מיט קצבישער געניטקייט פאַרבינדט ער די פיסלער פאַרוויַז. טוט עס אַ כאַפּ אויף די אַקסלען און יאָגט אַהיים.

— גאָט העלף — טוט ר' פּינחס אַ ברום אונטער דער נאָז.

אומזיסטע שרעק געהאַט, זעט טעוול. דאָס האַרץ קלאַפּט אים נאָך אַלץ. ניט ענטפערנדיק אויפן גוט מאָרגן, אײַלט ער צו זיך אין הייפל. אין דער לעצטער רגע דאַכט זיך אים, אַז ער

הערט ערגעץ אַ געלויף. פון אונטן דערטראָגט זיך אַ טופּעריַי פון טריט. ער פאַרהאַקט דאָס טויערל און פאַלט אַריַין אין שטוב בלייך ווי די וואַנט.

איצטער הערט מען שוין אַפילו אין שטוב דעם געלויף באַרג אַרויף, וואָס קומט אַלץ נאָענטער.

— אויפן באַרג! אויפן באַרג! — שריַיט עמעץ.

— ווען?

— נאָר וואָס? איצטער?

פאַרזיכטיק עפנט טעוול די פאָרטקע. די קולות קומען אַהער.

— וווּ? וואָס? נאָך נעכטן האָב איך עס געהערט!

שמאַיע, אין בלויזן העמד, עפנט די פענצטער. ער פאַרשטייט גאָרניט. עס מישן זיך די געשרייען מיט אַ טופּעריַי, וויל ער פאַרמאַכן דאָס פענצטער, רייַסט דער ווינט אויף צוריק.

— וואָס איז געשען? — שריַיט ראַשע פון אַלקער — שמאַיע, וואָס איז דאָרטן?

— געזען אַ ווינט? איך ווייס ניט. איך טו מיך גלייַך אָן און גיי אַראָפּ אונטן.

חיה די קצבטע איז שוין אין דרויסן. דערשראָקן אויף טויט פון טעוולס אַריַינפאַלן אין שטוב, ברעכט זי די הענט און שריַיט איבער אַלעמען.

— פּאַנאָוויע האַרציקע, וואָס איז געשען?

איר שטוב איז מען שוין פאַרבייַגעלאָפן. זי זעט באַשיַימפּער־לעך, אַז דאָס יאָגט מען ניט טעוולען מיטן קעלבל, זי קאָן אָבער נאָך אַלץ צו זיך ניט קומען.

— פטור זאָל איך דיר ווערן מיט די ביטערע פּרנסות איינ־איינעם. — לאָזט זי אויס איר האַרץ צו אים — נעם אַ טאָרבע און גיי איבער די הייַזער! וואָס האָסטו צו מיַינע יאָרן?

— אַז גיין זאָלן מיַינע שונאים אויף קוליעס. נעם איין אַ לעפל שטומעניש און שטיל זאָל ווערן — קריצט טעוול מיט די ציין ניט אויפצוהייבן זיַין קול. — וואָס האָסטו זיך אַזוי צעיאַכמערט מיט דיַין מענה לשון? בהמה, זעסט דאָך אַז עס איז גאָרניט. מען

האָט אַראָפּגעשאָסן אַן עראָפּלאַן. איז ער געפאַלן אויפן באַרג, לויפט מען קוקן. האָסט געזען אַ שלאַק פון אַ ייִדענע? שרײַט. שטום זאָלסטו מיר ווערן, און די מינוט, הערסט?

עס איז נאָך גאָר פרי. די מעשׂה מיטן עראָפּלאַן האָט קינד און קייט אַראָפּגענומען פון די בעטן. מען לויפט מיטן שלאָף אין די אויגן, ציטערנדיק פאַר שרעק און קעלט. לעבן רפאלס סטאָליאַרניע שאַפט זיך אַ רעדל.

— עס איז אמת — פאַרזיכערט רפאל — עס ליגט טאַקע אַן אַראָפּגעשאָסענער עראָפּלאַן אויפן באַרג. אָבער אַן אייגענער, אַ פּוילישער.

— וואָס איז דער שׂכל?

— מען זאָגט אַז על פּי טעות. פאַר שרעק, פאַר צעטומלט־קייט האָבן זיי געשאָסן אין אַן אייגענעם. איך ווייס?

— יענער אויפטו.

— אַ פּאַניק.

— פּאַניק, שמאַניק! יאָלדן וואָס איר זײַט. ווייניק שפּיאָנען דרייען זיך אַרום? אַט רעדט איר און איר ווייסט אַפילו ניט ווער עס הערט.

אַלע קוקן זיך אַרום. מען שאַרט זיך אַוועק. דאָס רעדל ווערט קלענער.

— דאַרפט איר מער? — דערציילט זעליק דער שמיד — פלינק, דער הויפּט־דאָקטער פון שטאָטישן שפּיטאָל איז פּלוצעם נעלם געוואָרן. ניטאָ אים.

— וואָס הייסט ניטאָ אים?

— נו, אדרבא, זײַ אַ בריה און זאָג ווו ער איז. אין שפּיטאָל איז ער ניט בנמצא. איצט רעדט מען, אַז ערשטנס איז ער גאָר קיין דאָקטער ניט און צווייטנס איז ער אַ דײַטש. אַ שפּיאָן געווען.

אויפן באַרג ווערט אַלץ שיטערער. אין סטאָלאַרניע הערט מען שוין קלאַפּן, העבליעווען.

עס ווײַזן זיך פרעמדע. זיי גייען אַרום מיט רוקזעק אויף די

פּלייצעס. קליינע וואַליזקעלעך אין די הענט. שלײַכן אַרײַן אין די שמאָלע געסלעך. פאַרחושכטע, מידע זוכן זיי צימערן, ווינקלען, ערגעץ ווו זיך צו פאַרהאַלטן.

— ווער ווייס ווער זיי זענען? — רעדן די שכנות צווישן זיך — צו אַלע צרות הערט מען פון זיי נאָר פּויליש און זאָגן זיי שוין יאָ עפּעס אויף ייִדיש, איז עס אויך ניט צו פאַרשטיין.

שמייכלען די ביעזשענצעס טרויעריק, וואַרפן זיך איבער מיט אַ וואָרט, אַ ווונק און גייען ווײַטער.

— אַ טרונק וואַסער — בעט אַ בלייכער בחור בײַ חייהן. זי דרייט זיך פאַרן גאַס. אַ סימן דער שוחט איז שוין בײַ איר אין שטוב.

דער בחור וויל נאָר אַ טרונק און זאָל מען אים זאָגן דעם וועג צו דער רוסישער גרענעץ. — אַרום אים ווערט גלײַך אַ רעדל.

— ווי מיינט איר איז ריכטיקער איך זאָל גיין פון דאַנען אויף באַראַנאָוויטש — מינסק, אָדער נעמען זיך צו קלעצק?

פּלוצלונג — אַ סירענע. אַן עראָפּלאַן רוישט אין דער לופטן. די גאַס ווערט ליידיק. מען שטופּט זיך צונויף אונטער די דעכלעך, ווי איבערצוּוואַרטן אַ רעגן. עס באַרויִקט זיך, קומט מען ווידער אַרויס. מען זוכט מיט די אויגן אין הימל.

— היי, שטערנזעער, קום, שטיי ניט! — רופט אַ ביעזשעניעץ זײַן חבר — ניטאָ קיין צײַט, אײַל זיך!

בײַ בער יאַדלער איז די שטוב פול מיט געקומענע. מען זיצט אויף די בעטן, אויפן טיש, אויף דער פּאָדלאָגע.

ער אַליין קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען.

— בלומע — פרעגט ער שוין צום ווייפלטן מאָל — אַזוי פיל מענטשן לויפן פון וואַרשע, האָט קיינער ניט געזען ניט דניאלן, ניט שלומען?

בלומע צעפּירט די הענט. ער דערזעט איר צער און האָט שוין טענות צו זיך אַליין. — וואָס וויל איך פון איר?

— זיי וועלן קומען — זאָגט ער — מען לויפט אָן אויפהער.

ווידער אַוועק אַ טאָג. עס פאַלט צו די נאַכט. דניאל און שלום ווייזן זיך ניט.

פינצטער געוואָרן. די פענצטער זענען פאַרהאַנגען. דער ראַדיאָ איז פאַרשטעלט מיט אַ דיקן געוואַנט, שטילער צו מאַכן זיין קלאַנג. אַרום אים זיצט מען אויף די פעק, אויף דער פאַדלאָגע, איינגע־הערט אין די געהיימע סיגנאַלן.

אין סאַמע ווינקל, לעבן דער שאַנק, אָפּגערוקט פון ראַדיאָ, זיצט לעאָן דער וואַרשעווער. ער איז גרייט צו גיין ווייטער. זיין רוקזאַק איז פאַרפאַקט. מען וועט אַרויסגיין פאַרטאָג. וווּהין צו גיין ווייס ער נאָך ניט. ער וואָלט אָבער שוין גלייך זיך אויפגעהויבן און געלאָפן. כאָטש ער קאָן נאָך אַלץ ניט קומען צו זיך נאָך דעם וועג פון וואַרשע.

— ניט צו באַגרייפן — רעדט ער צו נפתלי דעם ראַדעמער, וואָס קוקט צום ראַדיאָ — ממש ניט צו גלייבן. ווי אַזוי איז עס מעגלעך געווען, איך זאָל זיך ניט אָפּשטעלן? פאַרשטייסט? מען שיסט הינטער אונדז. מיר לויפן. מיין ברודער מישקע ביי מיין זייט. איך פיל פון צייט צו צייט זיין האַנט אין מיינער. ער לאָזט זי אָפּ און נעמט ווייטער אָן. איך האַלט אים אונטער, אין אַ מאָמענט האָבן מיר זיך ווידער פאַרלאָרן. איך הער אַ פאַל נאָענט לעבן מיר. די קוילן לויפן איבער אונדז. איך וויל זיך פאַרהאַלטן און קאָן ניט. ביז מיר זענען אַריין אין וועלדל, צוגע־פאַלן צו דער ערד.

„לעאָן — דערהער איך מישקעס קול — ס׳איז שטיל. מיר קאָנען גיין ווייטער" איך האָב ניט געגלייבט מיינע אייגענע אויערן. געטאַפּט זיינע באַקן, זיין קאָפּ, די הענט. ער איז געווען ווייס ווי אַ מת. געמיינט אַז איך בין בלינד געוואָרן, אַז איך זע ניט.

— „אוּוואַגאַ! אוּוואַגאַ! נאַדכאַדזשי!" — וואָרנט דער ספּי־קער אין ראַדיאָ.

— און איך וועל שוין ווייטער ניט גיין — שעפּטשעט אַ פּרויען־שטים. איך וועל זיך לאָזן צוריק קיין וואַרשע. מיין מאַמעשי האָט זיך אַזוי געבעטן ביי מיר: „וואוּהין וועסטו גיין? אומעטום

איז דער זעלבער גאָט, לאָמיר בלײַבן צוזאַמען. ווען האָסטו שלעכטס געטאָן, דו זאָלסט דאַרפן אַנטלויפן? אין אַ צרה איז גוט צו זײַן מיט אייגענע צוזאַמען". זי איז גערעכט. אָט זענען פאַליע מיט איר מאַן אויך געגאַנגען צוריק. מיר איז אַזאַ שאָד מײַן מאַמעשי. איך שטעל מיך פאָר, ווי זי וויינט אויס די אויגן נאָך מיר.

די נאַכט פרעסט זיך צונויף. ווערט פינצטערער און שווערער.

מיד און שווײַגנדיק זינקט יעדער אין זיך. אײַנגעקאָרטשעט אויף זײַן פיצל אָרט. נאָר אַלע זענען צוגעשפּיצט צום ראַדיאָ־קעסטל, פון וואַנען עס וואָרנט די שטים פונעם ספּיקער:

„אוּוואַגאַ! אוּוואַגאַ! נאַדכאָדזשי..."

15

פאַר די כּמעט ליידיקע קראָמען, דרייען זיך פאַרחושכטע די קרעמער. פאַרמאַכן די קלייטן איז פאַרבאָטן. קיין סחורה צו קויפן קריגט מען ניט. אַוועקגעבן דאָס לעצטע וואָס איז געבליבן, הייסט בלײַבן אָן ברויט. באַהאַלטן עס, שמעקט מיט געפאַר, וואָס נעמט שוין אינגאַנצן צו דעם שלאָף פון די נעכט. זיי זענען אַזוי אויך פול מיט טויט־שרעק.

מלחמה. די יונגע מענער לויפן צו מזרח.

— אפשר איז דאָך בעסער די קינדער זאָלן אַוועקגיין — טרייסט זיך ראָשע מיט פאַרטרערטע אויגן. די „ביעזשענצעס" פון די פאַרנומענע שטעט, דערציילן אַזעלכעס, אַז די האָר שטעלן זיך קאַפּויער.

דאָס האַרץ גייט אײַן פאַר פּחד. מען שמועסט אַז אַ ליאַדע טאָג קאָנען די ימח־שמוניקעס דאָ זײַן.

די פּרנסה האַלט זי אונטער. אָרעמע פּויערטעס ווײַזן זיך נאָך אויפן מאַרק מיט אַ הון, אַ פּאָר צענדליק אייער. ווילן פאַר דעם לייזעכץ קריגן אַ ביסל זאַלץ, אַ פּאָר קעסטלעך שוועבעלעך. ראָשע קויפט אַ פּאָר הינער, גרייט צו. שפּעטער פאַרקויפט זי זיי. ברענגט נאָך אָפּט צוריקגייענדיק אַהיים, אַ שטיקל זייף, אַ ביסל צוקער אָדער זאַלץ. באַהאַלט דאָס ווי אַ גנבה, אויפן דעק פון קאָשיק. זי ווייסט, פאַרדאַגהן אַ וועלט קאָן מען ניט. אָבער עסן דאַרף מען דאָך יעדן טאָג. אָט האָט גאָט איר הײַנט צוגעשיקט אַ גאַנצן קילאָ הערינג.

יאָשע דער טויבער ווייסט ניט פון קיין קונצן. ער וויל ניט הערן קיינעמס עצה, וואָס מען שרײַט אים אַרײַן אין זײַנע טויבע אויערן. ער האָט אויפגעעפנט די לעצטע צוויי פעסלעך הערינג און — „קויפט ווער עס וויל."

— אַז איך דאַרף ניט קיין הערינג, טענהט ער, וועט זײַן אַ וועלט, וועט זײַן הערינג. „וואָס וועל איך טאָן מיט די פּאַפּירענע זלאָטעס?״ — גאָרניט — קוועטשט ער מיט די פּלייצעס. און זײַנע אויגן קוקן אַנגעשטרענגט, ווילן דערזען דאָס, וואָס ער דערהערט ניט. — איך וועל טאָן דאָס וואָס אַלע. וואָס עס וועט זײַן מיט כּל ישׂראל, וועט זײַן מיט רב ישׂראל און „האַדזשי״. בלינד זענט איר צי וואָס? — ווערט ער אויף אַן אמת בייז און שרײַט, ווי דער צו וועמען ער רעדט זאָל שטיין פּאַר אַ מײַל פון אים — איר זעט ניט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט? איז מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס קאָנען דאָ שוין העלפן אַ פּאָר הערינג?

אַרום אים איז אַן אויפגעלאָף, אַ טומל. די געשרייען הערט ער אַלץ איינס ניט. די שטופּעניש אָבער זעט אים אויס לא כּדרך הטבע. ביז ער איז געפאַלן אויף אַ המצאה. פאַרקויפט די הערינג אויפן שטיק, גיט וויפל ווער עס בעט. דאָס געלט קוקט ער קוים אָן, וואַרפט אין קעשענע, מאַכט פרײַ די האַנט צו קאָנען אַרויס־נעמען די הערינג. אים דאַכט זיך, ער איז צווישן דולע. פאַרשטייט ניט פון וואַנען האָבן זיך גענומען אַזוי פיל מענטשן. שטאָטישע און דאָרפישע. בסך־הכּל קומט זעלטן ווער פון דאָרף. די פּויערים ווילן מער ניט פאַרקויפן קיין עסנוואַרג, סײַדן בײַטן אויף וואָס זיי דאַרפן.

מיט איין מאָל טוען זיך אַלע אַ דריי־אויס, קוקן צו דער שאָסיי־גאַס.

— מיליטער!

— רויטע פענער.

— די באָלשעוויקס גייען, די רוסן!

יאָשע גלאָצט אַהין מיט די אויגן און טיילט בעת־מעשׂה די הערינג, צו די וואָס טרעטן ניט אָפּ זייער אָטשערעד.

— די רוסן! די רוסן זענען דאָ! — שרײַט אים אַ שכן גלײַך אין אויער אַרײַן.

— די רוסן? אוואָ — חזרט יאָשע איבער — די רוסן.

אַ טומל, אַ רעש. מען לויפט פון די הויפן, פון די הײַזער. די

גאַסן, די טראָטואַרן ווערן גלײַך פול. מען קוקט אַראָפּ פון די באַלקאָנען.

מיט דער שאָסיי־גאַס דערנענטערן זיי זיך. מען זעט שוין דײַטלער. אין דער מיט פון גאַס פאָרן טאַנקען. רויטע פענער פלאַטערן אין דער לופטן. זעלנער שרײַען זיך איבער, לאַכן גוט־מוטיק צום עולם.

מיט זיי צוזאַמען שטופן זיך נאָך מענער, פרויען מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס. פאַרשטויבטע, צעפלאַמטע פון ווינט. דאָס קערן זיך צוריק אַנטלאָפענע פון דאַנען און דער געגנט אַרום. קינדער לויפן צופרידענע נאַשפּיץ, שטופן זיך צווישן עולם.

דער רעש ווערט אַלץ שטאַרקער. אַ גערויש פון די טאַנקען, אַ גאַלאָפּירן פון פערד. דאָס קלאַפּן פון די סאָלדאַטסקע שיך, און איבער אַלעם אַ יובלען, פריידיקע געשרייען:

— הוראַ! הוראַ! הוראַ!

פון די באַלקאָנען וואַרפט מען בלומען צו די זעלנער. זיי לאַכן פרײַ, האַרציק. דאַנקען מיט זשעסטן, שיקן לופטקושן.

פרעמדע מענטשן פאַלן זיך אין די אָרעמס, קושן זיך. ווײַבער וויינען:

— מיר זענען געראַטעוועט! — הערט מען קולות.

— הוראַ! הוראַ! אויף בערלין! הו־ראַ!

— אויף בערלין גייען זיי, איר הערט? זיי גייען אויף בערלין!

צווישן געדיכט געפּאַקטן עולם אויף די טראָטואַרן, שטופּן זיך אויך בער יאָדלער צוזאַמען מיט אַלע, וואָס זענען יענע נאַכט אַוועק צו דער רוסישער גרענעץ.

הינטער דער שטאָט, בײַ אַ קוזניע, האָט בער איבערגעלאָזט דאָס פערד און וואָגן. ער איז מיד, פון נעכט ניט שלאָפן, פון גיין אַהין ביז דער גרענעץ און צוריק. פול מיט חידוש זענען זײַנע פײַכטע אויגן.

ער זעט די רויטע אַרמיי. די רויטע פענער. יאָ... וויפל יאָרן שוין אַדורך? אין דניאלס עלטער געווען. אָבער ווו איז ער איצטער?

פּאַר צרות בייגט ער זיך נידעריקער. ער זעט די מאַרשירנ־דיקע. אַ צער קאַרטשעט דאָס האַרץ. אין קאָפּ פּלאָנטערן מחש־בות. שווער עס צו פאַרבינדן מיט דעם אַמאָל. דער עיקר מיטן דערשיסן לייזערן. אַזוי יונג איז ער נאָך געווען.

וואָס ווייסט אָט יענער חברהמאַן מיט די שליפעס, וואָס רײַט אַזוי מאַיעסטעטיש אויפן פערד, פון לייזערס העלדישקייטן? קיינער ווייסט ניט.

— אַזאַ נבלה, אַזאַ גזלעוואַיע — מורמלט ער.

— געפונען אַן אָרט, ווו צו שטיין און טראַכטן — טוט אים עמעץ אַ שטופּ אין אײַלעניש — אַן אײַנפאַל פון אַ ייִדן!

— הוראַ! הוראַ!

— זאָל לעבן!

— זאָל לעבן די רויטע אַרמיי!

ווי די צײַט הײלט וווּנדן — איז ער נאָך אַלץ אַרײַנגעטראַכט אין זיך — מען ווייסט אַפילו ניט ווו זײַן געביין ליגט. און אין מיר צאַרנט שוין ניט. אײַ בערטשע, בערטשע — אַ סימן זיקנה. ביסט אַלט געוואָרן ברודערל.

— ווער איז אַלט, וועגן וועמען רעדסטו? — פרעגט בלומע אַ צעשטראַלטע.

— וועגן זיך אַליין, מײַן טאָכטער.

— אַלע וועלן מיר איצטער ווערן ייִנגער — זי כאַפּט בעת־מעשה אַ בלום, וואָס פאַלט פון אַ באַלקאָן און וואַרפט צו דעם זעלנער אויפן פערד.

דער אָנהייב פון צוג איז שוין ווײַט פאַרויס. מען הערט שפּילן אַן אָרקעסטער. דער עולם מאַרשירט צום טאַקט. בער שאַרט די פיס אין קליינע טריטעלעך. אינגאַנצן ניט לויט זײַן טבע. ניטאָ קיין פּלאַץ פּלאַץ אַ גיי צו טאָן. ער זעט אויס שטאַרק צעטראָגן. אָפּט טוט ער זיך אַ שטעל אָפּ און קוקט אָנגעשטרענגט. זוכט מיט די אויגן.

יעדער טאָג איז אָנגעשטרענגט אין וואַרטענישן אויף דניאלן. ניטאָ אים. אויך פון שלומען הערט מען גאָרניט. איז ער אפשר

טאַקע אַוועק קיין ארץ־ישׂראל? קיינער האָט זיי ניט געזען. בלומע דרייט זיך אין שטאָט, פרעגט זיך נאָך. אויך בער קאָן ניט איינזיצן אין שטוב. אים דאַכט זיך ער וועט אַרויסגיין און באַגעגענען אים אָנקומען. גייט ער אַרויס, שלעפּט ער זיך גאַס־איין, גאַס־אויס. פּלוצלינג כאַפּט ער זיך, אַז דניאל האָט דאָך געקאָנט מיט אַן אַנדערן וועג אָנקומען אַהיים. ער זיצט דאָרטן איינער אַליין און וואונדערט זיך וואָס קיינער איז ניטאָ. לויפט בער צוריק מיט טרערן פון פרייד אין די אויגן...

שטאָט קאָכט ווי אַ קעסל. מען גרייט זיך צו באַווייזן די פרייד, מיטן אַריינמאַרשירן פון די רוסן. אַ מאַניפעסטאַציע. דער זאַמל־פּונקט איז אויפן מאַרק. אַלע דאַרפן גיין. עס טאָר ניט באַמערקן דער שכן עמעצן וואָס איז געבליבן אין דער היים.

שווערע טאַנקן רוקן זיך פאַרויס אין לאַנגע רייען. פּיעכאָטע און נאָך זיי פרויען, מענער, קינדער. עס גייען אַרבעטער־פאַר־איינען, לערער־פערסאָנאַלן, שולקינדער, שפּיטאָל־אָנגעשטעלטע און גלאַט חשובע באַלעבאַטים.

פיל פויערים גייען מיט. מען זאָגט, אַז מען האָט זיי געבראַכט אין אויטאָס. יונגע מיליציאָנערן מיט רויטע אָרעם־בענדער, ביקסן אויף די אַקסלען, האַלטן אָרדענונג. אין דער לופטן קרייזן עראָפּ־לאַנען.

אויך פון באַרג לויפן קינד און קייט.

— אַלע! אַלע דאַרפן גיין! — שרייט חיה די קצבטע — גייט און שטעלט ניט קיין קלאָץ־קשיות!

— הערט חיהן. זי ווייסט וואָס זי רעדט — גיט צו פּינחס דער סופר און עס איז ניט צו פאַרשטיין, מיינט ער עס ערנסט, צי ער שפּאַסט.

קוקט מען אויף אים און מען זעט, ער פאַרנעמט זיך טאַקע באַרג־אַראָפּ.

רב פּינחס גייט און ער מאַטערט זיך צו פאַרשטיין. וויל טופּס זיין: וועמען גייט מען עס ווייזן, אַז אַלע זענען דרינען?

אויך דבורקע די מילכיקערן פֿאַרשטייט ניט, ווי זי רופֿט עס „די גאַנצע חתונה״.

אַמאָל, — זאָגט זי — פֿלעגט מען גיין ביז פּאַליציאַנטן אויף פֿערד האָבן אַלעמען צעיאָגט. קעגן וועמען איז עס איצטער? וואָס איז דער גרויסער קונץ צו גיין אַזוי?

— עס איז ניט קעגן. עס איז פֿאַר — דערקלערט איר צאַלע דער סטאָליער.

אויסגעפּוצטע אין בונטע קליידער, מיט ליענטעס און פֿאַ־טשערקעס טאַנצן מיידלעך און בחורים אין דער מיט פֿון די גאַסן. עס זינגען באַיאָרטע פּויערים מיט טיפֿע באַסן. אַזש אַ ברומעניש צעטראָגט זיך אין גאַנצן אַרום:

„שטאָ טרעבאַ סוואָבאָדו זיעמלו טשאָלאָוויעקו, שטאָ טרעבאַ בורזשויעוו פּאָביט״... ייִדן רעדן וועגן גומל־בענטשן. מען איז ניצול געוואָרן פֿון דײַטש, ימח־שמו.

אַ שווערער, אַ האַמעטנער, שטייט בער יאָדלער צווישן גאַנצן עולם.

בײַ דניאלן, טראַכט ער מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ, וואָלט איצטער געווען דער אמתער יום־טוב. איז ער נאָך כאָטש צווישן די לעבעדיקע?

פֿאַר צרות קאָן ער קיינעם אין די אויגן נישט קוקן.

עמעץ מיט אַ רויטן אָרעם־באַנד, דערלאַנגט אים עפּעס אַ לאָזונג, צוגעפּעסטיקט צו אַ שטעקעלע. עס דערמאָנט אים אַ שימחת־תורה־פֿענדל. ווי געקומען פֿון ווײַט, קוקט בער מיט רוגזה. אַ היפּשע ווײַלע שטייען זיי איינער אַנטקעגן אַנדערן. ביז ער שטרעקט אויס די האַנט און נעמט דעם לאָזונג. בער קוקט זיך אַרום. כּמעט יעדער טראָגט עפּעס. לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ און שאַרט מיט זײַנע שווערע שטיוול איבערן שטיינערנעם ברוק.

ווו איז בלומע? זוכט ער אַרום זיך. און זעט איין גרויסע מאַסע מיט אַ סך אויגן, וואָס אַלע קוקן אויף אים, איז עס זײַן לעבערלעבקייט? און אפֿשר ווייסן זיי עפּעס וועגן דניאלן? ווערט ער נאָך מער צעטומלט.

עס שווינדלען אים פאַר די אויגן אַ ים מיט לאַזונגען, בילדער, אויפשריפטן.

ער וואַגט ניט אַ קוק צו טאָן די אויפשריפט אויף דער לאַזונג אין זײַן האַנט. וואָלט כאַטש עמעץ פאַר רחמנות אים באַפרײַט דערפון. קוקט ער פאַרלאָרן. און ווער איז ער דער חברהמאַן, וואָס האָט עקשנותדיק ניט אָפגעטראָטן?

ער גייט שווער. ציט די פיס ווי פון אַ קלעפּיקער בלאָטע.

אַ מידער שלעפּט זיך בער איבער צעטראָטענע בלומען. פאַר־נעמט זיך פאַזע די סעדער. גייט צו זיך אַהיים.

אַרום איז שטיל. אומעטיק ליגן די צעגראָבענע קאַרטאָפּל־פעלדער. אַ טשאַטע פייגל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיי. די קוזשניע, דערנעבן, איז פאַרמאַכט. לייבע דער שמיד שטייט פאַרן וועג.

— אַ גוטן אָוונט, בער. וואָס זאָגט איר עפּעס צו דעם? דאָס זענען שוין ניט די „באָרוועסע"...

— די „באָרוועסע" — חזרט בער איבער מיט אַ מינע ווי ער זאָל דערמאָנען אַ גרויסן יחסן.

ער אײַלט אַוועק אַהיים.

אין שטוב אַ גדולה. מיט פרייד לויפט אים בלומע באַגעגענען.

— טאַטע, ווּ ביסטו געווען? מיר זוכן דיך אַרום. דניאל איז דאָ. ער קומט מאָרגן, מאָרגן! איז שוין אויפן וועג אַהיים!

בער שטייט צעטומלט.

— מיט אַ מיליטערישן אָרקעסטער גייט מען אים באַגעגענען. הערסט, טאַטע? מען האָט אים באַפרייט. אין קאַרטוז־בערעזע איז ער געווען, אין לאַגער.

בער זעצט זיך אַראָפּ, ווי ער וואָלט אַראָפּגעוואָרפן אַ שווערע משא פון פּלייצע.

— אוי, קינדער מײַנע... קינדער, האָב איך... האָט ער דער־לעבט, דניאל... — שטאַמלט ער. זײַנע שטענדיק פײַכטע אויגן ווערן נאַסער. בער וויינט. ער באַהאַלט זיך ניט מיטן געוויין.

— און פון שלומען? — פרעגט ער — ניטאָ גאָרניט? האָט אים קיינער ניט געזען?

— ער וועט קומען, טאַטע. ווערסט זען. אויך פון שלומען וועט מען הערן. עס וועט גוט זיין. טאַטע, באַנעמסטו עס כאָטש? מיר לעבן אין ראַטן־לאַנד. פילסטו ווי גוט עס איז?

בער שוויַיגט. ער זעט אָבער אַז בלומע איז גליקלעך. זייער גליקלעך.

16

די נעכט ציִען זיך לאַנגע, פולע מיט סוד און פּחד. די טעג זענען טומלדיק. עס רוישט אַרום בערן. אים דאַכט זיך אַז ער איז מחוץ פון דעם וואָס עס געשעט. זײַנע אויגן זוכן תּמיד עפּעס ניט דערזעענס, קוקן מיט צער.

גיך איז אַריבער די פרייד פון געפינען דניאלן. צו גיך. ווי אַ חלום זײַן קומען פון קאַרטוז־בערעזע. דער פּאַראַד צום באַגע־גענען אים. בער זעט זיך צווישן גרויסן עולם, הינטערן שטאַט. אַלע וואַרטן. עס באַווײַזן זיך צוויי קליינע אויטאָס אויפן וועג, שטעלן זיך אָפּ, ווײַט פון פאַרזאַמלטן המון. פון ערשטן שטײַגן אויס מיליטער־לײַט. בלײַבן אויסגעצויגן, שטײַף. דער אָרקעסטער שפּילט און פון צווייטן אויטאָ קומט עמעץ אַרויס און נאָך אים דניאל. אים איז ניט צו דערקענען. איז עס ווײַל די אויגן זענען נאַס?

דניאל איז דאַר, אָפּגעצערט, ווי קלענער געוואָרן. כּדי אים צו זען, הייבט זיך בער אויף די שפּיצן פינגער.

נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל טוט בער אויפלעבן די געשעעניש. וויל מיט איר פאַרטרײַבן די אומהיימלעכע מחשבות. שוין וויפל מאָל באַשלאָסן, אַז מען דאַרף זיך דורכשמועסן מיט דניאלן. איז ער אָבער זייער פאַרנומען.

די שטוב איז תּמיד פול מיט פרעמדע. ביעזשענצעס פון טיף־פוילן. אַנדערע פון רוסלאַנד, מיט „קאָמאַנדיראָווקעס". עס קאָכט ווי אויף אַ יריד. זיצט בער אַ פאַרטראַכטער, אַ פרעמדער. ער וויל פאַרשטיין, וואָס איז דניאל אַזוי טרויעריק. עפּעס גאַרניט דער זעלבער דניאל.

— טאַטע, וואָס זיצטו אַזוי פאַרטראַכט? — פרעגט אים בלומע.

— ווי דען זאָל איך זיצן? — וועקט ער זיך פון זײַנע מחשבות.

— קום אַרויס מיט מיר. קום מירן אַרײַנגיין אין סאַד.

עס צעטומלט אים. ער ווערט בלייך, גייט איר נאָך.

שוין קאַלט. דיביימער ציטערן מיט זייערע נאַקעטע צווײַגן. דאָס הינטערשטע טירל איז האַלב אָפֿן. אַנגעשאָטן אַ בערגל ערד, וואָס דער ווינט האָט אָנגעטראָגן. פּיל טרוקענע בלעטער האָבן זיך דערקײַקלט ביז דער קופּע און פּוילן.

— געדאַרפֿט מיטנעמען אַ רידל — זאָגט בער גלאַט אַזוי און קוקט מיט חשד צו דער טיר, וואָס האָט אַ סקריפּע געטאָן בײַם שכן. — קיינער ניטאָ, זאָגט ער. — זאָג, בלומע, וואָס איז געשען?

— גאָרניט. ביסט אַזוי דערשראָקן. איך וויל דיר עפּעס דער־ציילן.

— נו, דערצייל. — קוקט ער איר אין די אויגן.

— שלום האָט געשיקט אַ שליח מיך זוכן. ער וואַרט אויף מיר אין ווילנע.

— וואָס? דאָס הייסט אַז דו...

— עס איז זייער פּשוט, טאַטע. ער איז שוין אין ווילנע — רעדט בלומע גאָר שטיל — וויל אַז איך זאָל קומען צו אים. וועלן מיר צוזאַמען זיך דערשלאָגן קיין ארץ־ישׂראל. וואָס שווײַגסטו טאַטע? וואָס מיינסטו וועגן דעם?

— און דו אַליין? וואָס ווילסטו טאָן?

— איך וויל ניט פֿאָרן.

— און שלום?

הערסט דאָך. ער איז אין ווילנע. וויל פֿאָרן ווײַטער.

— וועסטו זײַן אָן אים?

— און איצטער בין איך מיט אים?

— עס איז אַ ריזיקע... דער וועג. איך ווייס וואָס דיר צו ראָטן?

— וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן? דאַרפֿסט זיך דאָך פֿרייען.

שלום לעבט. ער איז געזונט. ער וועט, האָף איך, אָנקומען אַהין ווו ער וויל.

— און דו? וואָס וועט זײַן מיט דיר? זענט איר דאָך ביידע...

— מען וועט זען טאַטע. מיר וועלן זען.

— איך פאַרשטיי ניט.

— וואָס ווילסטו פאַרשטיין? ווילסט איך זאָל אײַך לאָזן און אַוועקפאָרן? איך בין דאָך בײַ זיך אין דערהיים. אין מײַן לאַנד, אין ראַטן־לאַנד. זעסטו ניט ווי גוט מיר איז? נאָר קיין מאָל איז מיר אַזוי גוט ניט געווען.

אַ שווײַגנדיקער קוקט בער אויף בלומען. ער זעט זי באמת גליקלעך. און אים נאָגט אַזוי דאָס האַרץ. ווי אַ וואָרעם וואָלט געטאָטשעט. און דער טרויער שפּאַרט אים פון די אויגן.

שווײַגנדיקע, פאַרטראַכטע גייען זיי צוריק.

אין אַמט, ווו דניאל אַרבעט, האָט ער געקריגן אַ לעדערנע קורטקע און אַ נײַע טעקע. יעדן טאָג פאַר־פרי גייט ער אַרויס פון שטוב. פרישטיקט שוין דאָרטן אין „סטאָלאָווע״. אויך בלומע וועט בקרוב אָנהייבן אַרבעטן.

אין די אָסיענדיקע, טריבע פרימאָרגנס, ווען דניאל גייט אַרויס פון שטוב, קוקט אים בער נאָך דורכן פענצטער. זעט ווי ער פאַרנעמט זיך מיט דער שמאָלער סטעזשקע. גייט מיט אַראָפּ־געלאָזטע אַקסלען, געבויגן, ווי ער זאָל שלעפּן אַ שווערן פּאַק אויף די פּלייצעס. און אַז דניאל פאַרנעמט זיך צו דער גאַס, אײַלט בער אַרויס אין דרויסן. באַוויַזט נאָך צו זען, ווי ער כאַפּט זיך אַרײַן אין אויטאָ, וואָס איז געקומען אים נעמען.

איז ער כאָטש געזונט? — טראַכט בער — אויב אַלץ איז אַזוי גוט, פאַר וואָס איז ער חושך ווי די ערד? און טרויעריק. ווײ, ווײ ווי טרויעריק ער איז.

גיך לויפט די צײַט. שוין חדשים אַדורך. בער האָט נאָך אַלץ ניט געפונען קיין מאָמענט זיך דורכצושמועסן מיטן זון. עפּעס מאַכט אים אומרויִק, וואָס דניאל מיט בלומען פאַרמאַכן זיך

אין קיך, פון דאָרטן כאַפּט ער אויף אַ פּליסטערן, אַ שטיל שעפּטשען. מיט אַ מאָל ווערט שטיל, מען הערט ניט קיין פּיפּס. בער קאָן עס ניט פאַרשטיין.

— וואָס האָט איר אַזוי פיל סודות ? — האָט ער איינמאָל אָן אומגעדולדיקער אויפגעפּראַלט די טיר — זענט איר דאָך איצטער לעגאַל. ביַי זיך.

ביידע האָבן אָנגעהויבן לאַכן. אין דעם איז אַריַינגעקומען מאַרעק דער ביעזשעניעץ. געבראַכט אַ לאַבן ברויט אונטערן אָרעם.

— די נאַכט האָט מען אַרעסטירט דעם באַלעבאָס פון טאַר־טאַק. ווי הייסט ער ? און דעם דאָקטער... אויף זיַין נאָמען פאַר־געסן.

— הייסט ער נישט פּינסקי ? — פּרוּווט בער אים דערמאָנען.

— יאָ, יאָ. אַזוי האָב איך טאַקע געהערט. דאָקטער פּינסקי. בלומע, איך האָב געקריגן סאַכאַרין. אַ זעלנער האָט פאַרקויפט, מיר וועלן היַינט אין אָוונט טרינקען טיי, דערוואַרעמען די נשמה, זי וועט מיר פאַרפרוירן ווערן. איך האָב שוין אויך אַן אויסזיכט אויף האָלץ. דאָ אין סאַמע ראָג, האַלט זיך גאָר שוואַך אַ ברעטל אין אַ פּאַרקאַן. קוים נעם איך דאָס ניט צו, וועט אַן אַנדערער זיך מרחם־זיַין.

— וואָס פעלט דיר איַין, מאַרעק ? — איז בלומע אויסער זיך — וואָס הייסט דו וועסט נעמען אַ ברעטל פון אַ פרעמדן פּאַרקאַן ? זענען דאָך נאָך פאַראַן עטלעכע לײַסטן אין שטעלכל. אויב נעמען פון אַ פּאַרקאַן, האָבן מיר דאָך אַן אייגענעם פּאַרקאָן.

— אוי בלומע, בלומע. האָסט אַזויפיל שכל, וויפל מיַין וויַיב. זי האָט היַינט זיך שוין פאַרשריבן צו פאָרן אויף אוראַל. זי גייט עס העלפן בויען דעם סאָציאַליזם בפועל־ממש. זעט ניט אַז מיר זענען שוין אַ סך וויַיטער פאַרקראַכן. אַזש ביז אין אלף הששי. פאַרשטיי. זענען נאָך יאָ פאַראַן אַ פּאָר לײַסטן, וועלן זיי גוט זיַין אויף מאָרגן. אָבער ניט דאָס איז דער עיקר. זעסטו ניט אַז מיר לעבן שוין אין אַ קאָמוניסטישער אָרדענונג ?.. ניט אַנדערש,

דערקענסט איר ניט... — לאַכט ער גאַליק — הײַנט װעל איך אַרױסציִען דאָס ברעטל פֿון יענעם פּלױט. מאָרגן, װען מיר װעלן שלאָפֿן, װעט יענער נעמען דאָס ברעטל פֿון דײַן פּלױט. װאָס איז דער אונטערשייד? אַלץ איז אַלעמענס?

מאַרעק רעדט אָן אױפֿהער, שפּאַנט הין און צוריק און זעט אױס זײער אױפֿגערעגט.

בער, אָן אַנטשװיגענער, װי צו אים װאָלט דער שמועס נישט דערגאַנגען, טראַכט װעגן זײַן יוגנט־פֿרײַנד דעם דאָקטער פּינסקי, זעט אַ שײַכות פֿון דעם אַרעסט מיט די קינדערס סודען זיך. װען ער האָט אומגעריכט אָן עפֿן געטאָן די טיר, איז זײער געלעכטער געװען אַ געמאַכטער. דאָס באַהאַלטן זײ עפּעס פֿון אים, איז ער זיכער.

17

אַלטע לײַט קאָנען זיך ניט דערמאָנען אַזאַ ווינטער, ווי עס האָט זיך דאָס יאָר געשטעלט. ניט אַנדערש ווי די רוסן האָבן מיטגעבראַכט די סיבירער פרעסט.

— דאָס איז זייער קעלט — שמייכלט רפאל דער סטאָליער.

דבורקע די מילכיקערין האַלט אַז עס איז גאָרניט אַזוי קרום, וואָס ער זאָגט. זי האָט אַ מאָל אַליין געלייענט אין אַ מעשׂה־ביכל, אַז עמעץ איז ערגעץ געקומען און געבראַכט מיט זיך אַ היץ. איז אויב מען קאָן ברענגען אַ היץ, לייגט זיך אויפן שׂכל, אַז מען קאָן אויך ברענגען אַ קעלט.

אין אַן אַנדערע צײַט, וואָלט חיה די קצבטע ניט דורכגעלאָזט אַזאַ פּלוידערן, וואָס איז ניט געשטויגן, ניט געפלויגן. זי וואָלט זיך מיט איר אַזוי לאַנג געשפּאַרט ביז זי וואָלט אויסגעפירט פּונקט דאָס פאַרקערטע, ווי דבורל זאָגט. הײַנט איז ניטאָ דער קאָפּ צו דעם. און חוץ דעם האָט דער מאַן איר אָנגעזאָגט צו שווײַגן. לכתחילה זיך היטן אויפצועפענען דאָס מויל.

— ווײַל איך קען דאָך דיך חיה גאָלד, דו קאָנסט אָנהייבן פון דער ראַבער הון אין קאָטור און קאָנטשען מיטן אָדלער אויף דער פאָן. בעסער שווײַג. — הערט מען אים זאָגן.

חייה פאַרזיכערט, אַז זי שווײַגט ניט דערפאַר ווײַל איר מאַן זאָגט אַזוי. אַ מענטש איז דאָך, נאָך אַלעמען, ניט קיין בהמה — טענה׳ט זי — איך זע דאָך. אַלע שווײַגן. איז פאַרוואָס זאָל איך רעדן ?

דער ווינטער האָט זיך טאַקע געשטעלט קעלטער ווי יעדעס יאָר. די האַרבסטיקע בלאָטע, איז אײַנגעפראָרן איבער נאַכט. אַ טרוקענער, שנײַדיקער ווינט וואָיעט שוין עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. בײַנאַכט האָט אָנגעהויבן און עס הערט ניט אויף צו שיטן אַ

פריסקער שניי ווי זאַלץ, מאַכט געדיכטער די אומהיימלעכע גרויקייט.

בערן איז געלונגען. נאָך איידער דער וועג איז קאַליע געוואָרן, האָט ער אַרײַנגעכאַפּט צו ברענגען אַ פּאָר פורלער האָלץ פון יאָדלע. זאָל עס כאָטש קלעקן ביז עס וועט לינדער ווערן. מערער ברענגען האָט זיך ניט געלאָזט. ניטאָ ווו צו לייגן. פון הויף, אונטערן דעכל, וועט מען עס צעשלעפּן.

עס איז ביטער. פון וואַלד ווערט אַ תּל. אָן רחמנות האַקן די פּויערים אויס דיביימער. און כאָטש עס פעלן ניט קיין צרות חוץ דעם, ווײנט דאָס האַרץ צו זען, ווי מען לאָזט שטיין אַ קראַנקן בוים און מען האַקט אויס אַ יונגן, אַ געזונטן. אינגאַנצן הפקר אַ וועלט.

נאַסטיע איז נאָך אַלץ אין דאָרף. האַלט אונטער די באַלע־באַטישקייט. ביידע בהמות האָבן זיך שוין פאַרלאָזן. גאָר שווער מיט חיונה.

מאַרעק דער ביעזשעניעץ, מיט זײַן ווײַב, האָבן זיך אײַנ־געלעבט ווי אייגענע אין שטוב. ער ברענגט נאָך אַלץ ברויט פון אָטשערעד. פאַר־פינצטער גייט ער אַרויס. קריגט אויך סאַכאַרין אויפן שוואַרצן מאַרק. פאַלט תּמיד אַרײַן אין שטוב אַ דערפרוירע־נער. דאָס געבראַכטע טוט ער אַ לייג אויפן טיש און רײַבנדיק די הענט זיי צו דערוואַרעמען, דערלאַנגט ער ווי אַ ספּיקער די נײַעס פון דער נאַכט. ער ווייסט צו דערציילן ווען מען האָט אַוועקגעפירט אין ענקאַווערע, ווען מען האָט שוין אָפּגעפירט אין טורמע.

אין אָוונט בײַם סאַמאָוואַר, דערוואַרעמט מען זיך בײַ אַ גלעזל טיי, דניאל קומט שפּעט. ער איז תּמיד פאַרנומען. זיצט מען דערווײַל און מען כאַפּט אַ ציטער. נאָכן טאָג איז די שטוב אויסגעקילט.

בערן איז בעסער וואָס שפּעטער צו גיין אין בעט. ער שלאָפט שלעכט.

קוים דערוואַרט זיך אויף טאָג, גייט ער דער ערשטער אַראָפּ

פון געלעגער. האַלץ אין אויוון ליגט נאָך פון נעכטן. ער קלייַבט אַרויס די קוילן אין אַ קעסטל. זיי זענען נייטיק צו מאַכן דעם סאַמאָוואַר. לייגט אונטער אַ שוועבעלע צו די סמאַליאַקעס. ווי נאָר דאָס האָלץ הייבט אָן ברענען שטעלט ער צו אויפצוקאָכן דעם ליאַק. ווען אין שטוב ווערט היימלעכער פון פייַער אין אויוון, וועקט ער בלומען. זי שטעלט צו וואַרעמעס. נאָך פאַראַן אין שטוב אַ זעקל קאַרטאָפל, אַ קליין ביסל מעל. מאַרעק האָט פאַרן אַוועקגיין געבראַכט אָן עמער וואַסער פון ברונעם. דניאל מאַכט זיך שוין גרייט אַוועקצוגיין.

דער טאָג אין שטוב הייבט זיך אָן, ווען אין דרויסן איז נאָך פינצטער.

יענעם פרימאָרגן איז נאָך בער געלעגן אין בעט, ווען ער האָט דערהערט אַ לייַכטן קלאַפּ אין טיר. עס איז אָבער באַלד שטיל געוואָרן.

רייַסט עס דער ווינט דעם לאָדן? צי דאַכט זיך מיר אויס? זענען די קינדער אפשר טאַקע גערעכט, מיטן זאָגן, אַז נאָר מיר דאַכט זיך.

אין דרויסן איז שטיל. ער טוט זיך אָבער שוין אָן. און גייט צו דער טיר. עפּעס רופעט אים פאָרט.

— שמאַיע? אַזוי פרי? שטייסט דאָ שוין לאַנג?

ווייַזט זיך אַרויס, אַז ער קומט ניט אַזוי צו בערן, ווי צו דניאלן. די נאַכט האָט מען אַרעסטירט זייַן עלטסטן זון, לייבען.

אינעם נאָך טונקעלן צימער זיצט דניאל אויף אַ שטול. אַראָפּ־געבויגן, טוט ער אָן די שיך. בער שטייט נעבן אים און הערט שמאַיען דערציילן. ער ענדיקט אוןביידע וואַרטן אויף דניאלס וואָרט.

זייער לאַנג שנורעוועט דניאל די שיך. ענדלעך הייבט ער דאָך אויף דעם קאָפּ. קוקט זיי אָן מיט אַזאַ פאַרוואָלקנטן בליק, אַז שווער איז צו פאַרשטיין: איז ער טרויעריק, באַזאָרגט, צי גאָר

אומצופרידן. אַ רגע, און ווידער בייגט ער זיך איַין, טאַפּט די שיך ווי זיי זאָלן אים פּלוצלונג ענג ווערן.

דעם צעווייטיקטן שמאַיען, דערשרעקט דניאלס שוויַיגן. ער זוכט מיט די אויגן אַרום זיך, קוקט מיט חשד צו דער טיר, וואָס פירט צום דערבייַיקן צימער.

— ווער איז עס דאָרטן? האָב איך ניט געטאָרט קומען צו איַיך?

— וואָס פעלט דיר איַין? — באַרויִקט אים בער — ביעזשענ־צעס פון וואַרשע. זיי האָבן זיך ניט ווו אַהינצוטאָן. וווינען מיט אונדז.

— ייִדן?

— יאָ.

— נו — קוקט בער אַ פאַרלאָרענער צו דניאלן, צו שמאַיען, און ווידער צו דניאלן.

— דניאל — וויינט שמאַיע אַרויס אָן טרערן — דו קענסט לייבען. ווייסטו דאָך, איז ער חלילה געווען קעגן די אַרבעטער?

— וואָס זאָל איך איַיך זאָגן? — גלייַכט ער זיך ענדלעך אויס — עס איז דאָך נאָר וואָס געשען. איך ווייס אַזוי פיל ווי פל איר. — מען דאַרף אָפּוואַרטן. איר פאַרשטייט?... איך...

ביידע וואַרטן, וואָס וועט דניאל נאָך זאָגן. ער אָבער טוט זיך אַ רייַב דעם שטערן און שוויַיגט.

שמאַיע גייט אַרויס פון שטוב נאָך מער צעבראָכן ווי ער איז געקומען, ער רעדט האַלב צו זיך, האַלב צו בערן, וואָס באַגלייט אים:

— איך האָב געמיינט דניאל וועט לויפן זיי דערציילן, ווער לייבע איז.

— הער שמאַיע, מיר זענען דאָך ייִדן — זאָגט בער איַינגע־הערט אין די אייגענע רייד, ווי אין עפּעס נייַס פאַר זיך אַליין — מען דאַרף האָבן בטחון. נישט אַזוי? איך וועל שפּעטער זיַין בייַ דיר — גיט ער נאָך צו און גאַר לאַנגזאַם, אַ פאַרטראַכטער גייט ער צוריק צום שטוב.

ס'איז נאָכן טאָג. דניאל איז שוין דאָ פון דער אַרבעט. בער הערט ווי אין קיך סודה'ט ער זיך מיט בלומען. עס טוט אים אַ הייב פון אָרט און אָט שטייט ער שוין אין טיר אַנטקעגן זיי. בלומע איז בלייך. דניאל דערזעט דעם טאַטן און גייט גיך אַרויס. אַ רגע בלײַבט בער צעטומלט און לאָזט זיך נאָך אים.

— וואָס איז געשען דניאל? וואָס איז?

— גאָרניט, טאַטע. איך ווייס אַליין ניט. איך ווייס ניט. זעסט דאָך, אַז גאָרניט.

— איך זע טאַקע גאָרניט, אָבער...

— איך מוז אַוועקגיין, טאַטע. איך קום באַלד צוריק.

ער טוט זיך אָן, גייט גיך אַרויס פון שטוב. באַהאַלט אינגאַנצן ניט זײַן צעטראָגנקייט.

בער גייט אַרײַן צוריק אין קיך. בלומע זיצט און וויינט.

— וואָס איז געשען בלומע — זאָגט ער, און ווי ער וואָלט ניט געוואָרט אויף קיין ענטפער זעצט ער זיך צו נעבן איר.

ביידע שווײַגן.

בײַנאַכט. שוין גאָר שפּעט. בער שלאָפט ניט. ער הערט אַ וואָגן צופאָרן צום שטוב. דניאל גייט צו דער טיר עפענען. ניט ער, ניט בלומע זענען געגאַנגען שלאָפן.

ענקאַוועדע זענען געקומען. זיי מאַכן אַ רעוויזיע, זוכן.

דניאל אין ווינקל פון שטוב. בלייך ווי די וואַנט קוקט ווי זיי נישטערן אין בעטגעוואַנט, אין די שענק.

בלומע ציטערנדיק ווי אין אַ פראָסט העלפט דעם טאַטן אָנטאָן דעם פּידזשאַק. וויינענדיק דערלאַנגט זי אים זײַן שאַל.

— וויינט ניט קינדער — וויל בער זיי באַרויִקן. — מען ווערט זיך... מען דאַרף אָפּוואַרטן... ווייַן ניט טאָכטער — דריקט ער זי צו זיך און גלעט אירע צוקנדיקע אַקסלען.

די ענקאַוועדיסטן אײַלן און בער, ווי ער וואָלט זיי ניט גע־הערט, געזעגנט זיך לאַנגזאַם. קושט זיך מיט מאַרעקן, זײַן ווײַב. צעטומלט, דערשראָקן שטייען זיי אין טיר פון זייער צימער. דער לעצטער קומט צו דניאל.

— האַלט זיך טאַטע. מיר װעלן זיך בקרוב זען. גאָר גיך װעלן מיר זיך זען...

בער װיל ענטפערן און קאָן ניט, מאַכט עפּעס אַ באַװעגונג מיט דער האַנט. עס איז שװער צו פאַרשטיין, װאָס ער װיל זאָגן. אַן ענקאַװעדיסט נעמט אים בײַם אָרעם, פירט אים צו דער טיר. די צװײ אַנדערע גײען נאָך.

אין שטוב איז שטיל. אַלע זיצן װי פאַרגליװערט. נאָר מאַרעקס װײַב, דניאלס חברטע פון װאַרשע, טוט זיך אַ װאָרף אױפן געלעגער און צעװײנט זיך, כליפּעט היסטעריש.

18

די טעג זענען קאַלטע, פּראָסטיקע. בעתן אַרויפבּרענגען מילך, דערציילט דבורקע די נײַסן, וואָס זי הערט אין די הײַזער. אָט ווייסט זי אַז אַ קינד פון אַ מיליטער־מאַן, איז פאַרפרוירן געוואָרן אויף טויט. די דינסט האָט עס געפירט אויף אַ שפּאַציר.

— אַז די וועלט איז שוין אינגאַנצן משוגע — טענהט זי — ווו איז עס געהערט געוואָרן, אַז אַ שפּאַציר איז אַ געבאָט מן־השמים. איז עס „מודה־אני״ זאָגן? וואָס מען מוז עס טאָן יעדן טאָג? עס איז אַ ביטערע קעלט, זיצט מען אין שטוב, אַז די נויט טרײַבט ניט.

צו בלומען דערגייען ניט אירע רייד. זי איז נאָך אַלץ אונטערן רושם פון פריִערדיקן שמועס מיט זלמנען. פאַרטאָג, דורך דער הינטער־טיר, קיינער זאָל ניט באַמערקן, איז זלמן דער טאַפּיצירער אַרײַנגעקומען. ער אַרבעט אין ענקאַווידע. מאַכט דאָרטן טויבע ווענט. דאָרטן האָט ער געזען דורכפירן בערן פון איין צימער אין אַנדערן.

בלומעס קלאָמערן זיך אָן דער האָפענונג, אַז עפּעס איז דאָ אַ טעות, וואָס וועט זיך סוף־כּל־סוף אויפקלערן, ווערט אַלץ שוואַכער. ערשט נעכטן האָט דניאל דערציילט וועגן זײַן אינטער־ווענץ בײַ דעם פאַרטיי־סעקרעטאַר. ביזן טאַטנס אַרעסט זענען זיי געווען אין גאָר גוטע באַציִונגען. בעתן דערציילן דאָס בלומען האָט ער זיך געווישט די אויגן.

דערזען אים, דעם שטאַרקן, אין אַזאַ מצב, האָט בלומע געפּרוווט אים באַרויִקן.

— האָט איר זיך אפשר ניט פאַרשטאַנען?

— ניטאָ וואָס צו פאַרשטיין. מען דאַרף זיך ניט נאַרן, בלומע. „דו וואָלסט געווען אַן ערלעכער קאָמוניסט, האָט ער געזאָגט,

וואָלסט פון טאָטן זיך אָפּגעזאָגט און ניט געקומען בעטן פאַר אים." מער האָט ער אַפילו רעדן ניט געוואָלט.

איצטער איז דניאל בײַ דער אַרבעט. דבורקע איז אַוועקגע־גאַנגען. בלומע טוט אָן דעם מאַנטל, דרייט זיך אַרום מיט איר לאַנגן, וואָלענעם שאַל, אַז נאָר די אויגן זעט מען אַרויס. זי גייט צו דער ענקאַווועדע.

אַ באַוואָפנטער זעלנער שטייט בײַם אַרײַנגאַנג, וואָס פירט צו אַ סך טירן. זי גייט אים פאַרבײַ.

— שטיין בלײַבן! וווּהין גייסטו, בירגערין? — פאַרלויפט ער איר דעם וועג.

— צו דעם נאַטשאַלניק.

— און דײַן דערלויבעניש? ווײַז נאָר.

— צו וואָס דאַרף איך אַ דערלויבעניש?

— גיי, גיי צוריק. אָן אײַנפאַל פון אַ באַבע.

— איך גיי ניט צוריק.

— וואָס הייסט? — פאַרשטייט ער ניט איר אויפפירן זיך — צוריק! הער וואָס מען רעדט צו דיר. פאַרנעם זיך פון דאַנען!

בלומע, ווי זי זאָל ניט הערן, גייט ווײַטער.

— בירגערין, ביסטו ניט געריכט אויפן קאָפּ? הערסטו ניט וואָס איך זאָג? גיי שוין צוריק!

— וועסט מיר ניט פאַרווערן. איך מוז זען דעם נאַטשאַלניק. איך דאַרף אים עפּעס אויפקלערן. ער מוז עס וויסן — אַמפּערט זי זיך.

— נאַרישקייטן — פאַרהייבט ער בעסער די ביקס אויפן אַקסל. אַ באַפעל פאַראָן ניט אַרײַנצולאָזן. איז צו וואָס די רייד? באַפעל איז באַפעל. ניטאָ דאָ קיין נאַטשאַלניק. גיי אַזוי לאַנג ווי דו קענסט.

— איך מוז אים זען! — שרײַט בלומע אויסער זיך.

אַ ביסל פאַרלוירן, קוקט ער אַרום זיך. ווייסט אַז ער דאַרף אויסמײַדן סקאַנדאַלן. ער באַמערקט גראָד דעם נאַטשאַלניק דורכ־גיין דעם קאָרידאָר.

— וואָס וויל די בירגערין? — שטעלט ער זיך אָפּ. — וואָס שרײַט זי דאָ אַזוי?

— זי וויל ניט הערן וואָס מען רעדט צו איר, טאָוואַרישטש נאַטשאַלניק. טרעט ניט אָפּ, וויל אַרײַנגיין צו אײַך.

— לאָז זי אַרײַן. — זאָגט ער און גייט ווײַטער זײַן וועג.

ער איז מיליטעריש אָנגעטאָן. טראָגט אַ לאַנגע בלוזע אַרומ־געגומען מיט אַ ברייטן פּאַס. בײַם זײַט צוגעשפּיליעט אַ נאַגאַן. בלומע גייט אים נאָך. ער גייט אַרײַן אין אַ צימער, זי נאָך אים. ער שטעלט זיך בײַם אויוון, פאַרנעמט די הענט אַהינטער. וואַרעמט זיי אָן אין די קאַכלען. שטייט און קוקט צו בלומען. וואַרט. בעט איר ניט זיצן. מיינט גאָר גיך מיט איר זיך אָפּצופּטרן. זי אָבער וויקלט זיך אַרויס פון שאַל. זעצט זיך קעגן אים, אויף אַ שטול און קומט אַרויס מיט איר טענה .דערציילט אַלץ וואָס זי האָט געטראַכט פאַר די לעצטע טעג און נעכט.

— בירגערין, איר דאַרפט מיך הערן...

— אָבער ווי אַזוי איז עס מעגלעך — פאַלט זי אים אַרײַן אין די רייד — ווייסט איר ווער מײַן טאַטע איז? ווען ער זאָל ניט העלפן מיר, מײַן ברודער און אַנדערע חברים, וואָלטן מיר אין די תפיסות פאַרפוילט געוואָרן. איז דאָס דער לוין, פאַר זײַן אײַנשטעלן זיך? דאָ איז דאָך געוויס אַ טעות. אַ טעות איז מעגלעך.

— איך זע אַז איר ווייסט ניט וואָס איר רעדט. בײַ אונדז קען קײַן טעות ניט זײַן. גלייבט מיר אַז איר ווייסט ניט. עס איז גאָרניט צו מאַכן, בירגערין. איך האָב אַ באַפעל צו אַרעסטירן אײַער טאַטן. אַ באַפעל. און דאָס איז אַלץ.

— אָבער זיי דאַרטן ווייסן דאָך ניט. איך רייד דאָך דאָ צו אײַך. פאַר דעם וואָס איר טוט, זענט איר דאָך פאַראַנטוואָרטלעך.

— זאָרגט אײַך ניט, בירגערין. איך ווייס זייער גוט פאַר וואָס און פאַר וועמען איך בין פאַראַנטוואָרטלעך.

בלומע איז צעטומלט. זי שווײַגט. וואַרט ער זאָל דאָך נאָך עפּעס זאָגן.

— הערט מיך אויס. אײַער טאַטן האָט מען הײַנט אָפּגעפירט אין טורמע. איך קאָן אײַך געבן אַ דערלויבעניש, ניט לויט דער ריי, אים דערלאַנגען אַ פּעקל עסן.

— דאָס איז אַלץ וואָס איר האָט מיר צו זאָגן?

— גאָרניט מער — צעפירט ער די הענט.

זי גייט גיך אַרויס אָן אַ גוטן טאָג.

די גאַסן זענען פּוסט. ווו ניט ווו ווײַזט זיך אַ דורכגייער. אײַנגעוויקלט, ציטערנדיק פאַר קעלט. פון דער שול־גאַס גליטשט זיך אַרויס אַ לאַסט־וואָגן. אין אָפענעם אויטאָ שטייט ברײַנע און זשעסטיקולירט מיט די הענט.

„פייגל, שרייט זי, האָב רחמנות! גיי צוריק צו די קינדער!"

דער אויטאָ יאָגט. דערווײַטערט זיך. ברײַנעס קול הערט מען שוין ניט. מען זעט נאָר אירע באַוועגונגען. דאָס בעטן זיך בײַ איר טאָכטער זי זאָל צוריקגיין.

פייגל בלײַבט שטיין אינמיטן פון דער גאַס. מיט אויסגעשטרעקטע הענט פאַר זיך, יאָמערט זי נאָך אַלץ, שרײַט: „מאַמע! מאַמע!" ווען דער אויטאָ פאַרנעמט זיך אין דער אַנדערער גאַס, טוט זי זיך אַ ריס פון אָרט און לויפט צוריק ווי אַ דולע.

בלומע ווייסט אַז פון נעכטן אָן נעמט מען צונויף משפחות פון אַרעסטירטע. מען פירט זיי צו דער באַן־סטאַנציע. דאָרטן פאַרמירן זיך עשאַלאָנען. עס איז דאָ אַ קלאַנג אַז מען פירט זיי קיין סיביר צו די אַרעסטירטע.

בלומע פאַרנעמט זיך צו דער טורמע.

פאַרן פאַרמאַכטן טויער דרייען זיך משפחה־לײַט פון די וואָס זענען אַרעסטירט. זיי קלײַבן זיך פאַר די מעלדונגען ווו עס איז אָנגעגעבן דאַטעס ווען מען קאָן דערלאַנגען פּעקלעך.

דאָס פּנים פאַרגראָבן אין שאַל, שאַרט זי זיך צו צו אַזאַ מעלדונג, לייענט איבער און אײַלט אַוועק צוריק. באַוויזט נאָך צו זײַן אין שטוב איידער דניאל איז געקומען.

— ווייסט עפּעס נײַס? — פרעגט בלומע ווי נאָר זי דערזעט אים.

— מען שיקט אַרויס די משפּחות פון אַרעסטירטע. איך האָב געהערט, פּעלאַ, דעם אַדוואָקאַטס ווײַב, האָט זיך דורך עמעצן באַצײַטנס דערוווּסט, אַז מען קומט זי נעמען און האָט זיך ערגעץ באַהאַלטן.

— מיטן קינד?

— ניין. אין לעצטן מאָמענט איז זי אַרויס דורך דער הינטער־טיר. דאָס קינד ליגט אין וויגל. אַן ענקאַווועדיסט זיצט דער נעבן. אויב דער עשאַלאָן זאָל אַוועק גיין, איידער זי וועט צוריקקומען, בלײַבט זי דאָ.

— אַ כּוח זי האָט.

פּלוצלינג עפנט זיך רעש די טיר. זעלנער, ענקאַווועדיסטן קומען אַרײַן.

— מיר פירן אַרויס פון די גרענעץ־געביטן די „ניט זיכערע עלעמענטן", לויטן געזעץ קאָנט איר דאָ מערער ניט בלײַבן. — מעלדעט איינער זייער העפלעך. ער דערלאַנגט דניאלן אונטער־צושרײַבן די פאַראָרדענונג. זיי גייען אַוועק. איינער בלײַבט נאָר מיט געווער בײַ דער טיר.

ביידע בלײַבן זיצן שווײַגנדיק. רירן זיך ניט פון אָרט.

— נו, — איז דער זעלנער פאַרוווּנדערט — וואָס זיצט איר ווי די גולמס?

— וואָס דאַרפן מיר טאָן?

— זיך גרייטן אין וועג. פּאַקט זיך. דאָס איז אײַערס אַלץ וואָס עס איז אין שטוב?

— וואָס דאַרפן מיר מיטנעמען?

— אַלץ. שטייט ניט. זײַט ניט נאַריש, נעמט מיט. דער גרוזאָ־וויק וועט אַוועקפירן. ער קומט באַלד. אײַלט זיך.

די ערשטע קומט צו זיך בלומע. הייבט אָן לייגן די זאַכן פון שאַנק אין אַ וואַליזע. פּרוּווט אַפילו שמייכלען צו דניאלן.

— זענען זיי געקומען אונדז אַרויספירן, איז שוין דער טאַטע אין טורמע.

— יאָ. — בלומע איז אים חושד אַז ער ווייסט עס פריִער פון איר. דערפאַר טאַקע געקומען באַצײַטנס.

— נו, און דאָס בעטגעוואַנד? — דערמאָנט זיי דער זעל־נער. — אַ שאָד אַזעלכע גוטע קישנס. — קוקט ער אויף זיי און שאָקלט באַדויערנדיק מיטן קאָפּ. — נעמט אַלץ. הערט וואָס איך זאָג אײַך. וואָס איר נעמט וועט איר האָבן. איר וועט שוין זען... מען דאַרף דאָך עסן. פאַר אַלץ קאָן מען קריגן ברויט. מען קריגט, בײַ אונדז איז אַלץ דאָ. — גיט ער צו. — שוועבעלער... מאַכאָר־קע... בראָנפן...

— אין אַ לײַלעך פאַרפּאַקן זיי אַ פּאָר קישנס, קאָלדרעס. דער זעלנער יאָגט זיי כסדר אונטער: אײַלט אײַך, נאַראָנים וואָס איר זײַט. — נעמט דאָס געפעס און דאָס וואָס איז? — ווײַזט ער אָן אויף אַ זייער גרויסע שיסל. — צו וואָס איז דאָס?

— צום וואַשן זיך.

— גאָרניט נאַריש. אויב איר וועט וועלן זיך וואַשן, קאָן עס דאָרטן אויך טויגן. אַ בעלן אויף דעם, וועט איר שטענדיק קריגן.

פּלוצלונג טוט ער זיך אַ צי אויס, בלײַבט שטיין גלײַך און שטרענג. אויך בלומע און דניאל דערהערן טריט. אַ מאַשין דער־נענטערט זיך.

אַלץ געשעט זייער גיך. די זאַכן זענען שוין אויף דער מאַשין. דניאל און בלומע זיצן אויפן געפעק. אַ באַוואָפנטע שמירה מיט זיי. זיי פאָרן צו דער באַן־סטאַנציע.

— אַ שאָד. ניט מאַרעק, ניט סאָפי זענען געווען אין שטוב. זיי ניט געזעגנט.

— אויך נאַסטיע אין דאָרף ווייסט גאָרניט.

— אפשר וועט מען קאָנען שרײַבן צו זיי.

ווײַט, אָפּגעזונדערט פון דער הויפּט־ליניע, אויף שינעס, ווו עס פאָרמירן זיך עשאַלאָנען, איז שטיל. באַוואָפנטע זעלנער מאַר־שירן שווײַגנדיק הין און צוריק פאַר די האַלב־פאַרמאַכטע וואַגאָ־נען. אינעווייניק איז טונקל. פול — אָנגעפּאַקט. אַרײַנגעקומען אין וואַגאָן, זעט מען נאָר סילועטן. אין דער פינצטער, דערקענען

זיי שוין דעם דאָקטער פּינסקיס פרוי. אונטן אויפן דיל זיצט זי. איבער איר אויף אַ פּאַלאַטע — אַן אומבאַקאַנטע פאַמיליע מיט קינדער. ביידע בלייבן זיי מיט זייער געפּעק האַרט ביי דער טיר. זעצן זיך אויפן פּאַק בעטגעוואַנד.

זיי פילן מער ווי זיי זעען, אַז שוין עטלעכע מאָל האָט די פרוי פּינסקי אַ גיי געטאָן צו זיי און זיך פאַהאַלטן. פון וויַיטערע וואַגאָנען דערהערט מען ווי עס רוקן זיך טירן. די קלאַפּערייַ קומט נענטער. דער עולם אינעווייניק ווערט אַלץ אומרויִקער. די פרוי פּינסקי קאָן זיך ניט מער באַהערשן.

— דניאל, בלומע! — שרייַט זי אויס אַ פאַרצווייפלטע — מען פירט דאָך אונדז אַוועק! ווייַ איז צו אונדז! וואוהין? וועלן מיר דאָרטן זיַין צוזאַמען מיט די אַרעסטירטע? פרעגט זי זיי.

זיי באַווייַזן איר קוים אָנצוקוקן און שוין הערט מען אַרויפליִיגן די שטאַבע אויף דער צוגערוקטער טיר, דאָס צושליסן. עמעץ פון יענער זייַט שרייַט הויך. דער עשאַלאָן טוט זיך אַ טרייסל און הייבט אָן לאַנגזאַם ציִען פאָרויס.

עס איז שטיל. מען הערט זיך צו צום דרויסן מיט איַינגע־האַלטענעם אָטעם. אָבער פון דאָרטן דערגייט נאָר דאָס קלאַפּן פון די רעדער. מען פאָרט אַלץ גיכער.

— מען פירט אונדז אַוועק פון דער היים! — ציטערט עמעצנס אַ קול.

— אים ענטפערט אַ שטיל כליפּען פון אַ פרוי.

דריטער טייל

אָן אַ היים

19

שוין יאָרן ווי זיי לעבן אויף סיביר.

פֿאַרטאָג זאַמלט זיך די בריגאַדע פֿון פֿאַרשיקטע אויף אַ פּונקט, פֿון וואַנען מען פֿירט זיי אָפּ צום וואַלד, דאָרטן האַקן זיי אויסביימער, צעזעגן אויף האָלץ. ווי „פֿרייַע פֿאַרשיקטע", זאָגט זיי דער בריגאַדיר אָן די נאָרמע וואָס זיי דאַרפֿן מאַכן און גייט אַוועק. דער עולם דערפֿילט זיך פֿרייַער. מען פֿאַררויכערט אָפּטער, מען זינגט ביַי דער אַרבעט. שענער פֿון אַלעמען זינגט דניאל. אַלע צערן און בענקשאַפֿטן זינגט ער אויס. אים אַרבעט זיך דעמאָלט בעסער און אַז נאָכן אויפֿעסן דעם „פּאַיאָק", ווילט זיך נאָך אַ שטיקל ברויט, פֿאַרזינגט ער אויך דעם הונגער.

זינט זיי האָבן אָפּגעפֿונען דעם טאַטן, באַוויַיזט זיך פֿון צייַט צו צייַט אַ בריוו פֿון אים. אַ טייַערער בריוו געשריבן אויף צייַטונג־פּאַפּיר אין דער קרום. אויך דער טאַטע אַרבעט אין אַ וואַלד. ער איז וויַיט פֿון זיי. אין אַ לאַגער בייַם צפֿון־פּאָל. בלומע און דניאל זענען פֿול מיט זאָרגן: דעם טאַטנס פֿאַרשיקונג, די מלחמה, די אומגליקן אין דער היים.

שוין וויפֿל מאָל ווי דניאל האָט זיך געוואָנדן וועגן גיין אין מיליטער. דער ענטפֿער איז תּמיד דער זעלבער: ער איז „אַ ניט זיכערער עלעמענט".

— איך וועל ווידער גיין אין „וואָיענקאָמאַט".

בלומע רופֿט זיך ניט אָפּ. ער זעט גוט ווי זי באַהערשט זיך, מיַידט אויס זייַן בליק.

— נאָך דער פֿאַרשטענדיקונג מיטן גענעראַל סיקאָרסקי, נעמט מען שוין די פֿאַרשיקטע, געוועזענע פּוילישע בירגער אין מיליטער. עס פֿאָרמירט זיך אַן אַרמיי אין באָזולוק. מען לאָזט אַרויס

פון די לאַגערן. ווערסט זען, בלומע, מען וועט אויך דעם טאַטן באַפרייַען. — געפינט ער מיט וואָס זי צו טרייסטן.

ענדלעך האָט דניאל זיַינס געפּועלט. מען האָט אים מאָבי־ליזירט.

חדשים זענען פאַרביַי.

עס איז זונטיק. צום וואַלד פאָרט מען ניט היַינט. בלומע באַשטימט דעם „וויכאָדנאָי" צו אַרבעטן אין קאָלכאָז, ביַים טריקע־נען ווייץ. צוזאַמען מיט נאָך פריַיווויליקע וועט זי גיין. עס פעלן אַרבעטער. די מענער זענען אויפן פראָנט.

עס איז פריִער פאַרטאָג, נאָך טונקל. און אַז עס שלאָפט זיך אַלץ איינס ניט, גייט זי אַראָפּ פון געלענער. די באַלעבאָסטע האָט זיך צוגעאיַילט. שוין אונטערגעלייגט פיַיער אין אויוון. וויל מסתמא באַוויַיזן צו גיין אויפן מאַרק. בלומען דאַכט זיך אַז עמעץ פאָרעט זיך אין פירהויז ביַי דער קליאַמקע. זי איז פאַרוווּנדערט. אַזוי פרי? עס איז ניט מעגלעך. אָבער אַז דאָס זוכן דאָרטן אין דער פינצטער חזרט זיך איבער, גייט זי אַ קוק טאָן.

— טאַטע! טאַטע! ביסט דאָ! קום אַריַין! טאַטעלע! ווי האָסטו געטראָפן אַהער?

— בלימעלע! זעסט דאָך איך בין דאָ! מען האָט מיר אָנ־געוויזן.

די באַלעבאָסטע שטייט שוין אין טיר. קוקט ווי זיי האַלדזן זיך. כאַפּט זי דאָס לעמפּל און טראָגט צום פירהויז.

— קומט אַריין! קומט!

— בלימעלע, קינד מיַינס, וויין ניט — טוליעט ער זי צו זיך און ווישט זיך די אויגן.

בלומע דערמאָנט זיך ענדלעך אַז זי דאַרף צושטעלן אויפקאָכן אַ טעפּל וואַסער. בעך קוקט זיך אַרום, פרעגט גאָרניט. ער זעט אַז זי איז אַליין. לאָזט איר צוגרייטן אַ גלעזל וואַרעמס און וואַרט זי זאָל דערציילן. גייט איר נאָך און פאָלגט נאָך יעדן ריר. דאָס

האַרץ האָט אים געזאָגט אַז דניאלן וועט ער ניט טרעפן. ער שווײַגט מיט באַהערשטן אומגעדולד.

בלומע ווייסט גוט דעם טאַטנס טראַכטן. אים צו באַרויִקן טראָגט זי אים גלײַך צו דניאלס קאַרטל פון פראַנט. בער לייענט און בלומע נעמט ניט אַראָפּ פון אים די אויגן. זעט זײַן אויס־געלאָשענעם, מידן בליק. דאָס בלייכע, אַנגעגאָסענע פּנים. די לישינע, אָנשטאָט זײַנע געדיכטע האָר אויפן קאָפּ. זי איז ממש געפּלעפט פון זײַן ווײַסער, לאַנגער באָרד, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט צוויי גלײַכע שפּיצן.

— דיר איז קאַלט טאַטע, איך גיס דיר אָן „קיפּיאַטאָק״, וועסט זיך דערוואַרעמען.

בלומע אײַלט אַריין צום אויוון. די באַלעבאָסטע זעט איר ווישן די אויגן.

— נאַרעלע וואָס דו ביסט, — פריי זיך מיט דײַן טאַטן. קוק, ווי שיין ער איז. זעט אויס ווי אַ פּאָפּ! זינדיק ניט. פאַרשטייסטו וואָס פאַראַ מזל דו האָסט?

— האָסט זיך צעקלאַפּט אַ פּוס? — פרעגט בער ניט אָפּרײַסנ־דיק די אויגן פון קאַרטל.

— נאַרישקײַטן. וואָס דניאל געדענקט אַלץ. שוין לאַנג זיך פאַרהיילט. ווי איז בײַ דיר מיטן געזונט, טאַטע? — רעדט זי מיט געמאַכטער האַפערדיקייט.

— נאָר גאַנץ גוט. אַ קרעפּקער ייִד דײַן טאַטע. אַ געזונטער ייִשובניק.

עס שמעקט מיט פרילינג. לעצטע שטיקער, פאַרבלאָטיקטער שניי, ליגן נאָך בײַ די ווענט פון שײַערן, בײַ די אײַנגעפאַלענע פּלויטן. די זון אָבער בריט שוין. טריקנט די בלאָטע, אינמיטן פון די גאַסן און פּלעצער. די קאַלכאָזניקעס אײַלן צום פאַרזיי אויף די פעלדער. מען דאַרף טאָן גיך. דער זומער איז קורץ.

די נעכט זענען קירצער. לאַנגע ציִען זיי זיך אָבער בײַ בערן, אין וואַרטן אויף טאָג. דער טאָג קומט אויף מיט דער האָפענונג

צו באַקומען אַ בריוו פון דניאלן. באַצײַטנס גייט בער אַרויס פון שטוב זוכן די בריוו־טרעגערין, שווער אים צו וואַרטן, ביז זי וועט פאַרבײַגיין זייער שטוב.

קאַטיע די בריוו־טרעגערין קען אים שוין. יעדעס מאָל, ווי נאָר זי באַמערקט אים איר נאָכגיין, אָדער אַנטקעגן קומען, זאָגט זי אים, מיט אַ סך מיטגעפיל: „ניעט".

שוין שעהען ווי בער זוכט זי אַרום. אין אַנדערן עק דאָרף באַמערקט ער זי פון ווײַטן און פאַרשנעלערט דעם טראָט. יאָגט גיך. קאַטיע דערזעט אים. ווי פאַרשולדיקט שאָקלט זי מיטן קאָפּ אויף „ניין" און גייט ווײַטער.

ווי אַן אָפּגעבריטער פאַרנעמט זיך בער אין דער פאַרקערטער ריכטונג. אײַלט. לאַנג איז ער שוין אַרויס פון דאָרף און גייט נאָך אַלץ. איז צווישן די פעלדער. — „אויב ער לעבט נאָך?" — ענטפערט ער אָפּ זײַנע טראַכטענישן. אַרום איז שטיל. קיינער הערט ניט ווי ער רעדט צו זיך אַליין. דניאלס איינציק קאַרטל, איז פון הינטער מינסק. ער געדענקט עס גוט. אַ סך מאָל שוין געלייענט. געדענקט אַלע פראַגעס וואָס ער שטעלט דאָרטן. אַזוי גייענדיק זעט בער יעדעס וואָרט, יעדן פּינטעלע. דאָס פרעגן בלומען: צי האָט זיך שוין פאַרהיילט דער צעקלאַפּטער פוס. צי קריגט זי יעדן טאָג איר פּאַרציע ברויט? צי פאַרדינט זי נאָך אַלץ בײַ באַיאָווען צו ביסלעך מילך? וואָס מאַכט זייער באַלע־באָסטע? צי האָט זיך שוין איר בהמה פאַרלאָזן? און וואָס הערט מען בײַ זייער שכנה וואַסיליכע? איז איר יינגעלע געזונט גע־וואָרן?" צי עס איז געווען אַ בריוו פון טאַטן? און בעט ניט פאַרגעסן צו שרײַבן פון וועלכער דאַטע.

לאַנג שלעפּט זיך בער אויף די פעלדער. קומט צוריק אַ מידער. ווישנדיק דעם שווייס, לאָזט ער זיך אַראָפּ אויף דער פריזבע, בײַ דער וואַנט. ער וויל עס זאָל שוין ווערן מאָרגן. אפשר וועט מאָרגן זײַן אַ בריוו.

דער פאַסטעך טרײַבט די סטאַדע פון פעלד. אָט איז שוין בלומע פון דער אַרבעט. באַלד נאָך איר ווײַזט זיך מאַרוסיע, די

באַלעבאָסטע, מיט וועמען זיי וווינען צוזאַמען. גיך קריכט זי אַרויף אויפן אויוון. די ערשטע צײַט, ווען בער איז געקומען, פלעגט ער זי הערן וויינען. איר מאַן איז געפאַלן בײַ סמאָליענסק. איצט גלײַך נאָך דער אַרבעט, כאַפּט זי עפּעס איבער און גייט שלאָפן. „אַז מײַן אַנדריי איז ניטאָ, דאַרף איך ניט האָבן די בעט". זי וויל אַז אין בעט זאָל שלאָפן בער. קריכט זי באַלד אַרויף אויפן אויוון.

עס איז נאַכט. בער וואַרפט זיך אין בעט. אים זעט אויס אַז בלומע איז אײַנגעשלאָפן. און אַז מאַרוסיעס כראָפּען צעטראָגט זיך איבערן שטוב, שאַרט ער זיך שטיל אַרויס. זעצט זיך אויף דער פּריזבע אין הויף. בלײַבט אַזוי מיט פאַרמאַכטע אויגן אָנגע־לענט אָן וואַנט.

דער דרויסן איז פריש. אין אַלע כאַטעס פינצטער. אַנטקעגן, בײַ ניקאָלאַיען, אין די בעבלער, האָבן זיך פאַרקליבן פייגל. פּלוצ־לינג דערהערט ער, אַז בײַ זאַיקען שרײַען די הינער, שפּרינגען פון שעדעלאַ.

איצטער? אינמיטן נאַכט — וווּנדערט ער זיך — גנבהט עמע־צער אַן עוף? אַזוי פיל הונגעריקע שלעפּן זיך אַרום. האָט זיך אפשר אַ קאָרשון אַראָפּגעלאָזט אויף זיי?

בער הייבט זיך אויף, וויל אַ קוק טאָן פון יענער זײַט פּלויט. מען זעט גאָרניט, שטיל געוואָרן. זעצט ער זיך צוריק אויף דער פּריזבע.

אין פירהויז גרילט אַ גריל. עס דערמאָנט אים יאַדלע. דאָרטן האָט זיך אויך געהאַט פאַרקליבן אַ גריל, אין ווינקל, נעבן בוידעם. „עס איז אַ סימן ברכה", פלעגט נאַסטיע זאָגן.

בער דערזעט דעם לייטער בײַם בוידעם. אַלע געצײַגן וואָס הענגען אויף די ווענט, אין דעם גרויסן פירהויז: די גראַבליעס, ווילעס, קאָסעס. די אַלטע שוין־אָפּגעניצטע און די נײַ־צוגעקויפטע. נאָך קיין מאָל איז אים ניט געקומען אויפן רעיון, אַז מען קאָן אַזוי בענקען נאָך אַ גראַבליע. מאָדנע ציט אים דאָס האַרץ.

— זיצסט גאָר דאָ, טאַטע? — דערפילט ער בלומעס האַנט אויף זײַן אַקסל.

— עס איז דושנע אין שטוב, שלאָפט זיך ניט.

— הערסט די גריל? — לאָזט זיך בלומע אַראָפּ נעבן אים.

— יאָ. שוין עטלעכע נעכט אַז זי לאָזט זיך הערן.

ביידע שווײַגן.

— כ׳טראַכט אַזוי, טאַטע — רופט בלומע זיך ענדלעך אָן — יעדן טאָג האָבן מיר געוואַרט אויף דיר און געקומען ביזסטו פּלוצלונג.

— שוין אַ האַלב יאָר, אַז איך בין דאָ. ניט לאַנג פאַר מײַן קומען איז געווען דאָס קאַרטל פון דניאלן.

בלומע רופט זיך ניט אָן. אויך אירע רייד האָבן אַרויסגערופן דאָס טראַכטן וועגן דניאלן. זי זעט פאַר דאָס ערגסטע און דאָס הארץ ווערט איר צעריסן. דעם טאַטנס צער קלעמט.

— הערסט, טאַטע? ערגעץ זינגט מען.

— זעט אויס אַז דאָס קומט פון נעבן ברונעם, איבערן וועג. אויפן גאַנעק פון „סיעל־סאָוויעט" האָבן זיך חברה פאַרקליבן.

— אויף דער גאַרמאָשקע שפּילט עס וואַסיע.

— אַ ווױלער בחור, וואַסיע — רופט זיך אָן בער. גלאַט אַזוי עפּעס צו זאָגן.

— אַ שיינע נאַכט.

— אַ ביטערע מלחמה, טאָכטער. — זאָגט בער ווי ער זאָל זיך פאַרענטפערן פאַר דעם אומעט וואָס עס פילט זיך אין איר קול.

עס דערטראָגט זיך אַ סקריפּען פון רעדער. אַ פורל פאָרט פאַרבײַ מיטן וועג. דאָס סקריפּען דערווײַטערט זיך, ווערט אַלץ שטילער. ביז מען הערט עס ניט מער.

— אָט פאַלט מיר אײַן, אַז איין מאָל וועט זיך נאָך אַלץ אָנהייבן אויף דאָס נײַ. גאָר פּלוצלונג וועלן מיר זיך איבערוועקן, ווי נאָך אַ שווערן קאָשמאַר. אַ חלום געווען אַזאַ.

— אַזוי דאַרף מען גלייבן, מײַן קינד. מען טאָר ניט פאַרלירן דעם בטחון. דאָס זעלבע האָב איך אויך געזאָגט אילױשען.

— וועלכן אילי‌ושען ?

בער באַדויערט גלײַך דאָס אַרויסגעזאָגטע. ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פֿאַרטראַכטערהייט.

— וואָס שווײַגסטו, טאַטע ? וועגן וועלכן אילי‌ושען רעדסטו ?

— דײַן פֿרײַנד. דער וועמען איך האָב אין איינער אַ נאַכט, אַרויסגעפֿירט דורכן וואַלד קיין יאַדלע. בײַ טעקלען אין שײַער אים באַהאַלטן. איך האָב אים דעמאָלט אונטערן נאָז פֿון פּאָלי־ציאַנט אַרויסגעשמוגלט.

בלומע לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, פֿאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט.

— בלומע ! — וויל בער אַראָפּנעמען אירע הענט — פֿאַרשטיי...

— זוכט ער דאָס וואָרט — נאָך פֿאַרשטייסטו ניט ?...

— לאָז מיך, טאַטע, איך בעט דיך. לאָז מיך באַנעמען... דו האָסט געזען אילי‌ושען ?

— יאָ. דער פֿרײַנד דײַנער איז אין אַ לאַגער. ער לעבט. מען האָט אים ניט דערשאָסן... און אַז מען לעבט קאָן נאָך אַלץ געשען, ווי דו זאָגסט. מען דאַרף האָבן בטחון. — קום טאָכטער — בעט זיך בער אַ פֿאַרשולדיקטער — קום אין שטוב. שוין באַלד נאָך דער נאַכט. מוזסט גאָר פֿרי גיין צו דער אַרבעט.

— ביסטו זיכער אַז דאָס איז ער געווען ? האָסטו אים דערקענט ?

— ניין. דאָס האָט ער מיך דערקענט. געווען איז עס באַלד נאָכן אָנקומען אין יענעם לאַגער. מיר האָבן געאַרבעט אין וואַלד, בײַם אַראָפּלאָזן ביימער. און אַ פֿראָסט איז געווען... אײַ, אײַ וואָס אַ מענטש קאָן אַלץ אויסהאַלטן. מען הערט אויף צו רעאַגירן ווי דער מוח און דאָס האַרץ וואָלטן פֿאַרפֿרוירן געוואָרן. אַ בוים האָט גענומען פֿאַלן, בין איך געשפּרונגען אין אַ זײַט. פּלוצלינג דערהער איך : „איר זענט בלומעס טאַטע“. אַ היץ האָט מיך אָפּגעגאָסן. מײַן קאָפּ איז געווען פֿאַרוויקלט מיט אַ שטיק קאָץ. איך האָב ניט געגלייבט אַז איך הער עס, און געקוקט אויף אים אַ צעטומלטער. יאָ. דאָס איז ער געווען. נאָך אייניקע

מאָל האָבן מיר זיך געטראָפן. ער האָט אַ סך געפרעגט וועגן דיר. איך האָב נאָך דעמאָלט אײַער אַדרעס ניט געהאַט. גאָר גיך האָט מען אים איבערגעפירט אין אַן אַנדערן לאַגער.

בלומע פרעגט מער גאָרניט. זיצט אַן אײַנגעקאָרטשעטע און שווײַגט. ציטערט ווי אין אַ פראָסט. און אַז זי רירט זיך ניט פון אָרט, גייט בער אַרײַן אין שטוב, נעמט די פופײַקע און לייגט אַוועק אויף אירע אַקסלען.

— אַ וואָרעמע נאַכט — רעדט ער אין דער וועלט אַרײַן — ס׳געשעט אַז פלוצלונג ווערט קאַלט... יאָ, עס געשעט... — שטאַמלט ער אַן אויפגערעגטער פון פאַרדרוס אויף זיך, — אַ בהמה איך בין... דערציילט... פרעג צו וואָס? אַלטער נאַר...

לאַנג שטייט ער איבער איר. שווײַגט אַ פאַרשולדיקטער. עס ווערט איר אַ שאָד דער טאַטע. צו זען אים שטיין אַזוי אַ פאַר־שולדיקטן, הייבט זי זיך אויף און גייט צום געלעגער. אויך בער לייגט זיך. ביזן אײַנשלאָפן הערט ער נאָך בלומעס פאַרשטיקט געוויין.

20

איבערן וויַיס־פּאַרשנייטן סטעפּ יאָגן אָפענע לאַסט־אויטאָס. אויף קעסטלעך, אַלטע טשעמאָדאַנעס, בעטגעוואַנט פאַרבונדענע מיט שטריק, זיצן פּאַסאַזשירן. זיי וויקלען זיך אין פּאַטשיילעס, קאָצן. עס העלפט אָבער גאָרניט. דער ווינט דרייט, נעמט דורך די ביינער.

דאָס פירט מען פאַרשיקטע פון פאַרוואָרפענע העקן צו דער באַן־סטאַציע אין פרעסנאָווקע. דאָרטן פאָרמירט זיך אַן עשאַ־לאָן, וואָס וועט ברענגען די פוילישע צוריק קיין פוילן.

דערקליבן זיך צו דער באַן, וואַרפן זיי אַריַין זייער געפּעק אין די וואַגאָנען. פאַלן אַוועק נעבן זיי און דערמלען איַין פאַר מידקייט.

גיך פאַלט צו די נאַכט. זי איז לאַנג.

מיטן שפּראָץ אויף טאָג, באַוויַיזט זיך ווידער אַ לאַסט־וואָגן. צווישן די רעפּאַטריאַנטן זענען בער און בלומע אויך פאַראַן. צוגעקומען צו דער באַן, איַילן זיי אַריַינצונעמען זייער געפּעק אין וואַגאָן.

אַ יונג מיידל, האַלב־פאַרשלאָפן, הייבט זיך אויף און קוקט פון פינצטערן ווינקל.

— איר פאָרט מיטן זעלבן וואַגאָן וואָס איך. — ווערט זי אַלץ וואַכער און זאָגט עס אַזוי שטיל, אַז קיינער הערט איר ניט. דער עולם איז פאַרנומען מיטן אַרויפשלעפּן די פּעק. איַילט אויך דאָס מיידל אַראָפּ צום פעראָן און העלפט בלומען אַרויפטראָגן אַ פּאַק בעטגעוואַנט.

— איך הייס בראָניע. עס איז אַזוי גוט וואָס איך פאָר מיט איַיך. אַלע יאָרן געלעבט אין „סאָווכאָז”. אַ זעכציק קילאָמעטער פון דאַנען. מיך האָט מען נאָך נעכטן בייַנאַכט געבראַכט אַהער.

אַזאַ קאַלטע נאַכט אַדורך. איר פֿאַרשטייט? — זוכט זי נאָך עפּעס צו דערציילן און ווייסט ניט וואָס. איר אַליין זעט עס אויס ניט נאָרמאַל דאָס אַזוי צופֿאַלן צו ווילד פֿרעמדע און וויל זיך פֿאַרענט־פֿערן: — איך בין אַליין. איינע אַליין.

— קום אַראָפּ — זאָגט בלומע און לייגט אַרויף איר האַנט אויף בראַניעס אַקסל. — הערסט? שוין ווידער האָט מען געבראַכט אַ גרוזאָוויק. קום מירן זען די רעפּאַטריאַנטן.

עס ווערט טונקל. שוין נאָכן טאָג. דער עשאַלאָן רירט אין וועג. יעדער איז שוין אײַנגעזעצט אויף זײַן אָרט. זעט זיך אַרום ווער עס איז זײַן שכן. מען הערט שמועסן אין וואַגאָן. גיך גע־ווינט מען זיך צו צום קלאַפּן פֿון די רעדער.

אַ נאַכט אַדורך. בײַם נאָענטסטן ווערלדל פֿאַרהאַלט מען זיך. פֿון די וואַגאָנען שיטן זיך אַלע אַרויס, מען לויפֿט צווישן די ביימער אויף באַדערפֿעניש. עס געדויערט ניט לאַנג און דער לאָקאָמאָטיוו פֿײַפֿט, אײַלט מען צוריק. אַזוי לויפֿנדיק באַמערקט בער, פֿון וויטן, שמאַיען.

— שמאַיע! — שרײַט ער גאָר הויך. — מײַן וואַגאָן איז נומער זיבן. געדענק נומער זיבן!

מען פֿאָרט ווײַטער.

עס פֿאַלט צו דער אָוונט. ווידער פֿאַרהאַלט זיך דער צוג. בער מיט בלומען אײַלן אַראָפּ לענג אויס דעם עשאַלאָן, ווילן געפֿינען שמאַיען. זענען צופֿרידן אים צו באַגעגענען. מיט אַ קליין קעסטל אין האַנט גייט ער צו צו זיי.

אין וואַגאָן שטופּן זיך אַלע דרײַ צונויף אין ווינקל. דער עולם, אומצופֿרידן פֿון דער ענגשאַפֿט, בורטשעט.

— זיי זענען ווי קאַרשן — הערט מען טשעקײַסקען זאָגן — געמסטו אָן אַ הויפֿן, שלעפּן זיך מיט נאָך.

— האָב אים אין לוויוויטש — באַרויִקט בער שמאַיען — הער ניט, וואָס ער רעדט. אַ שונא־ישראל.

און שמאַיע דערציילט:

— די יאָרן, אין אַ קאַזאַכישן אַאול, געוועזן אַ נאַכט־סטרוזש

און פאַרדינט מײַן „פּאַיאַק". מיך אַליין האָבן זיי פאַרשיקט. ווען „ענקאַווערע" איז געקומען מיך נעמען, איז ראַשע געווען בײַ דער טאַכטער. זיי האָבן זי ניט געלאָזט גיין אַהיים. געמיינט אַז אַן איר וועט מען אויך מיך ניט נעמען. נו, זעט איר דאָך. די גאַנצע צײַט האָבן די קינדער דאָרטן געקלאַפּאָטשעט, מען זאָל מיר דערלויבן צוריקפאָרן אַהיים. איז דאָך אויסגעבראָכן ווידער די מלחמה.

שמאַיע ווערט אַנטשוויגן. אַלץ דערציילט.

— עס איז שוין נאַכט — גיט ער צו אַ פאַרטראַכטער — איז ווו זענען מיר? — ער פרעגט גלאַט אַזוי. וואַרט ניט אויף קיין ענטפער.

שמאַיע שטייט גאַנצע טעג בײַ דער שלעכט־פאַרמאַכטער טיר פון וואַגאָן. זי איז צעבראָכן. פאַרהאַקט זיך און בלײַבט אַ ביסל אָפן. די פרוי ראַזנפעלד איז זייער באַזאָרגט, צוליבן ווינט וואָס בלאָזט אַרײַן. האַלט אין איין צודעקן דאָס טעבעטערל. ס'קינד ליגט מיט הויכן פיבער. מען זאָגט עס מאָזלט.

ראַזנפעלדס זון, אַ דערוואַקסן בחורל, האָט אויפגעזוכט דעם „נאַטשאַלניק" פון עשאַלאָן, זיך באַקלאָגט פאַר אים.

„ניטשעוואָ" — האָט יענער געזאָגט, געלאָזט אים שטיין און געגאַנגען ווײַטער.

מיט זײַן הויכער פיגור, פאַרשטעלט שמאַיע דעם ווינט, שמאַיע שטייט אַזוי אין טיר גלײַך, אומבאַוועגלעך, זעט אויס ער זאָל האָבן אײַנגעדרעמלט. איז אָבער אינגאַנצן וואַך, צוגעשפּיצט צום דרויסן, קוקט־אויס די עשאַלאָנען, וועלכע יאָגן אין דער זעל־בער ריכטונג.

— אַ שטאָט מיט יידן געווען... שטעט גאַנצע... — רעדט ער שטיל, פאַר זיך. די רעדער רוישן. קיינער הערט אים ניט.

בער זיצט אויף זײַן קעסטל, קוקט צום ווינקל. דורך די קראַ־טעס פון קליינעם פענצטערל פאַלט אויף בלומען אַ גרויע שײַן. אַן אויסגעבלייכטע, שטאַרק אָפּגעמאַגערט, זעט ער ווי ענלעך זי איז אויף דניאלן.

דניאל... וועל איך אים נאָך זען? ווידער טראַכט ער וועגן דעם לעצטן קאַרטל, וואָס איז אָנגעקומען פון פראָנט ביַי מינסק. דער ווייטיק צעשפּאַרט אים.

— יאָ, יאָ. — זאָגט ער צו קיינעם ניט — אַ סך וועט מען זיך דערוויסן. זען מיט די אייגענע אויגן...

די דאָקטערין סקוטיצקאַ, וואָס איז מיט איר אַלטער מאַמען און קליין טעכטערל, קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען. וואָס נענטער מען קומט צו פּוילן, אַלץ טרויעריקער קוקן אירע ברוינע אויגן.

דורך אַ בריוו פון אירס אַ פריַינדין, האָט זי אין קאַלכאָז זיך נאָך דערוווּסט, אַז איר מאַן לעבט. וווינט אין וואַרשע מיט אַ פילם־אַרטיסטין. אין אַ שפּעטערדיקן בריוו, האָט די זעלבע פריַינ־דין געשריבן, אַז איר ברודער איז געפאַלן בעתן אויפשטאַנד אין וואַרשע.

ביז איצטער, דאָס אַלץ דער מאַמען ניט דערציילט. האָט ניט דעם כח דערצו. די אַלטיטשקע ווייסט פון גאָרניט. זי הערט ניט אויף צו באַוויינען איר איידעם, וואָס איז ניט צוריקגעקומען.

— ער האָט פּאַריתומט — הערט מען זי שטיל דערציילן — מיַין ליבטיק אייניקל. און די טאָכטער? זעט איר דאָך. אַ יונגע אַלמנה געבליבן.

זי דערציילט אויך וועגן איר איינציקן, געראָטענעם זון, דעם דאָקטער. מען זאָל זען ווי שיין און איידל ער איז, וויַיזט זי זיַין פּאָטאָ.

— זיי זאָגן מען פירט אונדז קיַין וורא‌צלאַוו. ווייס איך וואָס מען רעדט אַלץ. אַפילו אויב אַזוי, וועט ער דאָך געוויס קומען און פון דאָרטן אונדז נעמען קיַין וואַרשע. גאָט זאָל אים בענטשן. איך טראַכט. אויב, גאָט זאָל אָפּהיטן, אונדזער שטוב איז צע־שטערט, האָט ער געוויס פאַרגרייט אַ דירה. שוין לאַנג פון אים קיַין וואָרט ניט געהאַט. מסתמא ניט אָנגעקומען די בריוו, אין אַזאַ העק. ער איז אַ גוט קינד. האָט געוויס געשריבן. ווי גליקלעך ער וועט עס זיַין מיט אונדזער קומען. — וויינט זי פון פרייד, ווישט די פאַרטרערטע אויגן און שמייכלט.

21

טעג און נעכט ווי דער עשאַלאָן שלעפּט זיך. די אַלטע ווײַסרוסקע פון האָרקע שפּאַנט אַן אויפגערעגטע היִן און צוריק, איבערן פּיצל ליידיקן פּלאַץ. טאָפּטשעט אויפן זעלבן אָרט. צוויי דרײַ טריט פאַר זיך און דאָס זעלבע צוריק.

„פאַר איר, פאַר קאָוואַליכען, דאַרף מען זיך היטן ווי פאַר פײַער״. קיינער ווייסט ניט מיט וואָס און צוליב וואָס מען דאַרף זיך היטן. אָבער אַזוי זאָגט מען און מען מײַדט זי אויס.

נאָר אין קאַלכאָז, ווען זי איז געגאַנגען פאַרבײַ עמעצן פון די פאַרשיקטע, האָט זי זיך תמיד פאַרהאַלטן. ניט געבעטענערהייט זיך אָוועקגעזעצט און אויסגערעדט איר ביטער האַרץ. געשאָלטן מיט טויטע קללות די אַלע וואָס האָבן איר שלעכטס געטאָן. זיך גוט אויסגעוויינט און אַוועקגעגאַנגען.

איצטער טאָפּטשעט זי ביז מידקייט. זעצט זיך ענדלעך אַוועק אויף איר קיילעלע און שאָקלט זיך אין דער ברייט.

דערנעבן, אויף אַ סיעניקל, שלאָפט איר קליין אייניקל, זינקע. פון דער אַנדערער זײַט זיצט די מאַמע, קאָוואַליכעס שנור. נאָך גאָר אַ יונגע. מיט אַ ליאַלקע־פּנים. צוויי גרויסע, בלויע אויגן, ווי פון גלאָז.

קאָוואַליכע זעט גוט די פרייד אויף איר שנורס פּנים. ווי זי פאַררײַסט דאָס בולבעוואַטע נעזל. פון דער שנורס גדולה, האָט די אַלטע געהאַקטע צרות.

מאַרוסקען אַרט עס ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. זי איז גליקלעך צו פאָרן קיין „פּאַלשטשע״, וווּ ס׳וואַרט אויף זיי איר סטיאָפּקע, וואָס איז אַוועק פון דאַנען אין דער אַרמיי. רעכט אַז ער איז שוין אַ גאַנצער „העגעראַל״. ווי וועט ער זיך פרייען מיט איר און מיט זינקעלען. אָט שרײַבט ער אין לעצטן בריוו, אַז זיי וועט

גוט זײַן אין „פּאָלשטשע". מען וועט ווידער אָנלעבן אָן אײַ־גענע באַלעבאַטישקייט. ער וועט קויפן אַ קעלביקע קו, וועט זײַן מילך פאַר זינקעלען. די קו וועט זיך אָפּקעלבן, וועלן זיי מיט דער צײַט, האָבן נאָך אַ בהמה.

— „איין בהמה האָט ער שוין... נאָך וואָס פאַראַ בהמה"...

— בורטשעט קאָוואַליכע בעתן הערן מאַרוסקען לייענען דעם בריוו.

עד היום קאָן די אַלטע ניט מוחל זײַן איר זון, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַזאַ „בהמה", אַ „גאָרניט". וואָס מער זי קלערט אַז ער איז דאָרטן אַ גאַנצער מענטש געוואָרן, אַלץ ווייניקער פאַרגינט זי עס מאַרוסקען. פאַר דער צײַט, וואָס סטיאָפּקע האָט געשלאָגן דעם דײַטש, האָט זײַן ווײַב ניט ווייניק קלעפּ אַרײַנגעכאַפּט פון איר שוויגער. איצטער זעט זי, אַז וואָס נאָענטער מען קומט צו פּוילן, אַלץ מער ווערט די „בהמה" צעשפּאַרט פון נחת.

דער עולם אין וואַגאָן ווערט אַלץ אומרויִקער. מען שטופּט זיך צוזאַמען בײַ דעם אָפענעם שפּאַלט פון דער טיר. דער אַלטער שמאַיע האַלט זיך פון דער זײַט. נאָר דעם קאָפּ רוקט ער כּסדר צום דרויסן. קוקט צום עשאַלאָן, וואָס יאָגט אויף די דערבײַיִקע רעלסן.

— פון וואַנען קומט איר? — שרײַט ער.

— פון דרום!

ער הערט גאָרניט. זעט, אַז פון יענעם צוג קוקן אַרויס נײַגעריקע.

— פון וועלכער געגנט? פון וועלכער שטאָט זענט איר? איז עמעץ בײַ אײַך פון דובאָוועו?!

עפּעס ענטפערן זיי. ער זעט אָבער נאָר זייער זשעסטיקולירן מיט די הענט, דאָס באַוועגן מיט די ליפּן. די ווערטער צעטרײַבט דער ווינט. דאָס קלאַפּן פון די רעדער פאַרטויבט אויך זײַנע אייגענע קולות.

מען פאַרט ווײַטער. ביז די באַן טוט זיך אַ טרייסל, אַ צי אויף צוריק, און בלײַבט שטיין. אַנטקעגן, איבער עטלעכע רעלסן, פּאַראַלעל צו זיי, שטייט אַ צוג. ער גייט אין דער פאַרקערטער ריכטונג, צוריק קײַן רוסלאַנד. זעלנער זיצן אין ניט געדעקטע וואַגאָנען און עסן. דער עולם קוקט נײַגעריק אַריבער. יונגע שפּרינגען אַראָפּ.

— קראַסאַוויצעס — רופן די זעלנער אויפגעהײַטערט — קומט מיט אונדז! קומט! מיר נעמען אײַך צוריק אין סאָוויעטן־לאַנד! הײַדאַ, עס איז פאַראַן פּלאַץ פאַר אַלעמען.

— רוק זיך, וואַלאַדיע, לאָמיר אַרײַננעמען יענע מיט די לאַנגע צעפּ.

— פאַר דיר שוואַרצאַויגיקע, מאַך איך פּלאַץ נעבן מיר. שפּרינג אַרויף!

די זעלנער וויצלען זיך. לאַכן הויך. אויך בלומע איז אונטן צווישן דער יונגער חברה.

— פאַראַן דאָרטן ייִדן מיט אײַך? — פרעגט אַ זעלנער שטיל, זיך אַרומקוקנדיק.

— יאָ. — ענטפערט בלומע — פאַרוואָס פרעגסטו?

— און דו, ווער ביסט?

— איך בין אַ ייִדישע. רעדסטו ייִדיש?

לאַנג קוקט ער אויף איר און שווײַגט.

— ייִדיש? איך רייד אַ ביסל. — דערמאָנט ער זיך צו ענטפערן.

דער טומל אויפן פעראָן וואַקסט. מען לאַכט הילכיק.

— ניטאָ וואוהין צו פאָרן, שוועסטער. — זאָגט ער נאָך שטילער — די וועלדער זענען פול מיט באַנדעס. די באַנדיטן פילן זיך גוט אויך אין די שטעט. נאָך וואָס לויפסטו קײַן פוילן?

בלומע שווײַגט. קוקט אויף אים מיט ברייט־צעעפנטע אויגן.

— מען לויערט אויף אונדזערע ווייניק־לעבנגעבליבענע. זאָג זיי די ייִדן. זאָלן זיי דאָס וויסן.

פּלוצלונג טוט דער צוג מיט די זעלנער זיך אַ ריר פון אָרט.

זיי שיקן לופטקושן, געזעגענען די מיידלער. דער ייִד זיצט בײַם קאַנט, קוקט צוריק צו בלומען. זי שטייט. רירט זיך ניט פון אָרט. ערשט ווען דער צוג פאַרשווינדט, גייט זי לאַנגזאַם צוריק.

הינטער די פּוסטע שינעס, שטייט אַ יונג וועלדל. אַ ביסל ווײַטער זענען די ביימער העכער. די טונקלקייט דאָרטן איז אומ־היימלעך. עס פאַלט צו די נאַכט. אויך דער עשאַלאָן רירט פון אָרט. שלעפּט זיך פּאַרויס. מען פאָרט שוין פאַזע אַ געדיכטן וואַלד. פון הינטער דער פינצטערניש אין אים רוקט זיך אַרויס אַ פולע לבנה. שווימט צווישן די וואַלקנדלעך אין דער זעלבער ריכטונג.

22

דער עולם איז מיד. איינגעגנורעט ליגט יעדער אויף זיין אָרט. דאָס שמועסן האָט אויפגעהערט. איין משוגענע גאָלדע הערט ניט אויף צו רעדן, בעטן דער מאַמען, מען זאָל גיין אַהיים.

די באַן קלאַפּט מאָנאָטאָן. שווער און לאַנג ציט זיך אַ שלאָפ־לאָזע נאַכט, ביז אַ טריבע גרויקייט ציט נאָך זיך דעם נייעם טאָג.

אויף די נאַרעס, צווישן געפּעק, באַוועגט מען זיך שוין. דער אַלטער שמאַיע שטייט דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף דער טיר.

— אַ שטאָט מיט ייִדן געווען... שטעט גאַנצע... — מורמלט ער פאַר זיך אַליין.

אויך קאָוואַליכע זיצט אַ וואַכע אויף איר הילצערנער קיילע־לע. קוקט איינגעבויגן אַראָפּ און ווי איר טבע, שאָקלט זי זיך אין דער ברייט.

— וואָלט איך כאָטש עפּעס געוווּסט פון מיין סטיעפּאַנען — רעדט זי שטיל און וויל זייער אַז עמעץ זאָל איר הערן. — צוגע־נומען אים דעם אָרעמינקן, מיך פאַרשלעפּט אויף סיביר... פאַר קנאה, פאַר שלעכטס. איך קאָן שווערן ביי אַלע הייליקע, אַז אַלץ וואָס זיי האָבן געזאָגט אויף אים איז ליגן.

געשיקט בינדט זי איבער דאָס טיכל ביים האַלדז. ווישט מיט די שפּיצן דעם שוים אין די מוילווינקלען. מען זעט אַז עס גריזשעט איר פאַרדרוס.

— שוין. ניטאָ קאָוואַליכע, מיינען זיי — זי קוקט צו שמאַיען, איר דאַכט זיך ער הערט זיך צו. — אַז וויי און ווינד איז צו מיר. אַ שלעפּערקע געוואָרן. און דאָרטן איז עמעץ אַ באַלעבאָס אויף מיין האָרעוואַניע. וואַקסן נאָך די גרויסע בלומען ביים פענצטער? און דער סאָד מיט די פרוכטן? אַזאַ סאָד! האָבן זיי כאָטש פאַר־זיכערט דיביימער אין די ווינטערס?

מען הייבט זיך פון די געלעגערס. עמעץ גענעצט הויך, פּרוּווט אויסגלײַכן די גלידער. זינקעלע וויינט.

— וואַרט אויף „קיפּיאַטאָק״ — זאָגט וואַסיע צו דער מאַמען, וואָס קײַט אַ שטיקל ברויט. — מיר קומען באַלד צו אַ סטאַנציע, וועט מען געבן הייס וואַסער.

— אויך ברויט דאַרפֿן זיי שוין געבן.

— אין דער געגנט קאָן מען אפשר קריגן קויפֿן אַ הערינג. זענען דאָס בײַ שלאָמיכען געווען הערינג, ווי גאָלד.

וואַסיל באַלעקט זיך אַזש.

שמאַיע קוקט צום דרויסן. וויל דערקענען דאָס אָרט. אין וואַגאָן ווערט טומלדיק.

קאָוואַליכען שטערט מען אין טראַכטן. איר אייניקל וויינט הויך. טראַכט זי אויפֿן קול גאָר שטיל:

— רעכט זיי זענען טאַקע פֿאַרפֿרוירן געוואָרן די ביימער. קאַלטע ווינטערס געווען. האָספּאָדי, האָספּאָדי. ווער געדענקט עס אַזעלכע קעלטן?

מאַרוסיע זעט גוט דאָס ביטערניש אויף איר שוויגערס פּנים.

נאָר זי וואָרטשעט — טראַכט זי. — די אַלטע מכשפֿה וועט שוין שטענדיק געפֿינען אויף וואָס זיך צו דרודלען. זאָל זײַן אויפֿן פּאַראַיאַריקן שניי, אַבי זיך כּעסן. זאָל זי בורטשען.

פֿריִער וואָלט מאַרוסקע גוט מורא געהאַט, עס וואָלט אויסגעגאַנגען צו איר. זי וואָלט שוין אַרײַנגעכאַפּט מיט אַ קאַטשלקע, צי מיט דער שוויגערס ביינערדיקע קולאַקעס.

— מאַם! — רופֿט זי — מאַם, הײַדאַ. קום עפּעס עסן.

קאָוואַליכע ענטפֿערט ניט. אויסגעבויגן אַזוי, אַז שמאַיע זאָל ניט פֿאַרשטעלן, קוקט זי אויך אַרויס. קיין הײַזער זעט מען ניט. צווישן די קופּעס גרוז, סטערטשען שוואַרצע קוימענס. עס ציִען זיך טונקעלע שטחים, פֿאַרברענט אויף זיי דאָס גראָז, ווי ניט לאַנג צוריק וואָלט מען דאָ פֿאַרלאָשן ס׳פֿײַער. אַ געדיכטער טומאַן ליגט גאָר נידעריק. מען זעט עמעצן בראָדזשען איבער די בערג

גרוז. ער פּאַרעט זיך בײַם אויפשטעלן אַ צאַם. מסתּמא איז דאָ אַ מאָל געווען זײַן באַלעבאַטישקייט.

— קום מאַם, מירן עסן!

— שוין? באַפאַלן דיך דער פרעס? — קאַוואַליבע קוקט אפילו ניט אין איר זײַט.

שנײַדט מאַרוסיע אָפּ אַ פּענעץ ברויט, נעמט אַ ציבעלע און קײַט.

עס איז איר גוט. זי פּאַרט דאָך צו איר מאַן. ער קען גוט די מאַמע זײַנע. ווייסט ווי ליב די אַלטע האָט זי. אמת איז, אַז ניט איין מאָל האָט זי שוין פון אים אויך געקריגן געשלאָגן. אָבער אַלץ צוליב זײַן מאַמען. שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך איבערגעבעטן, האָט עס אים אַליין פאַרדראָסן. איצטער וועט עס אָבער זײַן אַנדערש. — טרייסט זי זיך און האָט גאָר שטאַרק הנאה פון דעם ברויט מיט דער ציבעלע.

דאָס האַרץ קלאַפּט איר פאַר פרייד, וואָס מען קומט אַלץ נענטער צו פוילן. אויך זי הייבט שוין אָן צו דערקענען די געגנט. פון ווײַטן זעט זי דאָס שטעטל, וואָהין זי איז נאָך מיט איר טאַטן געפאָרן אויף אַ יאַריד. זי דערקענט די שפּיצן פון צערקווע. געווען איז עס שוין זייער לאַנג צוריק. אינגאַנצן צוועלף יאָר איז זי אַלט געווען. דער טאַטע איז געשטאָרבן און נאָך זײַן טויט איז זי אַנגעקומען דינען צו איר איצטיקער שוויגער אין האָרקע. אָט דערנענטערט מען זיך טאַקע צום דאָרף. מען זעט שוין דעם קופּאָל פון דער צערקווע. אין דער אַ צערקווע האָט זי גענומען „שלוב" מיט איר סטיאָפּקען. איצטער איז דאָ רוסלאַנד.

— איך קאָן אַ מאָל טרעפן אַ חברטע — טראַכט זי — ווי וואָלט איך געוואָלט זען איינע פון זיי און זאָגן, אַז איך פאַר קײַן „זאַגראַניצע", וועל לעבן ניט ווײַט פון וואַרשע, אַז מײַן מאַן איז אין אַרמיי. און מער גאָרניט.

פון אַ קלומיק באַקומט זי אַרויס אַ צעקנייטשט היטעלע, ציט עס מיט די הענט אויסצוגלײַכן, טוט אָן און פאַרבינדט בײַם האַלדז

מיט אַ בלויער סטענגע. ציט אויך אָפּ די בלוזקע אויף זיך. נעמט זינקעלען אויף די הענט און בלײַבט שטיין ווי פּאַר אַ שפּיגל.

דער לאַקאָמאָטיוו פּײַפּט. ציט אַלץ לאַנגזאַמער. עס ווערט אַ שטופּעניש צו דער טיר. איינער הייבט זיך איבערן אַנדערן, בעסער צו זען. אויך זי וויל צוגיין נענטער. מיט אַ מאָל טוט דער צוג זיך אַ טרײַסל.

— אַ ליכאַ! — שרײַט אויס מאַרוסיע — געקענט אַראָפּ־וואַרפן דאָס קינד!

די באַן שטייט שוין. מען דערהערט אַ קלאַפּ. דורכן פענצטערל זעט מען אַ קיילעלע אַרויספאַלן פון וואַגאַן. עס צעשיט זיך אויף ברעטלער. צווישן די ברעטלער צעוואַלגערן זיך ציבעלעס, פּולע טאַרבעלער, פאַרבונדענע מיט שטריקלער. אַ סלאָיִק איבערגע־קאָכטע פּוטער איז געבליבן שטיין גאַנץ. אויף די טרעפּלעך שטייט קאָוואַליכע און שלײַדערט אַרויס איר באַגאַזש: אַ מולטער, זינ־קעלעס קישעלע, אַ צעבויגענע שיסל, צוויי פאַרזשאַווערטע עמערס.

מיט טרערן בעט זי זיך, מען זאָל זיך אַזוי ניט שטופּן און איר לאָזן אַרויסנעמען דעם זאַק סוכאַרעס.

— מאַרוסקע! — רופט זי — וואָס שטייסטו ווי אַ „מאָלנאַ?" גיכער שפּרינג אַראָפּ!

מאַרוסקע באַנעמט ניט וואָס דאָ קומט פאָר. זעט גאָרניט. שטופּט זיך צו דער טיר און וווּנדערט זיך וואָס אַלע זענען אַזוי גוט צו איר. לאָזן פרײַ דעם וועג.

דערזען דעם באַגאַזש אין דרויסן, ווערט זי אינגאַנצן צע־חושט. הילפלאָז קוקט זי אויף צוריק. דער דורכגאַנג איז שוין פאַרשטעלט. אַלע קוקן נײַגעריק. קאָוואַליכע ציט זי בײַ דער קלייד.

— און וואַרשאַווע? ווו איז וואַרשאַווע? — שטוינט זי — ווו איז סטיאָפּקע?

— ער וועט קומען! — שרײַט קאָוואַליכע — נו, שטיי ניט!

— זי טוט אַ כאַפּ דאָס קינד פון אירע הענט — ריר זיך, די באַן גייט אָפּ!

מאַרוסקע טוט אַ שפּרונג נאָכן קינד. קאָוואַליכע קוקט זיך אַפילו ניט אום אויף איר. זי זעצט אַוועק זינקעלען אויף דער ערד און קלײַבט אין איילעניש איר האָב און גוטס. אין אַפּלויפּנדיקן צוג, זעט מען זיי דורכן שפּאַלט פון דער צעבראָכענער טיר און דורכן קליינעם פענצטערל. קאָוואַליכע שפּאַנט אַריבערגעוואָרפן דעם גרויסן פּאַק אויף די פּלייצעס. מיט דער אַנדערער האַנט שלעפּט זי נאָך זיך דעם זאַק סוכאַרעס, וואָס שאַרט זיך אויף דער ערד. מאַרוסיע, מיט זינקעלען אויף די הענט, אונטערן אָרעם דאָס היי־שעניקל, גייט איר נאָך.

דורך די פעלדער אײַלן זיי צו זייער דאָרף „האָרקע".

מאַרוסקע טוט זיך אַ דריי אויף צוריק, אַ ווײַלע שטייט זי, קוקט צום אָפּגייענדיקן עשאַלאָן און באַלד פאַרדרייען זיי הינטער די שיטערע ביימלעך.

— זיי זענען אַוועק צו זיך אַהיים. — זאָגט שמאַיע טרויעריק. פילט ניט ווי לאַנג ער שאָקלט, אַ פאַרצערטער, דעם קאָפּ און גאָר שטיל חזרט ער איבער — זיי גייען צו זיך... צו זיך אַהיים...

23

זעכצן יאָר איז בראָניע אַלט געווען, בעתן פאַרלאָזן וואַרשע. איבער דער שטאָט זענען שוין געפאַלן באָמבעס. זי איז אַרויס פון דער היים און זיך געלאָזט לויפן דורך פלאַמען און רויך.

איצטער, אין וועג צוריק אַהיים, טוליעט זי זיך צו בלומען. אָפט זיצן זיי ביידע צוזאַמען.

— מײַן מאַמעשי, מײַן טאַטעשי... די קליינע קינדער — רעדט בראָניע שטיל, ווי פאַר זיך אַליין — אַלע זענען געבליבן דאָרטן. איז צו וואָס בין איך געלאָפן? זיך געראַטעוועט... ניט געווען צוזאַמען מיט זיי אין זייער פּײַן... — איר קול גייט אויס. זי שלינגט די טרערן.

— פּײַניק זיך ניט, בראָניע. — האָסט דאָך געטאָן זייער ווילן. זאָגסט דאָך אַליין אַז דײַן טאַטע האָט דיר באַפוילן צו לויפן. זיי האָבן אַזוי געוואָלט זאָלסט בלײַבן לעבן.

אויך בלומע האַקט אָפּ.

ביידע שווײַגן.

— זונעלע מײַנס, סאַשינקע — דערגייט צו זיי בוראַקאָוועס קלאָגן — איך פאָר אַוועק און לאָז דיך דאָ איבער, מײַן גאָלד. ווו? וואַהין האָבן דיך די וואַסערן פאַרטראָגן?

זי כליפּעט לאַנג און הייבט אָן פון אָנהייב. יעדעס מאָל אַזוי.

— די דײַטשן זענען שוין געשטאַנען נאָענט פון דאָרף. איז מײַן סאַשינקע מיט נאָך בחורים געלאָפן איבער דער גרענעץ. געוואָלט צושטיין צו דער אַרמיי. ער איז נאָך גאָר יונג געווען. און שיין, הויך געוואַקסן. אַ מאַן. פאַרן אַריבערגיין אויף דער אַנדערער זײַט, פאַרשיקט אים אין אַ לאַגער פון קאָמי, נאָך פון דאָרטן אַ בריוו באַקומען. בײַ דער אַרבעט, בעתן אַריבערפירן

קלעצער אויפן טײַך ווים, אַרײַנגעפֿאַלן אין וואַסער. דערטרונקען מײַן סאַשינקע, דערטרונקען.

דורכן פענצטערל זעט מען אַלץ זעלטענער איבערבלײַבעכצן פון שניי. אַט פאַרט מען פאַרבײַ אַ פאַרסמאַליעטן וואַלד. נעבן אים אַ חרובער פּאַלאַץ. שוואַרצע, הויכע קוימענס סטערטשען צווישן קופּעס גרוז.

סטיאָפּע זאָגט, אַז לויט דער צײַט וואָס מען שלעפּט זיך אין וועג, דאַרפן מיר שוין זײַן אויף ווײַסרוסישער ערד.

— זענען מיר שוין אפשר בײַ מינסק? זייער אַ שיינע שטאָט מינסק. איך בין דאָרטן קיין מאָל ניט געווען.

— בײַ מינסק? איז דאָך דאָס ניט ווײַט פון אונדז — טוט עס זײַן ווײַב אַ הייב פון אָרט. — איך זאָג דיר נאָך אַ מאָל, אַז די היים וועל איך ניט פאַרבײַפאָרן ווי דו מיינסט. איך וועל אַראָפּשפּרינגען, אָדער מײַן האַרץ וועט צעשפּרונגען ווערן. איך דאַרף ניט וואַרשאַווע און וואַרשאַווע דאַרף ניט מיך. צו וואָס פאָרן אַהין — פרעגט זי שוין אַלעמען אַרום איר.

ניט דאָס ערשטע מאָל אַז זי פרעגט. דעם גאַנצן וועג קריגט זי זיך מיטן מאַן.

— איך וועל אַראָפּשפּרינגען פון דער באַן און אַוועקגיין אַהיים!

— אַ בהמה אַ באַבע — רופט ער זיך אָן. רעדט צעצויגן און לאַנגזאַם. קוקט ניט אין איר זײַט. — ווער האָט דיר געזאָגט, ווײַב נאַרישע, אַז מיר פאָרן קײַן וואַרשאַווע? אַ פּלוידערזאַק. די היים? געוויס בענקט דאָס האַרץ. איז זי דאָך ניט געמאַכט פון פּאַקולע. נו, ביסטו דאָך געווען אין דער היים. איז דיר איין מינוט געקומען אין זינען אַוועקצופאָרן? געקריגן איבערן קאָפּ און גאָרניט קליגער געוואָרן. פאַרשלעפּט דיך צו אַלדע שוואַרצע יאָר. ביסטו דאָרטן געשפּרונגען? זאָג, נאַרישע גאַנדז, ביסט געשפּרונגען?

— דער נאַטשאַלניק זאָגט, מיר פאָרן קײַן וורעצלאַוו — דערהערט מען וואַסיעס קול.

אַלע ווערן שטיל, ווען ער רעדט. דאָס ווייסט ער פון אַלע נײַסן און ברענגט זיי באַלד.

איבערן וואַגאָן צעטראָגט זיך אַ פּליסטערן:

— זיי זוכן.

— גאָר נאָענט זענען מיר.

— זיי נעמען צו.

— וואָס ?

— גאָלד. זיי זוכן גאָלד.

די שושקערײַ דערגייט אויך צו בלומען מיט בראָניען. זיי דערהערן אין וואָס עס גייט און רעדן ווײַטער דאָס זייעריקע.

— פּאָר מיט אונדז, בראָניע. דערנאָך וועסטו זען וואָס צו טאָן. צו וואָס ווילסטו גלײַך לויפן קײַן וואַרשע ? צו וועמען ?

— איך ווייס ניט.

צוויי זעלנער פון דער גרענעצוואַך פאַרהאַלטן זיך לעבן זיי.

— גאָלד האָט איר ?

— ניין. ענטפערן זיי נאָכלעסיק.

איין זעלנער גייט ווײַטער מיט דער זעלבער פראַגע. דער צווייטער טרעט ניט אָפּ.

— איר האָט ניט ? — שפּאָט ער און ווײַזט מיטן פינגער אויף בראָניעס האַלדז — און וואָס איז דאָס ?

בראָניע ווערט בלייך. טוט אַ פיר איר האַנט אויפן האַלדז.

— דאָס איז דין, נאָר אַ דין קייטעלע. איך בין אַלט געוואָרן צוועלף יאָר, עס באַקומען אַ מתנה פון מײַנע עלטערן. פון יענעם טאָג אָן עס קיין מאָל ניט אַראָפּגענומען פון האַלדז.

— וועסטו עס איצטער אַראָפּנעמען.

— איך פיל ניט אַז איך טראָג עס, ווי איך געדענק ניט די הויט אויף מײַן לײַב .קוק ווי דין דאָס איז.

— וועסט עס אַראָפּנעמען, וועל איך זען.

— זעלנער, ווי גאָלד האָט עס קיין ווערט ניט — פאַרלויפן בראָניעס אויגן מיט טרערן — מײַנע עלטערן האָבן די דײַטשן אומגעבראַכט. מיט אירע הענט האָט מײַן מאַמעלע עס אָנגעטאָן

אויף מײַן האַלדז. איך האָב געחלשט פֿאַר הונגער און עס ניט פֿאַרקויפֿט. צוויי קילאָ ברויט האָב איך געקאָנט קריגן דערפֿאַר. דאָס איז דאָס איינציקע וואָס עס איז מיר געבליבן פֿון אַלץ און אַלעמען. קוק ווי דין דאָס איז.

— וועסט אויסטאָן וועל איך שוין זען. מיט דעם קענסטו ניט אָװעקפֿאָרן.

—זעלנער, דו האָסט דאָך אויך אַ מאַמען — רופֿט זיך אָן בלומע — פֿאַרשטיי ווי טײַער דאָס איז איר.

זײַן אויבערשטע ליפּ טוט אַ ציטער. עס געדויערט אַן אויגנבליק. ער טוט אַ קוק אויף די וואָס זיצן אַרום און הייבט אָן מיט די אויגן זוכן דעם זעלנער, וואָס איז פֿאַר אים. יענער איז שוין ווײַט.

— אײַל זיך. באַפֿעל איז באַפֿעל. האָסט פֿאַרשטאַנען?

מיט ציטערנדיקע הענט נעמט בראָניע אַראָפּ דאָס קייטעלע פֿון האַלדז. זי לייגט עס צו די ליפּן, באַגיסט זיך מיט טרערן. ער נעמט עס בײַ איר, וואַרפֿט אַרײַן צו זיך אין קעשענע און גייט ווײַטער.

בראָניע שטאַרקט זיך ניט צו וויינען. בלײַבט זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— פֿאַרגעס עס בראָניע, טײַערע. פֿאַרגעס. — בלומע וויל נאָך עפּעס זאָגן און געפֿינט ניט דאָס וואָרט.

— ניין בלומע, עס איז ניט צו פֿאַרגעסן. דאָס קייטעלע... אַ נאַכט האָב איך געהאַט. זיך געוואָרפֿן אויפֿן געלעגער. ניט געקענט אײַנשלאָפֿן. אויך יענע נאַכט וועל איך קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן. אָט זע איך זיך לויפֿן אויף אַ שמאָלן וועג, בײַם ראַנד פֿון אַ תהום. עס איז שטאָק פֿינצטער. פּלוצלינג דערפֿיל איך דאָס קייטעלע האָט זיך אַ באַוועג געטאָן אויף מײַן האַלדז. אַ ווייטיק דריקט עס צו פֿאַרלירן. וויל איך זיך אײַנבייגן אַ קוק טאָן און קאָן ניט. יאָג פֿאָרויס. כ׳ווייס, איך דאַרף לויפֿן צוריק, איז קײַן צוריק ניטאָ. פּלוצלינג דערזע איך, צווישן מיר און דעם תהום, בלישטשעט עפּעס אין דער פֿינצטער. מײַן קייטעלע. באַנאַנד מיט מיר שאַרט עס זיך פֿאָרויס. דער וועג פֿאַר אונדז איז נאָך ווײַט, אומהיימלעך ווײַט. איך אָטעם שווער. לויף און קאָן זיך ניט אָפּשטעלן. און

דאָס קייטעלע ווי אַ דין גאָלדן ווערעמל, שלענגלט ביי מיין זייט. ענדלער פאַל איך צו צו אַ וואַנט. די וואַנט האָב איך שוין אַ מאָל געזען. אָבער זי שרעקט מיך. מאַכט מיך ציטערן. איך וואַרף זיך, קרעכץ און האַרט נעבן מיר, מיט דער האַנט אַנצורירן, דערזע איך מיין מאַמען. אַ ריזיק גרויסע שטייט זי. ניט־דאַיק, שטייף, אומבאַוועגלעך. „מאַמע! מאַמע!" איך רייב זיך די אויגן און קוק דערשיטערט אויפן פוסטן אָרט, נעבן מיין בעט, ווו מיין מאַמע איז נאָר וואָס געשטאַנען.

האָט מען עס אין יענעם מאָמענט זי געפירט אין קרעמאַ־טאָריע? האָבן עס צעהיצטע פינצטערע מחשבות, ווי שווערע וואָלקנס זיך צוזאַמענגעשטויסן און פון זיי האָט אויפגעבליצט מיין מאַמע?

אין וואַגאָן אַ געשפאַנטקייט. דער רעש איז גרויס. און איבער אַלעם הערט מען איבערחזרן:

— גיט אַוועק דאָס גאָלד וואָס איר האָט! גיט אַוועק דאָס גאָלד!

דער צוג גייט לאַנגזאַמער. ביז ער בלייבט שטיין. דער עולם ווערט אומרויִקער. מען שטופט זיך צו דער טיר. צום קליינעם פענצטערל.

— זיי גייען!

— ווו?

— קוקט אַהין. אָט יענע צוויי זענען פוילישע זעלנער!

עס צעטראָגט זיך אַ סיגנאַל. אין דער שטופעניש איז שוין אויך בלומע און בראָניע צווישן עולם. איינער פון די רוסישע זעלנער יאָגט פאַרביי. נאָך אים דער צווייטער. ער קוקט זיך אַרום און ווי ער זאָל בראָניען אינגאַנצן ניט זען, געפינט ער איר האַנט, לייגט אַריין דאָס קייטעלע און איילט צו דער טיר.

איבערראַשט, צעטומלט קוקט זי אים נאָך.

ביז ער שפרינגט אַראָפּ פון די טרעפּלעך, הערט מען אים זידלען אויפן רוסישן אופן: גאָלד, גאָלדס מאַמען און אַלע הינטישע זין...

דער צוג טוט זיך אַ טרייסל, אַ שטופּ אויף צוריק. לאַנגזאַם רירט ער פון אָרט. מען פאָרט אויף פוילישער ערד.

24

נאַכט. אין וואַגאָן איז אַ געדיכטע פינצטערניש. פון צײַט צו צײַט הערט מען אַ פײַף פון לאָקאָמאָטיוו. דער צוג איז קאָנטיק פאַרבײַ אַ סטאַנציע. ער שטעלט זיך אָבער ניט אָפּ. עס איז שטיל. ווער עס שלאָפט, ווער עס וואַרפט זיך אויפן געלעגער. מיט אַ מאָל דערהערט מען אַ געוויין.

— מאַמע — קלאָגט די משוגענע גאָלדע — איך וויל ניט קײַן וראַצלאַוו. איך וויל אַהיים, קיין מייטשעט.

— זיי שטיל, גאָלדע, אַלע שלאָפן.

— זיי זאָגן, מיר פאָרן קײַן וראַצלאַוו. ווו איז וראַצלאַוו, האַ? איך וויל ניט זײַן דאָרטן. איך וויל צו אונדז, קײַן מייטשעט.

— שטיל זאָל זײַן, גאָלדע — שרײַט בער אָן אויף איר. פאַר אים האָט זי מורא.

— מאַמע — שעפּטשעט זי — מיר דאַרפן זײַן אין דער היים. אויפן פּריפּעטשאָק זיצט די קאַץ, אַ הונגעריקע. עס איז אַ צער בעלי־חיים. וועסט ערגער מאַכן. זי וועט אויפעסן די פיש.

— וועק ניט קיינעם, גאָלדע, מירן טאָן ווי דו ווילסט. געדענק זיי וועלן ווערן בייז און אונדז שלעכטס טאָן.

דורכן פאַרקראַטעטן פענצטערל, פאַלט שוין גרויע ליכט. די פינצטערניש אין וואַגאָן, ווערט שיטערער. אַלע ליגן נאָך. איין גאָלדע שטייט. מאָדנע הויך זעט זי אויס. די האָר צעשויבערט, די קליידער אויף איר צעקנייטשט. זי קוקט זיך אַרום מיט צעגלאָצטע אויגן, דרייט דעם קאָפּ אין איין זײַט, אין אַנדערן. זעט אויס ווי אַ געשפּענסט.

— לייג זיך טאָכטער — בעט זיך ביי איר שמאַיע — עס איז נאָך פרי. — אַלע שלאָפן. מיר וועלן פאָרן קײַן מייטשעט.

ווי יעדן טאָג, שטייט שמאָיע ביַי דער טיר. קוקט צום דרויסן.

— דאָ איז געווען דייטשלאַנד.

בער שטעלט זיך צו ביַי זיַין זיַיט. אויך ער קוקט דורך דער שפּאַרע, וואָס בליַיבט אָפן בעתן פאַרהאַקן די טירן.

— מיר זענען שוין אין פּוילן. ווי נאָר עס איז אַדורך די גרענעץ־פּאָליציי, זענען מיר אַרויף אויף פּוילישער ערד.

— פּוילן... און וואָס וויַיטער? מען וועט דאַרפן פאָרן קיין לאָדזש. און דאָרטן... די קברים שוין געוויס פאַרוואַקסן. רעכט עס איז שוין צעאַקערט די ערד אויף זיי.

דער צוג שלעפּט זיך. שוין צוויי מאָל זיך אָפּגעשטעלט אין וועג. עס איז נאָך האַלבן טאָג. אַ קליינע זון באַוויַיזט זיך איבערן וואַלד און ווערט פאַרפּאַלן צווישן די ביימער.

ווידער שטייט דער צוג. אין דרויסן איז אַ טומל. מען הערט שריַיען אויפן פּעראָן.

עמעץ וויינט! אַ בהלה. מען שפּרינגט פון וואַגאָן.

— לויף ניט, בלומע, וואַרט אויף מיר שריַיט בער. זי אָבער איז שוין אונטן.

בער איז אויפגערעגט. אין איַילעניש געפינט ער ניט זיַין שטעקן. אַ פּאָר טעג נאָר ווי ער האָט אים אויסגעשניצט פון אַן אָפּגעבראָכענער צוויַיג. ענדלעך אים געפונען.

דער וואַגאָן איז שוין כּמעט ליידיק. האַלטנדיק זיך פּאָר די הענט זענען שוין אויך אַראָפּ גאָלדע מיט איר מאַמען. די פרוי האַלינע פאַרעט זיך ביַי איר סונדוק. זי וויל אים פאַרשליסן, האָט זיך פאַרהאַקט דער שלאָס.

— וואָס קומט דאָרטן פאָר? — פרעגט זי טשעקיַיסקין.

ער איינער ליגט רויִק אויפן געלעגער. רירט זיך ניט פון אָרט.

— עס איז גאָרניט. אַ זשידווע האָט זיך צעשריִען, ווי מען זאָל זי קוילענען.

— וואָס האָסטו געזאָגט? — שטעלט זיך בער אַריַין צוריק, שוין פון אונטערשטן טרעפּל. — פון וואַנען ווייסטו וואָס דאָרטן איז? ביסטו דאָך דאָ?

— איך ווייס ניט. איך זאָג גאָרניט. — איז טשעקײַסקי דערשראָקן פאַרן אויפגעהויבענעם שטעקן — פאַרשטייסט ניט קיין פויליש? איך זאָג עמעץ שרײַט דאָרטן.

דער רעש אויפן פעראָן שטאַרקט זיך. בער טוט אים אַ וואָרן מיטן שטעקן און לויפט אַראָפּ.

— אַן אמת משוגעים־הויז איז דער וואַגאָן. איך בין אויף פוילישער ערד — רעדט ער שוין העלדיש צו האַלינען, וואָס האָט ענדלעך פאַרשלאָסן איר סונדוק און פאַרנעמט זיך אַראָפּצוגיין — איך בין בײַ זיך אין דער היים, צי ניין?

אויפן פעראָן אַ פּאַניק.

— ניטאָ אים, טײַערינקע. זיי וועלן אים דערהרגענען. — פאַרגייט זיך די פרוי פײַנער אין געוויין.

— ווער איז אַרויף? פון וואַנען זענען זיי?

— אַנטיסעמיטן פאַרן אין עשאַלאָן!

— וועמען האָט מען אַראָפּגעשלעפּט? — לויפט מען אַהער פון די ווײַטערדיקע וואַגאָנען.

— מיט רעוואָלווערן אין די הענט געקומען. גלײַך צו פײַנערן צוגעגאַנגען.

— ווער האָט זיי געעפנט? ווי זענען זיי אַרײַן?

— צום וואַלד זענען זיי אַנטלאָפן. ראַטעוועט! גוטע מענטשן ראַטעוועט אים! העשעט די פרוי פײַנער.

— מען דאַרף גיין צו דער פּאָליציי. מסתּמא איז דאָ ניט ווײַט אַ קאָמיסאַריאַט.

עטלעכע ייִדן פאַרנעמען זיך צום וואַלד.

— וואָס איז דער שׂכל צו גיין אַהין? — פרעגט שמאַיע — זיי זענען דאָך מיט געווער. לויפן דעם וואָלף אין פּיסק אַרײַן?

— אָט גייען זיי שוין פון דער פּאָליציי! נו?

— זיי ווייסן ניט. זיי האָבן פאַרשריבן.

— די באַן רירט!

— ראַטעוועט מענטשן! ראַטעוועט! — טוט זיך די פרוי פײַנער אַ וואָרף אויף דער ערד.

— באַנדעס קורסירן אין די וועלדער — פאַרענדיקט נאָך עמעץ צו דערציילן.

— אַלע אין צוג אַרײַן! דער עשאַלאָן רירט!

— מיר גייען ניט! — שרײַט בער — קיינער גייט ניט אין צוג! — ער לויפט מיטן אויפגעהויבענעם שטעקן פאַר די אָפענע וואַגאָנען — איך וואָרן. ממיתן וועל איך! דאָ וואַרטן מיר, ביז פײַנער וועט זײַן מיט אונדז!

קינדער וויינען הויך. קולות שרײַען זיך איבער. טשעקײַסקי ווײַזט זיך אין דער אָפענער טיר פון וואַגאָן. לאַנגזאַם גייט ער אַראָפּ די טרעפּלעך.

— מען דאַרף זיך ווענדן צו דער מאַכט — רעדט ער ווירדיק.

— איך בין גרייט זיך צו באַמיִען.

— זיי ווייסן ניט — וויינט די פרוי פײַנער — זיי זאָגן אַז זיי ווייסן ניט!

— מען דאַרף קאָנען בעטן. וויסן ווי צו רעדן — לערנט ער גרויסמוטיק — אָבער ווי קאָן מען אַזוי שרײַען? רעדט רויִק, נאָר רויִק. — ער לאָזט זיך אין דער ריכטונג צו דער פּאָליציי.

דער לאָקאָמאָטיוו פײַפט.

— מיר פאָרן ניט! קיינער גייט ניט אין די וואַגאָנען!

— זעט נאָר, קוקט אַהין! עמעץ קומט!

— דאָרטן גייט דאָך טשעקײַסקי!

— יאָ. אָבער אַ ביסל ווײַטער, הינטער אים!

— ער לויפט אַהער!

— דאָס איז פײַנער! — פײַנער איז דאָ!

אַ ווײַסער ווי קאַלך, אַ פאַרסאָפּעטער לויפט ער גלײַך אין וואַגאָן אַרײַן. אַלע שפּרינגען נאָך אים. עס געדויערט מינוטן און דער עשאַלאָן רירט פון אָרט.

— עס ווערט שוין נאַכט — זאָגט עמעץ אומרויִק.

— ווײ, ווײ, וואָהין פאָרן מיר? — וויינט די פרוי ראָזנפעלד

— וואָס וועט עס זײַן?

— עס קלעקט, רבונו של עולם. עס קלעקט פאַר יעדערן

באַזונדער און פֿאַר אַלע צוזאַמען — קרעכצט גאָלדעס מאַמע.

שמאַיע שטייט שוין ניט בײַ דער טיר. עס האַקן זיך אים אונטער די פֿיס. ער ליגט אײַנגעקורטשעט. דעם קאָפּ אויף זײַן קעסטל, קוקט שטאַר פֿאַר זיך.

בער פּאָרעט זיך בײַ זײַן באַגאַזש און סאָפּעט שווער. איז אין כּעס אויף זיך אַליין. בשום אופֿן קאָן ער זיך ניט דערמאָנען, ווו ער האָט בעתן פֿאַרפּאַקן די זאַכן, אַרײַנגעלייגט די האַק. ענדלעך זי דערטאַפּט און אַרויסבאַקומען. ער רוקט צו זײַן היל־צערן קעסטל צו דער טיר און זעצט זיך אויף אים. דורך דער אָפֿענער שפּאַרונע פֿון דער צעבראָכענער טיר, בלאָזט דער ווינט שמײַסט אין פּנים. עס ווערט קיל.

די ביימער, בײַם ראַנד פֿון וואַלד לויפֿן צוריק אין איין פֿינצטערער מאַסע. דער ווינט פֿון דרויסן פֿאַרטרײַבט דעם שלאָף.

— טאַטע, וואָס טוסטו דאָרטן. לייג זיך אָפּרוען נאָך אַזאַ טאָג. ווילסט נאָך ניט שלאָפֿן?

— שלאָף, טאָכטער. איך וועל דרעמלען דאָ.

— נאָר זיי רעדן. לאָזן זיך ניט אָפּרוען. קיין שלאָף נעמט זיי ניט.

— אָן אמת משוגעים־הויז איז דער וואַגאָן. הערט מען טשעקײַסקיס קול. ער פֿילט זיך חשוב.

— נאָך צײַט זיך אויסצושלאָפֿן! איך, טאָכטער, וועל די נאַכט זיצן בײַ דער טיר. היטן אַז קיינער זאָל אַהער ניט אַרײַנקו־מען. זאָל נאָר ווער פּרוּוון עפֿענען די טיר פֿאַר די באַנדיטן.

עס ווערט שטיל. דער צוג קלאַפּט אין גאַנג. דער רויך שפּאַרט אין געדיכטע קנוילן. זיי צעגייען אין דער לופֿטן.

אין דרויסן שאַריעט שוין, בער זיצט נאָך אַלץ בײַ דער טיר.

עס איז נאָך פֿינצטער. פֿון צײַט צו צײַט טוט ער אַ טאַפּ אָן די האַק וואָס ליגט דערנעבן.

בלומע גייט שטיל אַראָפּ פֿון איר געלעגער. אויסגעהיט קיינעם ניט אָנצוטרעטן, שאַרט זי זיך צו צום טאַטן. לאָזט זיך אַראָפּ, און בלײַבט זיצן נעבן אים.

זיי וואַרטן עס זאָל אויפֿגיין די זון. עס זאָל ווערן ליכטיק.

25

— „מיר זענען אין ווראָצלאַוו!" — שרײַט מען זיך איבער פֿון וואַגאָן צו וואַגאָן.

ייִדן, שוין פֿריִער געבראַכטע אַהער, דרייען זיך פֿאַרחושכטע אויפֿן פּעראָן. האָפֿן צו טרעפֿן אַ באַקאַנטן, אפֿשר אַן אייגענעם. און אַז עס געשעט ניט, איז גוט דער, וועמען מען טרעפֿט. מיט יעדן ייִד איז דאָ פֿון וואָס צו רעדן, וואָס צו פֿרעגן. אָדער אַליין עפּעס צו דערציילן.

טייל פֿון די משפּחות בלײַבן היטן די באַגאַזשן אין דרויסן. אַנדערע לאָזן זיך גיין צו דער שטאָט. זען וווּאַהין האָט מען זיי פֿאַרשלעפּט. צוגעקומען פֿאַר די צעשטערטע הײַזער. צו די בערג גרוז, שטעלן זיך בער מיט שמאָיען אָפּ. פֿאַרנעמען זיך צוריק. בלומע גייט ווײַטער. שלעפּט זיך צווישן די חורבות. אַ סך שפּעטער קומט זי צוריק, מיד און דערשלאָגן.

שווײַגנדיק וואַרטן זיי אויפֿן ערשטן צוג, וואָס וועט גיין קײַן לאָדזש. ווילן זײַן וואָס ווײַטער פֿון דער דײַטשישער שטאָט, מיט די ריין פֿאַרקערטע גאַסן, צווישן די אָפּגעריסענע, סטערטשנדיקע ווענט.

אין לאָדזש, אין ייִדישן קאָמיטעט, טרעפֿט בער באַקאַנטע. דורך זיי טאַקע קריגט ער אַ דירה. ער און בלומע ווילן אַז שמאָיע זאָל גיין וווינען מיט זיי.

— מיר וועלן נאָך זען — איז שמאָיע ניט דרײַסט זיי אָפּצו־זאָגן — און פֿון זײַנע טיף אײַנגעגראָבענע אויגן קוקט אַרויס צער, זײַן צעבראָכן געמיט.

— וואָס איז דאָ צו זען? — דערווידערט אים בער. די דירה

איז אַ גרויסע, אַ צו גרויסע. עס איז דאָ אָרט פאַר אַלע און דו וועסט ניט זײַן אַליין.

— איך מיין צו גיין אין דער בורסע. אַ סך איינזאַמע טוען אַזוי. זיי גיבן מיר דאָרטן אַ צימער. שפּעטער? איך ווייס? וועט זיך אפשר עמעצער פון מײַנע אָפּגעפינען. וואָס קאָן מען וויסן? אפשר? צו אײַך וועל איך קומען. מיר וועלן זיך זען. וואוהין דען וועל איך גיין?

אין צימער, אויף דער בורסע, קאָן שמאַיע ניט אײַנזיצן, גייט אָפּט אַראָפּ אין אַלגעמיינעם זאַל. כאָטש ס'רוב זעט מען דאָרטן נאָר יונגע מענטשן. שמאַיע האָט זיך צוגעאייגנט אַ ווינקל, ווו ער זיצט שטענדיק. קוקט אויף אַלע און שווײַגט.

— איר זענט שוין הײַנט ווידער געפאָרן? נו? און ווען וועט איר שוין אויפהערן?

דאָס פרעגט אַ הויכער בחור, אין אַ לאַנגן שינעל. רעדט מיט אַ טיף־פּוילישן אַקצענט.

שמאַיע קוקט אויף אים און פירט איבער זײַן בליק צום אַנדערן ווינקל פון וואַנען עס ענטפערט אַ פרוי.

— דער סטרוזש זאָגט אַז ער ווייסט ניט. יעדן טאָג ענטפערט ער מיר דאָס זעלבע.

דער בחור קוקט זי אָן ווי עמעצן, וואָס האָט פאַרלאָרן דעם שׂכל, טוט אַ מאַך מיט דער האַנט און זאָגט מער גאָרניט.

זי זיצט אַ צונויפגעדרייטע, אין אַן אָפּגעטראָגענעם מאַנטל, ווי זי וואָלט נאָר וואָס געקומען פון וועג.

— ער ווייסט ניט — רעדט זי שוין צו קיינעם ניט — ווער דען זאָל וויסן?

— איר יידיש איז אַ ליטווישער.

זי שטאַמט פון אונדזערע מקומות, טוט שמאַיע אַ טראַכט.

מיט דער צײַט, ווייסט ער שוין, אַז די פרוי הייסט חנה. געקומען איז זי וווינען אויף דער בורסע, גלײַך פון אָשוויענטשים.

פאַרנאַכטלער גייט שמאַיע אַראָפּ, ווייל עפּעס קויפן אין נאָענטן געוועלבל. ער באַגעגנט חנהן. אַ מידע שלעפּט זי זיך אַרויף די טרעפּ. אירע גרויע האָר צעשויבערט. אויף איר האַנט באַמערקט ער דעם לאַגער־נומער. און כאָטש זי איז שוין אינגאַנצן גרוי, זעט ער איצטער, אַז זי איז נאָך גאָר אַ יונגע. און ער האָט געמיינט, אַז אויך זי איז אַן עלטער מענטש.

ער פאַרהאַלט זי. פרעגט פון וואַנען די שטאַמט.

— נאָך איַיער אויסשפּראַך זע איך, אַז איר זענט פון אונדזערע מקומות, טראַכט איך, אפשר האָט איר באַגעגנט עמעצן פון אונדזערע קאַנטן.

חנה קוקט אים אָן. עפנט דאָס מויל און זאָגט גאָרניט. שפּאַרט זיך אָן אָן דער פּאַרענטשע.

— איך שטאַם טאַקע פון ווײַס־רוסלאַנד — צווינגט זי זיך צו ענטפערן — אָבער לאַנג געלעבט אין וואַרשע. שפּעטער — אַשוויענטשים. פון אונדזערע שטעטלער קיינעם ניט געטראָפן. אויך אַלע מײַנע זענען דאָרטן אומגעקומען.

פון דעמאָלט אָן, פילט שמאַיע חנהן ווי אַ היימישע. עס פאַרדריסט אים אויפן בחור, וואָס קוקט אויף איר ווי אויף אַ צעטומלטער. ביז ער דערזעט אויך, אַז עפּעס איז זי אַ מאָדנער מענטש. ווען נאָר ער באַגעגנט זי, קומט זי פון ערגעץ. פון וואַרשע, פון אָטוואָצק, פון אַן אַנדער שטעטל דערנעבן.

— וואָס איז דאָס לויפן מיט די באַנען? — טוט ער איר איין מאָל אַ פרעג.

זי קוקט אים אָן טרויעריק, ענטפערט גאָר ניט און פאַרנעמט זיך אַרויף מיט די טרעפּ. פּלוצלונג שטעלט זי זיך אָפּ. — הײַנט האָב איך זי געזען. איך האָב געזען מײַן מיידעלע. וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר. איך האָב געזען מײַן טעכטערל — צעכליפּעט זי זיך.

— באַרויִקט זיך, חנה, — גייט שוין שמאַיע צוריק — וואָס קאָן מען טאָן?... — איז ער פאַרלוירן — מען מוז דאָך לעבן.

איצט פאַרשטייט ער איר איַינרעדעניש. פירט זי אַרויף צו

איר אין צימער, ברענגט אַ טשײַניקל טיי פון קעסל. ווען ער זעט זי אַ ביסל באַרויִקט, גייט ער אַוועק.

פון יענעם טאָג אָן באַגעגנט ער אַלץ זעלטענער זײַן לאַנדס־מאַנקע. ביז זי איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. מען זאָגט, אַז זי האָט טאַקע געפונען איר טעכטערל.

— אויך דאָס קאָן געשען — טראַכט ער.

פאַרטאָג, פריִער פון אַלע, הייבט זיך שמאַיע אויף פון גע־לעגער. עס שלאָפט זיך ניט. אין די נעכט:

— וואָס טו איך דאָ, אויף דער וועלט? — האָט ער צו זיך טענות — איז דאָך קיינער פון מײַנע ניט געבליבן. ראַשע איז געוועזן מיט די קינדער. געפילט די מיתה משונה פונקט ווי זיי. און איך? גאָרניט... איך לעב, עס, שלאָף. כאָטש באַגראָב זיך לע־בעדיקערהייט.

אויף זאַבאָדניע־גאַס, איז דאָ אַ בית־מדרש. גייט ער דאָרטן אַהין. ער דאַוונט ניט. איז ברוגז אויף גאָט. האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און האָט ניט מער וואָס צו בעטן. אים ציט אָבער צו זײַן מיט די ייִדן. זיי דאַווענען, שטעלט ער זיך אַרײַן צווישן זיי. שטייט אַ שווײַגנדיקער מיט אַ שטאַרן בליק. פּלוצלינג צעשאָקלט ער זיך ווי איבער אַ בר־מינן. פילט אַז דער אומגליק צעשפּאַרט אים. ער טוט אַ קרעכץ פון ווייטיק. בײַט דאָס אָרט. אָבער אויך דאָ קאָן ער ניט אײַנשטיין און עס יאָגט אים אַרויס אין דרויסן.

ווי אַ לונאַטיקער, דעם קאָפּ פאַרריסן, ווי אָנגעשפּיצט צו קולות וואָס קומען פון ערגעץ, שפּאַנט ער גאַס־אײַן, גאַס־אויס. און ווידער איז ער אויף פראַנצישקאַנער, בײַ די חורבות.

אַרויפגיין אויף זיי וויל ער ניט, ווי מען טרעט ניט אויף קײַן קבר. שטייט ער דערנעבן און קוקט צו דעם וויסטן חורבן. אָט קאָן ער ניט אָפּרײַסן זײַן בליק פון אַ צעבראָכענער וואַש־שיסל, וואָס ליגט האַלב אײַנגעגראָבן אין גרוז. אים דאַכט זיך, אַז די שיסל קוקט גאָר אויף אים. מיט לעכער, ווי מיט אויסגערונענע אויגן, שמידט זי אים צו צו זיך. דערציילט פון אַ מאַמען, וואָס האָט איר קינד צום לעצטן מאָל געוואַשן אַזוי ווי זײַן ראַשע... די טאָכטער...

אַזוי שטייט ער און רעכנט אויס אַלע, אַלע. דערמאָנט זיי ביַי די נעמען. ווייל קיינעם ניט אַדורכלאָזן. לאַנג באַוועגן זיך זײַנע ליפּן. הייבט ווידער אָן פון אָנהייב. ביז ער טוט זיך אַ ריס פון אָרט און גייט אַוועק. שפּאַנט לאַנגזאַם איבער פרעמדע, שמאָלע גאַסן ביז ער פאַרהאַלט זיך ווידער ביַי דעם אַריַינגאַנג פון ייִדישן קאָמיטעט.

אַנומלטן האָט אַ ייִד אין בית־מדרש דערציילט, וועגן אַ פרוי וואָס האָט זיך געראַטעוועט אין וואַלד. איינע אַליין געבליבן פון איר גאַנצער משפּחה. ערשט ניט לאַנג, שוין אין לאָדזש, אויף די טרעפּ פון ייִדישן קאָמיטעט, האָט זי פלוצלונג באַגעגנט איר זון.

— אויך דאָס קאָן געשען — טראַכט שמאַיע.

שוין לאַנג ווי ער קומט יעדן טאָג אויף די טרעפּ, שטייט אָפּ שעהען. ייִדן גייען אַרויף, גייען צוריק.

ער האָט זיך דערוואוּסט. געטראָפן אַ ייִד פון בעליצע, אַ שטעטל נעבן דובאָווע. יענער האָט אַלץ געזען מיט די אייגענע אויגן. געווען דאָרטן בעת די דערשיסונגען. ווייסט שוין שמאַיע ווען און ווי אַזוי עס איז געשען. ווי אַזוי מען האָט אומגעבראַכט אַלע זײַנע.

טריַיבט עס אים פון אָרט צו אָרט. ביז מידקייט שלעפּט ער זיך איבער גאַסן און געסלעך. אָפּט קומט ער צו דער זעלבער מחשבה. ער בליַיבט שטיין, ווייל זיך דערטראַכטן ווי אַזוי האָלט ער עס אויס? ער קוקט אויף די הויכע קוימענס, ווי ער וואָלט זיי צום ערשטן מאָל דערזען.

— אַ גרויסע, פאַבריטשנע שטאָט — זאָגט ער צו זיך אַליין — נאָר, נעבעך, זייער אָן עלנטע.

ער גייט וויַיטער. ביַי יאַראַטש־גאַס שטעלט ער זיך ווידער־אָפּ, דערהערט אַ געזאַנג. יאָ, קינדער זינגען.

— מסתּמא איז עס אין טאָגהיים, ווו בלומע אַרבעט. — מען הערט בפירוש ייִדישע לידלעך. פאַרהאַלט ער זיך לאַנג הינטערן פענצטער. עס ווילט זיך אים גאַרניט רירן פון אָרט. עפּעס אַ קלייניקייט. ער הערט ייִדישע קינדער זינגען.

26

אין דער „ליכטנשטיין־היים", הייבט זיך ערשט אָן דער טאָג. מאַמעס ברענגען די קינדער, לאָזן זיי איבער און אײַלן אַוועק צו דער אַרבעט. בלומע נעמט זיי אַלע אויף און פירט זיי צום שפּיל־זאַל. פאַרבײַגייענדיק קוקט זי צום פענצטער און שוין איז זי ווידער בײַ דער טיר.

— חיים — זאָגט זי שטיל צום שומר בײַ דער טיר — עמעץ דרייט זיך אויפן הויף, אונטערן פענצטער.

— וווּ ?

— בײַ דער זײַט פון שפּיל־זאַל, וווּ די קינדער זענען.

— נעמט זיי צו. נעמט זיי גלײַך אַוועק אין קליינעם צימער.

חיים שליסט צו די טיר און כאַפּט זיך אַרײַן אין ביוראָ. פון דאָרטן קען מען זען וואָס עס קומט פאָר אין הויף. ער בייגט זיך אַרויס דורכן פענצטער. זעט טאַקע אַ פרעמדן שטיין בײַ דער אַנטקעגנדיקער וואַנט.

בלומע האָט שוין אַלע קינדער אַרום זיך. ציט זיי אַרײַן אין אַ שפּיל. זי איז דער פישער, האָט שוין אַלע פישעלעך געכאַפּט.

— נענטער פישעלעך. אַזוי, אַזוי. אַלע פישעלעך אַרום מיר!

„פישלעך שפּילן זיך אין טײַכל.

עס איז זיי פריילעך, גאָר אַ מאכל".

אַריבער די קינדערשע קעפּלעך, קוקט זי צום דרויסן. זעט דעם מאַן אַראָפּאײַלן פון הויף. זי הערט חיימען אַרײַנקומען און צושליסן די טיר. ער איז בלייך. טאַפּט דעם רעוואָלווער.

מאַמעס קומען, ברענגען די קינדער, זעען ווי זיי לויפן אַוועק צופרידענע זיך שפּילן און קוקן מיט דאַנקבאַרקייט אויפן יונגן בחור, וואָס היט זיי.

דאָס זענען דאָך זייערע קינדער, דער אָנהייב נאָך אַזאַ מבול. און זיי, די געבליבענע נאָכן גרויסן אומגליק, דערמאָנען זיך איצט די לידלעך. דאַכט זיך וואָס? אַ קליין קינדער־לידל? און מיט דעם קומט אויף אַ גאַנצע וועלט, וואָס איז שוין מער ניטאָ.

„עס קלאַפּן די רעדער טוראַ און טוראַ,

טוראַ און טוראַ".

חנה שטייט אין דער געעפנטער טיר מיט האַלינקען בײַ דער האַנט.

— אַ ביסל שפּעטלעך זענט איר געקומען — זאָגט איר בלומע. זי באַווײַזט זיך ניט צו פאַרענטפערן. עפּעס רעדט זי שטיל מיט חיימען. נעמט האַלינקען און אײַלט אַוועק צו די קינדער.

— נו קינדער. מיר זענען שוין אָנגעקומען. גענוג געפאָרן.

— נאָך! נאָך! — בעטן זיי זיך.

מיט באַהאַלטענער שרעק, קוקט זי אויף די עטלעכע צענדליק קינדער. איז צוגעשפּיצט צו דער טיר. הערט חיימען אַרײַנקומען. ער פאַרשליסט. עס געדויערט ניט לאַנג און זי הערט אים עפענען.

— דאָס בין איך געלאָפן קויפן שאָקאָלאַד פאַר די קינדער — דערגייט צו איר אַ פאַרסאַפּעטע מענער־שטים.

— אַז איר ווילט פאָרן, איז לאָמיר פאָרן. האַלט זיך פעסט איינער אָן אַנדערן. דו, רייזעלע, שטעל זיך הינטער שׂרהלען. לייג דײַנע הענט אויף אירע אַקסלען. אַזוי. פאָרן מיר, דורך פעלדער, דורך וועלדער. ביזן אַנדערן צימער.

„טוראַ און טוראַ. טוראַ און טוראַ".

— ניט בײַם פענצטער קינדער. דאָרטן איז אַ טײַכל. מיר קאָנען זיך פאַרנעצן. און אָט זענען מיר אָנגעקומען. גלין־גלאָן! גלין־גלאָן!

אין דער אָפענער טיר, באַווײַזט זיך פלוצלונג דער מאַן, וועלכן בלומע האָט געזען אַראָפּלויפן פון הויף. זעט אויס אַ פּאָליאַק. מיט בלויע אויגן, גרויסע, אַראָפּהענגענדיקע וואָנסעס. ער שטייט, קוקט און שמייכלט.

בלומע איז איבעראַשט. אין זײַנע אויגן בלישטשען טרערן.

— זײַט מוחל — רעדט ער ניט דרײַסט — איך װעל אײַך ניט שטערן. דער מאַן בײַ דער טיר, האָט מיר דערלויבט אַרײַנצו־קומען. איך בין ניט קײן פרעמדער. טאַנצט קינדערלעך, טאַנצט!

— װענדט ער זיך צו די קלײנװאַרג, װאָס דרײען די קעפּלעך צו אים — איר װעט מיר דערלויבן, לערערין, איך זאָל דאָ שטײן אַ ביסל. געװאָלט עס זען מיט די אײגענע אױגן. מײַנע אױערן ניט געגלײבט, אַז איך האָב אין גאַס דערהערט אײַך זינגען.

די „באַן" דרײט זיך װידער איבערן זאַל, ביז רײזעלע טוט אַ פאַל.

— שולדיק איז בערעלע. ער האָט דער ערשטער אָפּגעלאָזט די הענט פון מײַן אַקסל!

— װײַל רײזעלע האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן מײַנע פיס!

שׂרהלע איז געפאַלן אױף איר.

ליגן שױן אַלע אױפן דיל. לאַכן צופרידענע. עס געפעלט זײ זיך צו קױלערן.

פון יענער זײַט טיר שטײט נאָך חנה. געװאָלט האָט זי בלײַבן נאָר אַ װײַלע הערן די קינדער ענדיקן זינגען דאָס לידל, האָט זי זיך פאַרטראַכט.

זי זעט זיך מיט איר קלאַס, אין װאַלד. דער לערער ליבערמאַן האָט זײ געבראַכט אַהין, אַ מחנה פײגל האָבן זיך דערשראָקן, זיך אױפגעהױבן מיט אַ צװיטשערײַ און אַװעקגעפלױגן צום אַנט־קעגנדיקן בלעטער־װאַלד, װאָס ליגט פון דער אַנדערער זײַט װעג, װוּ עס געפינט זיך דער „מאָהילניק".

זײ מאַכן אַזאַ „באַן", װי די קינדער איצטער און זינגען דאָס אײגענע לידל. פאָרן אַרױף דעם „באַרג". פון היגל זעט מען בעסער דעם בלעטער־װאַלד. צװישן די אַלבעס טײלן זיך אױס די װײַסע בעריאָזעס, װאָס װאַקסן בײַ די אַלטע מצבות. דער לערער בעט זיך האַלטן נאָענט נעבן אים. דער עיקר ניט גײן צום בלעטער־װאַלד. װײל דאָ, װוּ עס װאַקן די סאָסנעס איז טריקענער:

— „חנהלע, הערט זי די קינדער שרײַען, חנהלע, דײַן מאַמע!"

זי קוקט זיך אַרום און דערזעט איר מאַמען. די אַלטע, געבלומטע פאַטשיילע, אויף אירע אַקסלען, פאַרדעקט דעם גרויסן קאַשיק, אין וועלכן זי צעטראָגט די עפּל פאַר אירע קונדן.

— „דאָ נאָענט ביי אַ קונד בין איך געווען. פאַר איינוועגס געבראַכט דיר, טעכטערל, אַ גלאָז מילך".

אויסגעטרונקען די מילך, זעט זי די מאַמען זיך דערווייטערן צוריק צו דער שטאָט. היפּערן איבער די גריבער. איבער יענע גריבער... און שיינדעלע... און ברכה'קע... זיי זענען אויך געווען מיט איר. מיטן גאַנצן קלאַס...

אָט לויפן זיי. פון אַנדערן וואַלד, פון דאָרטן ווו דער לערער ליבערמאַן, האָט געבעטן ניט גיין. די הענט האַלטן זיי אויס־געשטרעקט פאַר זיך. אויף זייערע דלאָניעס — מאַלינעס. רויטע מאַלינעס, וואָס זיי האָבן דאָרטן געפונען.

„קומט קינדער, מירן גיין אַהין! אַ סך וואַקסן זיי דאָרטן!"

„וואָס האָט איר געטאָן? זיי וואַקסן דאָך אויף טויטע?"

דערשראָקענע לאָזן זיי אַראָפּ די הענט. חנה זעט ווי די מאַלי־נעס קייקלען זיך אין זאַמד, צווישן די טרוקענע נאָדלען אויף דער ערד. די קינדער היטן זיך ניט אָנצוטרעטן אויף זיי.

„מען טאָר ניט טרעטן אויף זיי, זאָגט חיימל, אין זיי קענען זיין די נשמות פון טויטע!"

חנה ווייסט אַליין ניט ווען זי איז אַראָפּ די טרעפּ. מיט וואַקלענדיקן, ניט זיכערן טראָט, ווי היטנדיק זיך, ניט אָנצוטרעטן אויף די מאַלינעס, גייט זי דורכן הויף.

— אויף יאַראַטש־גאַס, טרעפט זי שמאַיען.ביידע דערפרייען זיך.

— שוין לאַנג אייך ניט געזען. וואָס טוט איר דאָ, חנה?

— איך ברענג אַהער מיין מיידעלע. זי בלייבט דעם גאַנצן טאָג אין קינדערהיים. איר ווייסט דאָך אַז איך האָב סוף־כל־סוף צוריק מיין מיידעלע מיט מיר.

— אַוודאי ווייס איך. איז זי דאָ מיט בלומען?

— איר קענט זי? איז בלומע אויך געווען מיט אונדז אויף דער בורסע? איך דערמאָן זיך עס ניט.

— ניין. מיט אונדז אויף דער בורסע איז זי ניט געווען. איך וויל טאַקע אַרויפגיין זיך פרעגן אויף איר טאַטן. שוין עטלעכע טעג כ׳בין ניט געווען ביי זיי.

שטייען זיי הינטערן פענצטער. הערן ווי די קינדער זינגען. פון צייט צו צייט פאַרהאַלט זיך אַ פאַרבייגייער. בלייבט אַ רגע פאַרחידושט און גייט ווייטער.

— איר הערט ר׳ שמאַיע — זאָגט חנה מיט טרערן אין די אויגן — אויך מיין האַלינקע זינגט. איך געדענקט ווי איך האָב זי אַרומגעזוכט. ענדלעך זי געפונען און צוריקגעקריגן. אַ לאַנגער און שווערער ענין געווען. איר ווייסט עס אַלץ? שוין זייער לאַנג אייך ניט געזען.

— איך האָב געהערט, אַ סך האָט מען גערעדט וועגן דעם. איך ווייס נאָר ניט, אַז זי קומט אַהער צו בלומען.

— יאָ. זי קומט. זי איז דאָ, מיין טעכטערל — ווישט זיך חנה אַ צעשמייכלטע די אויגן.

— מיין קינד זינגט. איר הערט דאָך. ייִדישע קינדער זינגען און מיין האַלינעטשקע מיט זיי.

27

זינט בלומע האָט באַקומען דעם בריוו פון סאָניען, אַז זי איז שוין אין וואַרשע און גאָר גיך וועלן זיי זיך זען, איילט זי פון דער אַרבעט מיט האַרצקלאַפּעניש.

עס איז שוין נאָכן טאָג. אויך היינט וועט סאָניע ניט קומען.

אין דער היים גייט בלומע גלייך אַריין אין קיך. זי קאָן נאָך באַוויזן אָפּקאָכן אַ ביסל געקעכץ פאַרן טאָטן. בעתן צוגרייטן דאַכט זיך איר, אַז עמעץ איז ביי דער טיר. זי הערט זיך צו. עס איז שטיל. די לעצטע טעג איז זי צוגעשפּיצט צו יעדן שאָרך.

מען האָט אויך קיינעם ניט געהערט גיין אויף די טרעפּ. — טוט זי ווייטער דאָס איריקע. שטעלט צו דאָס טעפּל אויפן פייער. וואַשט זיך די הענט; אָבער עס דאַכט זיך איר פאַרט אַז עמעץ איז ביי דער טיר. איז אפשר קאַליע דאָס גלעקל?

— ווער איז דאָרטן?

קיינער רופט זיך ניט אָפּ. זי פאַרלייגט דאָס קייטל און עפנט אַ שפּאַרע פון טיר.

— בלומע עפן. דאָס בין איך.

— סאָניע!

בלומע איז צעטומלט. דאָס קול איז ניט סאָניעס. איז זי הייזעריק?

זיי קושן זיך. קוקן זיך אָן און נעמען זיך ווידער אַרום.

— פאַרמאַך. פאַרמאַך די טיר. איז דאָ קיינער ניטאָ? דו ווייסט? דאַרפסט ניט דערציילן. איך ווייס אַלץ. דניאל איז געפאַלן ביי מינסק. ווי האָב איך געציטערט, ער זאָל ניט דורכלעבן דאָס וואָס איך. פאַרשטייסט? איז ער דאָך געפאַלן אויפן פראָנט.

— רעד ניט דעריבער, סאָניע. דער טאַטע ווייסט עס ניט. האָפט, אַז ער וועט נאָך קומען.

סאָניע קוקט אָנגעשטרענגט אַרום זיך, הערט ניט וואָס בלומע רעדט.

— דו ביסט אַליין?

— דער טאַטע וועט באַלד קומען.

— ביסטו זיכער אַז קיינער איז דאָ ניטאָ?

— וואָס פעלט דיר אײַן?

— זייער אַ גרויסע, אײַער ווינונג.

— אַזוי האָט זיך עס געמאַכט. בעסער וואָלט זי געווען קלע־נער. דאָ איז קאַלט. אוממעגלעך צו באַהייצן.

בלומע כאַפּט זיך אַרײַן אין קיך, קלענער מאַכן דאָס פײַער אונטערן טעפּל. זיי זעצן זיך אין עסשטוב אויף דער קאַנאַפּע.

— איך וועל געבן עסן. ביסט דאָך געוויס הונגעריק.

— באַלד. איך וויל גאָרניט. — האַלט זי בלומען בײַ דער האַנט — אין יענעם צימער איז שטענדיק פאַרמאַכט די טיר? ביסט זיכער אַז קיינער איז דאָרטן ניטאָ? עפן. לאָמיר זען.

סאָניע קוקט צו דער טיר און פילט בלומעס בליק אויף זיך.

— גיי ניט. אָט זאָג איך. זיץ מיט מיר.

סאָניען איז ניט צו דערקענען. איר פּנים איז געשוואָלן, גלאַנציק. סאַמע פאַרנט פעלן איר אַלע ציין. בעתן רעדן אָדער אַ שמייכל טאָן, פאַרשטעלט זי דאָס מויל מיט דער האַנט. אירע האָר זענען ווײַס און קורץ געשאָרן, צום קאָפּ. ווי זי זאָל האָבן נאָר וואָס אַרויס פון שפּיטאָל, נאָך אַ שווערער קרענק.

— ביסט געווען קראַנק?

— קראַנק? פאַר וואָס קראַנק?... ווער ווייסט?

שוין אַ פּאָר טעג זיי זענען צוזאַמען. ווי תמיד גייט בער גאַנץ פרי אַרויס פון שטוב, צו זײַנע ענינים. בלומע אײַלט צו דער אַרבעט.

— זאָלסט אָנוואַרעמען דאָס מיטיק, עס און גיי שפּאַצירן —

זאָגט זי אָן סאָניען, וואָס באַגלייט זי צו דער טיר, פאַרשליסט זיך און גוט איז איר אַז קיינער וועט ניט קומען — סאָניע וועט שוין בלייַבן אין שטוב דעם גאַנצן טאָג.

ווי נאָר בלומע באַוויַיזט זיך פון דער אַרבעט אָטעמט סאָניע אָפּ. הייבט באַלד אָן צו רעדן, רעדט און קאָן ניט אויפהערן. אָט דערציילט זי אַז אירער אַ חבר, אַן אַלטער קאָמוניסט, האָט גלייַך נאָך איר באַפרייַונג, זי געבראַכט קיין וואַרשע, באַזאָרגט מיט אַ דירה. לייגט פאַר אַ פּאָסטן אין אַ מיניסטעריום.

— איך ווייס אָפילו ניט וועלכן. עס אינטערעסירט מיך ניט. איך וויל אַוועקפאָרן.

— וואוהין ?

— ווו די אויגן וועלן מיך טראָגן. ערגעץ וויַיט... איך ווייס ? לאָמיר זאָגן קיין פּאַריז.

— קיין פּאַריז ? — קוקט זי בלומע אָן.

— פאַר וואָס ניט פּאַריז ?

און ווידער דערציילט זי, אַז אָט דער אַ פרייַנד, די „שישקע", שרייַבט זיך דורך מיט אַ חבר, וואָס אויך בלומע דאַרף אים געדענקען. לעאָן גאָלדמאַן. צוזאַמען מיט דניאלן האָט ער אויך געענדיקט יורי. אַ סך מאָל געווען אין יאָדלע מיט דער גאַנצער חברה. ער איז אַוועק קיין פראַנקרייַך פאַר דער מלחמה, דאָרטן חתונה געהאַט. בעתן קריג געווען אין אַרמיי, אַרייַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט, ווי אַ פראַנצויז. צוריקגעקומען און שוין ניט געטראָפן זייַן פרוי און טעכטערל. מען האָט זיי אומגעבראַכט. איצטער פירט ער דאָרטן אַ פאַבריקל. אַרבעטער נייען פאַר אים סוועטערס. ער אַליין אַרבעט אויך.

— דער לעאָן אַנטדעקט פאַר מיר אַמעריקע — שמייכלט זי און פאַרשטעלט בעת-מעשה דאָס מויל מיט דער האַנט. — לעבן אַליין, שרייַבט ער, איז טרויעריק, און נאָך נאַרישקייטן. רעדט דאָרטן אין בריוו וועגן זייַן אַלטער שוואַכקייט צו מיר. אַז ער בענקט נאָך אונדזערע שיינע, יונגע יאָרן. עטלעכע מאָל מיר שוין גערופן צום טעלעפאָן. צו וואָס דאָס קלינגען ? ווער דאַרף עס ?

סאָניע רעדט לאַנגזאַם, איינטאָניק און וואָלט נאָך געוויס ניט אויפגעהערט, ווען בלומע טוט זי ניט אַ פרעג: — איז וואָס טראַכסטו צו טאָן?

— איך? איך האָב אים געענטפערט. וואָס האָב איך אים געענטפערט?... — זי פאַרטראַכט זיך ווי נאָר וואָס זאָל איר אויפקומען די פראַגע. — איך האָב אים געשריבן אַז קיין פראַנקרייך וויל איך פאָרן. און וואָס נאָך? קאָן איך דען טראַכטן וועגן זײַנע פּלענער?

סאָניע האַקט אָפּ. באַמערקט ווי בלומע זיצט אַ פאַרטראַכטע. זעט אויס, אַז זי הערט לחלוטין ניט איר פראַגע.

אין דער שטילקייט דערגייט צו זיי שטאַרקער די באַוועגונג אין דרויסן. אויטאָס פאָרן הין און צוריק.

— דאָס פאָרן זיי תּמיד פאַרבײַ?

בלומע ענטפערט ניט. איז נאָך אַלץ פאַרטראַכט.

אויף די שפּיצן פינגער, גייט סאָניע צו צום פענצטער. פאַרבייגט אַ שטיקל פון פאָרהאַנג און קוקט בגנבה אַרויס צו דער גאַס.

עס איז זונטיק. בלומע גייט ניט הײַנט צו דער אַרבעט. זיי נעמען דעם טראַמוויי און פאָרן צו די חורבות פון געטאָ. סאָניע קאָן ניט די שטאָט. קוקט נײַגעריק אַרויס דורכן פענצטער, ביז עס ווערט איר נמאס און הייבט ווידער אָן צו רעדן. דערציילט אַז די מלחמה האָט זי פאַרכאַפּט אין אַ פאַרוואָרפענעם דאָרף. אויף אַ פאַרטייַישער שליחות.

— מיט אַראָפּגעלאָזטע צעפּ. געדענקסט מײַנע צעפּ? פאַרקליידט ווי אַ ווײַסרוסקע, האָב איך עטלעכע וואָכן געלעבט אין יענער געגנט. דניאל האָט געזאָלט קומען צו מיר. אוי, ווי איך האָב געוואַרט אויף אים. — זי ווערט אַנטשוויגן, פאַרטראַכט זיך.

עס געדויערט ביז זי הייבט ווידער אָן. דערציילט פון דעמאָלט, ווען די דײַטשן זענען אָנגעפאַלן אויף רוסלאַנד. ממש אין דער לעצטער רגע, איז זי מיט נאָך יונגע פון דאָרף געלאָפן צו דער

גרענעץ. ווי גליקלעך איז זי געווען אָנצוטרעפֿן אויף דער סאָוויע־טישער גרענעץ־וואַך.

פלוצלונג רײַסט זי איבער דאָס דערציילן, ווי זי זאָל ערשט איצט האָבן דערזען די פּאַסאַזשירן. זי שטעלט זיך אויף. באַטראַכט זיי אַלע די וואָס זיצן הינטער איר, בייגט זיך אויס, צו זען די פֿון פאָרנט, לאָזט זיך צוריק אַראָפּ אויף איר אָרט און קוקט אַ פּאָר־לווירענע אויף בלומען.

— מיר האָבן נאָך אַ סך צו פאָרן? — פרעגט זי איר שטיל אויפן אויער.

— ניין. מיר זענען גאָר נאָענט...

שוין שעהען ווי זיי פלאָנטערן זיך צווישן די בערגלעך גרוז. דרייען זיך אַרײַן אויף אויסגעטראָטענע שטעגלעך און קומען ווידער צו די זעלבע ערטער.

איך קאָן ניט וויינען — זאָגט סאָניע גאָר שטיל, ווי זי זאָל בלומען פאַרטרויען אַ סוד — דערמאָנסט זיך? איך האָב אײַנ־געחזרט מיט דיר און מיט אַנדערע אַז „מאָסקווע גלייבט ניט קיין טרערן"? איך האָב עס גוט געדענקט דאָרטן בעת מען האָט מיך געפּײַניקט. האָב איך נאָר געשריִען. געריטשעט. שפּעטער, אַליין אין אַ קאַרצער, געוואָלט אַזוי וויינען. האָבן זיך די טרערן נוקם־געווען אָן מיר, — ניט געקומען. אויך איצטער קומען זיי ניט. וויל איך שרײַען. עס שטיקט מיך דאָס געשריי... אָבער דו... פאַרשטיי. איך קוק אויף דיר און זע דניאלן. ווי זאָל איך עס זאָגן? פאַר אים שעם איך זיך. איך מיין — פאַרטראַכט זי זיך לאַנג — יאָ, אויך ער וואָלט זיך געשעמט. מיט אים צוזאַמען וואָלט איך אפשר געוויינט... איך ווייס?...

בלומע טוט זי אַ דריק צו זיך. נעמט איר האַנט און לאָזט שוין ניט אָפּ.

זיי גייען צוריק צום טראַמוויי.

עס פאַלט צו דער אָוונט. דער טאַטע איז נאָך ניט געקומען

פון גאַס. אין שטוב — צערעדט סאָניע זיך ווידער. הייבט אָן פון דאָרטן ווו זי האָט איבערגעריסן, פאַרנדיק אין טראַמווײַ. דערציילט ווי מען האָט זי געפירט צום „נאַטשאַלניק" פון דער גרענעץ־וואַך.

— בלומע — הייבט זי אויף דעם קאָפּ און פאַרשטעלט בעת מעשׂה דאָס מויל מיט דער האַנט — צווישן די עטלעכע מענער דאָרטן, האָב איך דערזען איינעם און מײַנע אייגענע אויגן ניט געגלייבט. ער איז בלייך געוואָרן. מסתּמא איך אויך. דער מאַן מיט אַ נאַגאַן בײַ דער זײַט, איז געווען קאָוואַל. מיר האָבן זיך גלײַך דערקענט. דערמאָנסט זיך אים? דער פּראָוואָקאַטאָר? ביסט אַ מאָל געגאַנגען אין אַ דאָרף פאַרמײַדן זײַנס אַ טרעפונג מיט אַ געוויסן אילױשע. אַן אויסערגעוויינטלעכער געווען, דער אילױשע. איך האָב זיך אין וואַרשע נאָכגעפרעגט אויף אים בײַ איינעם וואָס האָט אים גוט געקענט. קאָן ער זיך ניט דערמאָנען אַז אַזאַ איז געווען...

סאָניע באַמערקט ניט בלומעס אויפציטערן. איר באַגיסן זיך מיט אַ רויטקייט און ווידער בלאַס ווערן. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ דערציילט זי ווײַטער ווי זי וואָלט עס פון עפּעס נאָכלעסיק אַרויסגעלייענט. אַז מען האָט איר פאַרגעוואָרפן שפּיאָנאַזש, און אַז צוליב אָט דעם שפּיאָנאַזש איז זי עס אַריבער די גרענעץ. וועגן די פּײַניקונגען, די יאָרן טורמע. זי רעדט רויִק, איינטאָניק ווי ניט מיט איר וואָלט עס אַלץ געהאַט צו טאָן.

בלומע איז באַצײַטנס דאָ פון דער אַרבעט. הײַנט פאָרט סאָניע צוריק קיין וואַרשע. וויל נעמען די אָוונט־באַן.

— איך בין שוין גרייט — דערפרייט זי זיך בעתן דערזען בלומען.

— עס איז דאָך נאָך פרי. וואָס אײַלסטו אַזוי?

— אָט פאָלט צו דער אָוונט. וועל איך אַרויסגיין. די באַן גייט ניט רעגולער. איז וואָס אַז איך וועל וואַרטן?

זי קאָן ניט אײַנשטײן אויף אײן אָרט. גײט פֿון װאַנט צו װאַנט און רעדט.

— מען לאָזט אַרויספֿאָרן, חזרט זי איבער — װעלן זײ אויך מיר לאָזן? — און שוין שטײט זי מיטן פּעקל אין האַנט בײַ דער טיר.

— עס האָט דאָך ניט קײן זין אַזוי פֿרי אַרויסצוגײן. מיר קאָנען נאָך זײַן צוזאַמען. טו נאָר רויִק אַ טראַכט. אפֿשר בלײַבסטו דערװײַל דאָך מיט אונדז?

זי שאָקלט מיטן קאָפּ אויף „נײן".

— טאָ בלײַב כאָטש נאָך עטלעכע טעג. װוּהין אײַלסטו? װעסט קומען צו זיך. אַ ביסל זיך באַרויִקן.

— עס פֿאָלט דיר אײַן, „זיך באַרויִקן"? נײן, בלומע. שוין קײן מאָל װעל איך זיך ניט באַרויִקן. אָט רײד איך װעגן פֿאָרן קײן פּאַריז. צו װאָס? דיך, טײַערע, איז מיר אַ שאָד. װאָס האָב איך געװאָלט פֿון דיר? און איצטער. האָסט געװאָרט אויף סאָניען. זיך דערפֿרײט אַז זי לעבט... נאַרישקײטן... — רעדט זי שוין נאָכטראַכטנדיק, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און שטיל װי פֿאַר זיך אַלײן. — סאָניע איז ניטאָ. אין טײַװל געזען אַ גאָט און זיך אים אַלײן אַװעקגעגעבן. ניטאָ מער גאָרניט. נאָר מײַן אײגענער שאָטן, װאָס שרעקט מיך... אַן אומדערטרעגלעכער גײט ער מיר נאָך טאָג און נאַכט... און איך רעד, רעד...

— אָבער צוליב װאָס מוזטו פֿאָרן הײַנט? — רײַסט בלומע איבער איר שטאַמלען, זעט אַז זי קאָן ניט אויפֿהערן.

— צוליב װאָס הײַנט? — פֿאַרטראַכט זי זיך — װאָס זאָל איך דיר זאָגן? כ'זע דער טאַטע אַנטלויפֿט יעדן טאָג פֿון שטוב. מײַדט אויס צו קוקן אויף מיר. אָט איז ער אויך הײַנט אַװעק און זיך אַפֿילו ניט געזעגנט. איך האָב צו אים ניט. פֿאַרשטײ זײַן האַרץ. און דו... בלומע, כ'האָב דיר שוין געזאָגט, ביסט אַזוי ענלעך אויף דניאלן, איך קוק אויף דיר און זע אים. הער, אויב זײ װעלן מיר טאַקע לאָזן אַװעקפֿאָרן, װעל איך קומען אײַך געזעגענען. נאָך אײן מאָל אײַך זען. שאַ! — טוט זי אַ לײג די

האַנט אויפן מויל — עמעץ גייט. איז די טיר גוט פאַרשלאָסן?

— זיי דאָך רויִק, סאָניע. דאָס גייט דער טאַטע.

— דער טאַטע — חזרט זי שטיל איבער.

— ניט צוליב דיר גייט ער אַוועק פרי און קומט שפּעט. צײַט מיר זענען דאָ, פירט ער זיך אַזוי.

— איך פאָר שוין אַוועק. — זאָגט סאָניע גלײַך ווי זי דערזעט בערן.

— צוליב דעם טאַקע בין איך הײַנט געקומען פריִער. צוזאַמען מיט בלומען, וועלן מיר דיך באַגלייטן צו דער באַן.

— אָ ניין, איך וויל עס ניט. עס טויג ניט. איך וועל גיין אַליין. און טאַקע שוין. אַזוי איז גלײַכער.

זי זאָגט עס אַזוי אַנטשלאָסן, אַז עס דערמאָנט אין דער אַמאָליקער סאָניען. אײַליק געזעגנט זי זיי. לאָזט זיך גיך גיין מיט די טרעפּ. פאַרלוירענע בלײַבןביידע בײַ דער טיר, הערן שווײַגנדיק אירע טריט.

— יאָ, יאָ... — ענטפערט בער אָפּ זײַנע טראַכטענישן. און אַז מען הערט שוין ניט סאָניעס טריט אויף די טרעפּ, פאַלן זיי צו צום פענצטער. קוקן אַרויס. זעען איר אײַלן צו דעם טראַמווײַ, וואָס פירט צו דער באַן.

28

שוין שפּעטער האַרבסט. בלומע האָט געוווּסט אַז אין יענעם האַרבסט וועט זי האָבן אַ גאַסט. שלום האָט איר געשריבן.

איז אָט ברוך, זייער חבר, געקומען פון ישראל קיין פּוילן, מיט אַ שליחות. בעתן קריג איז ער געווען אין פּאַרטיזאַנקע. גלײַך נאָך דער מלחמה, דורך איטאַליע אַוועק קיין ישראל. לעבט אין זעלבן קיבוץ וואָס שלום.

ווען ברוך איז פרײַ פון זײַנע פליכטן, זיצט ער בײַ בלומען. פאַרשמועסט מען זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט, שטעלט מען אויף אַ בעטל אין איינעם פון די ליידיקע צימערן און ער שלאָפט בײַ זיי.

בייטאָג איז אויך בער ניטאָ אין שטוב. ער האָט זיצונגען, טרעפונגען. איז שטאַרק פאַרנומען מיטן העלפן אײַנאָרדענען די נײַ־געקומענע.

אין די אָוונטן דערציילט ברוך וועגן זײַנע איבערלעבונגען אין געטאָ, שפּעטער אין וואַלד. וועגן דורכגעפירטע אַקציעס. דער עיקר האָט ער ליב צו רעדן וועגן ישראל. פון קיבוץ, פון דאָר־טיקן לעבן.

— ווייסטו דאָך, בלומע, אַז שלום וואַרט אויף דיר. ווען מיינסטו צו פאָרן? דערצייל. זאָג עפּעס.

— ניטאָ וואָס צו דערציילן.

— איך דערקען דיך ניט. ביסט אינגאַנצן ניט די זעלבע.

— אַזוי איז עס טאַקע. מען זעט עס. ניט נייטיק עס צו זאָגן.

— נעם זיך אין די הענט אַרײַן. מיר קענען איצטער צוזאַמען אַוועקפאָרן. וואָס האַלט אײַך דאָ?

— איך אַרבעט. האָב ליב די קינדער. אויך זיי מיך האָבן ליב.

דער טאַטע איז אַקטיוו. אַרײַנגעצויגן אין וויכטיקע ענינים, פּילט זיך נייטיק. ער וואַרט אויך אויף דניאלן.

— וואַרטסטו מיט אים?

— איך וואַרט אויף קיינעם ניט. — אירע אויגן צעגלאַנצן זיך, ווערן פֿײַכט.

ברוך שווײַגט ביז עס זעט אים אויס אַז זי איז באַרויִקט.

— שווער דיך צו פֿאַרשטיין, בלומע. אויך פֿון דײַנע בריוו פֿאַרשטייט שלום גאָרניט.

— שוין שפּעט. מאָדנע וואָס דער טאַטע איז נאָך ניטאָ.

— וואָס צאַפּלסטו אַזוי. איך קאָן דיך גאָרניט פֿאַר אַזאַ שרעקעוודיקער.

— פֿאַרן טאַטן איז עפּעס אַנדערש. די צײַט איז דאָ אַזאַ אומרויִקע. ייִדן האָבן זיך וואָס צו שרעקן. די שטאָט איז פֿול מיט אַנטיסעמיטן, זיי קומען פֿון די וועלדער. אומעטום זענען זיי דאָ. אַנומלטן איז דער טאַטע געקומען אַהיים און איך האָב באַלד דערזען, אַז עפּעס האָט פּאַסירט. בין צוגעשטאַנען צו אים האָט ער מיר דערציילט, אַז צוויי מענער זענען אים נאָכגעגאַנגען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט זענען זיי אויך געבליבן שטיין. ער מיינט אַז איינער איז אים באַקאַנט. פֿון שטוב, האָט ער זיי נאָכגעקוקט דורכן פֿענצטער. קריג איך זיך מיט אים, ער זאָל ניט קומען אַזוי שפּעט. מאַכט ער עס צו גאָרניט. „רעכט, זאָגט ער, אַז זיי האָבן זיך פֿאַר מיר געשראָקן". אויך אַזוי קאָן עס זײַן.

אויף די טרעפּ דערהערן זיך טריט.

— וועל איך גיין מאַכן טיי — הייבט זיך בלומע אויף, גלײַך ווי זי זעט דעם טאַטן אַרײַנקומען. ביסט פֿריִער געקומען. אַזוי בין איך רויִקער.

— מען דאַרף ניט זײַן רויִקער, נאָר פּשוט רויִק.

בלומע איז בײַ דער אַרבעט. דער טאָג רוקט זיך פֿאָרויס. הערשעלע, דער שטענדיקער וויינער, האָט זײַנס שוין אויסגע־

וויינט און אויפגעהערט. שׂרהלע איז שוין אַוועק פון דער טיר. זי געדענקט שוין ניט אַז דורך איר איז דער טאַטע אַרויס, שפּילט זי זיך מיט די קינדער אין גרויסן זאַל. דער חנעוודיקער קאַליע, מיטן פאַרריסענעם נעזל, זינגט שוין פריַי דאָס יִדישע לידל, בעתן טאַנצן.

האַלינקע איז נאָך אַלץ ניט אַריַינגעצויגן אין דער שפּיל. זי לויפט מיט, קוקט אָבער כּסדר צו דער טיר, אָדער צום פענצטער.

— ווּעמען זוכסטו, האַלינקע?

זי ענטפערט ניט.

— קום האַלינקע, קום מיט אונדז. צו וואָס ביסטו שטיין געבליבן אַליין?

ניט גערן גייט זי, קוקט אויף אַלעמען מיט אומצוטרוי. יאָ, אַנדערש ווי אַלע פירט זיך אויף די קליינע האַלינקע. די מלחמה־יאָרן, האָט מען דאָס קינד אויסבאַהאַלטן ביַי אַ פּוילישער פאַמיליע. איר מאַמע איז געקומען פון אַשוויענטשים. שוין לאַנג ווי דאָס קינד קומט אין קינדערהיים און קאָן זיך נאָך אַלץ ניט צוגעוווינען. דעם גאַנצן טאָג איז זי שטיל, געהאַרכזאַם. לאָזט זיך אָבער ניט אַריַינציִען אין קיין שום שפּיל. איז תּמיד אומעטיק צעבענקט.

די קינדער דרייען זיך אין אַ בלומען־טאַנץ.

— און דו, האַלינקאַ, ווידער ביַים פענצטער? קום מיט אונדז. זע ווי שיין מיר טאַנצן. אָט זענען מיר אין פעלד. ריַיסן בלומען. בייג זיך איַין ווי אַלע און ריַיס אויך אויס אַ בלימל. אָ, ווייסט וואָס? אפשר ווילסטו קליַיבן יאַגדעס, ווי רייזעלע?

— איך וויל צו דער מאַמוליען — ציטערט איר שטים.

— באַלד. נאָך אַ קליין ביסל וועלן מיר זיך שפּילן, וועלן אַלע מאַמעס קומען; האַלינקע שוויַיגט.

ערשט פאַרנאַכטלער געשעט, זי ציט זיך אַריַין אין אַ שפּיל. אָדער זי אַרבעט מיט פאַרב אויף גרויסע בויגנס פּאַפּיר.

— וואָס האָסטו דאָ אָנגעמאָלן? — פרעגט בלומע.

— דאָס איז אַ גרויסע שטוב. דאָ איז אַ גאָרטן.

— און דאָס וואָס איז?

— ווילק. דער גרויסער ווילק.

— האָסטו זיך געשפּילט מיט ווילקן?

האַלינקע איז פאַרנומען, ענטפערט ניט.

— ווייסט וואָס, האַלינקע, וועסט עס מאָרגן ענדיקן. שוין גאַנץ לאַנג ווי דײַן מאַמע וואַרט.

די קליינע אײַלט זיך ניט. לאַנגזאַם לייגט זי צונויף די פאַרבן. בעט דער לערערין היטן אירע מאַלערײַען, זיי זאָלן זיך ניט פאַרשמירן, און גייט אַרויס.

חנה פאַלט צו צום קינד. די קליינע לאָזט אַראָפּ די אויגן.

דערווײַל קומען אָן נאָך מאַמעס. אַלע דריקן זיך צוזאַמען אין קליינעם קאָרידאָרל.

— ער עסט ניט, מײַן בערעלע. וואָס זאָל איך טאָן? ער עסט גאָרניט. — באַקלאָגט זיך אַ מאַמע.

— נו, און וואָס זאָגט דער דאָקטער? — זענען אַלע פאַר־אינטערעסירט.

— ער איז דאָך אַזאַ טײַערער דאָקטער. אַנומלטן איז ער צוויי שעה געזעסן מיט מיר. אַזוי אויסגעפרעגט וועגן מײַן שׂרהלען. זי איז נערוועז, זאָגט ער.

— איך בין געווען בײַם דאָקטער. ער זאָגט, אַז בערעלע עסט יאָ.

— איר מעגט זיך אויף אים פאַרלאָזן. אַז דער דאָקטער זאָגט ער עסט, מסתּמא ווייסט ער.

פּלוצלונג אַ געשריי.

נישטאָ האַלינקען! ווו איז האַלינקע?

— זי איז דאָך נאָר וואָס דאָ געווען, לעבן אײַך!

— ווײ איז מיר. איך האָב זיך פאַררעדט. — ברעכט חנה די הענט און לויפט אין געוויין צו די טרעפּ.

— זי איז ניט אַרויס אין גאַס, עס איז דאָך אוממעגלעך! — שרײַט מען איר נאָך.

מען זוכט זי. אַ געלויף איבער די צימערן. ערשט בלומע האָט זי געפונען. געקומען מיט איר פון לעצטן צימער.

— זי איז געשטאַנען בײַם פענצטער און אַרויסגעקוקט.
עמעץ איז אַראָפּגעלאָפן אין הויף זוכן חנהן. אַ בלייכע, אַ דערשראָקענע האָט זי געכאַפּט דאָס קינד בײַם הענטל און אַוועק.
מיט אַ מאָל איז די קליינע חוהלע צוגעפאַלן צו בלומען. זי האָט זיך אַרויפגעצויגן צו איר אויף די הענט און זי געקושט.
— וואָס איז, חוהלע, וואָס איז געשען?
די קליינע באַהאַלט דאָס קעפּל אויף בלומעס אַקסל.
— מיר פאָרן אַוועק — זאָגט איר מאַמע.
— וועסטו שוין מער ניט קומען צו אונדז, חוהלע? וואַהין פאָרט איר?
— צו אַ פאַמיליע, קיין אויסטראַליע.
— מיר ווערן אַלץ ווייניקער. אַ סך קינדער פאָרן אַוועק.
— זי דריקט פעסטער די קליינע אין אירע אָרעמס.
דעם זעלבן יאָר איז אויך האַלינקע אַוועקגעפאָרן. בעתן געזעגענען זיך האָט איר מאַמע ניט געזאָגט וואַהין זיי פאָרן. זי האָט נאָר דערציילט, אַז עס איז ווײַט. זייער ווײַט פון דאַנען.
— צו זײַן וואָס ווײַטער — האָט זי נאָך צוגעגעבן.

29

אַ טונקל־האַרבסטיקער פרימאָרגן. דער טאַטע איז אַוועק באַלד נאָכן פרישטיק. בלומע און ברוך זענען שוין אין די מאַנטלען.

— איך באַגלייט דיך צו דער אַרבעט, בלומע.

— קום אָבער גלײַך.

זיי גייען.

— וואָלסט געדאַרפט זען ווי בײַ אונדז איז איצטער זוניק. אַלץ בליט. אַ שיין לאַנד ישראל. לאָמיר פאָרן צוזאַמען. רעד איבער מיטן טאַטן. אפשר זאָל איך מיט אים רעדן?

— פאַר וואָס קומט ניט שלום אַהער?

— ווילסט אַז ער זאָל קומען נאָך דיר?

— אָט ביסטו געקומען.

— שלום זאָל קומען ווי איך? — עס איז אַנדערש, בלומע. איך האָב דאָ מיטגעמאַכט אַלע אומגליקן, דעם חורבן. איצטער? מען האָט מיך געשיקט, בין איך געפאָרן. אָבער ער? מיינסט ער קאָן קומען, זען די חורבות, דיך איבערלאָזן אויף זיי און אַוועק־פאָרן?

בלומע גייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— דער רעגן האָט אויפגעהערט. אָבער די קעלט עסט זיך אײַן אין די ביינער.

— דיר איז קאַלט? — ברוך זעט ווי אויך איצטער וויל בלומע רעדן פון עפּעס אַנדערש.

— יאָ. גאָר גיך וועט אַרויספאַלן אַ שניי.

אַ ווינט טרײַבט די וואָלקנס. זיי ווערן געדיכטער און שווערער.

— שוין הײַנט אין אָוונט וועל איך רעדן מיטן טאַטן. זיי קומען צו צום טויער. ער קוקט זי אָן. שווער צו וויסן וואָס זי

טראַכט. זיי געזעגענען זיך און ער איַילט אַוועק. זי פאַרהאַלט זיך אַ ווײַלע. זעט ווי ער גייט גיך, איז קאַנטיק פאַרשפּעטיקט.

דער ווינט טרײַבט, קײַקלט די פאַרשוואַרצטע בלעטער, וואָס זענען אַנגעפאַלן פון די ביימער. קופּעסווײַז קלײַבן זיי זיך בײַ די שטאַמען. פוילן אין די רינשטאָקן פאַזע טראָטואַר. מאַכן זיי פול.

אַרײַנגעקומען אין קינדערהיים, דערזעט בלומע די האַרבסט־טיקע, געלע בלעטער אײַנגעהיט אין זייער גלאַנץ. דאָס האָט זי מיט די קינדער צוזאַמען, געפלאָכטן פון זיי קרענץ און צעהאַנגען אין זאַל, אויף די ווענט. איצטער גרייט זיך דאָס קליינוואַרג צו באַגעגענען דעם ווינטער. אַלע זענען פאַרנומען. דער עיקר די מיידלעך. זיי טוען איבער די ליאַלקעס אין ווינטער־קליידער. וואָשן דאָס מעבל פון ליאַלקע־שטוב. בײַטן די פאַרהענגלעך. די יינגלעך, פאַרעקשנט, ווילן ניט העלפן. „דאָס איז אַ מיידלשע אַרבעט“. זיי צעשיטן די קלעצלעך אינמיטן זאַל און בויען אַ שטאָט. פאַר־טיפט אין דער אַרבעט, זינגען זיי „וואָלגאַ, וואָלגאַ, מאַט ראָד־נאַיאַ“. ווי זייערע טאַטעס אין די וואַרשטאַטן.

ברוכס שליחות פאַרענדיקט זיך. ער בענקט שוין צום קיבוץ. צו דער פרוי, צו די צוויי בנים. די עטלעכע טעג, וועלכע זענען אים פאַרבליבן צו זײַן אין פוילן, ווינט ער בײַ די יאָדלערס. האָפט צו באַווירקן בלומען אַוועקצופאָרן.

פון בלומען האָט ער צער. זי איז בלייך, טרויעריק און תמיד שווײַגט זי. אָבער ווי אַ מאָל, זעט ער אויך איצטער, אירע יונג־מיידלשע, גראַציעזע באַוועגונגען, דעם צאַרטן, וואַרעמען בליק, פאַרנעפּלט מיט פאַרחלומטן אומעט.

בלומעס אויגן. ער געדענקט זיי פון יענער צײַט, וואָס האָט קײַן רו ניט געגעבן אַלע יינגלעך, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום איר. זיי האָבן מקנא געווען שלומען, איר אויסדערוויילטן. דעמאָלט פלעגט אויך ער, ברוך, אַ פאַרליבטער איר נאָכגיין אַז קיינער זאָל ניט באַמערקן.

טיפע נאַכט. ברוך שלאָפט געשמאַק. פּלוצלינג וועקט אים אַ כליפּען. עס געדויערט ביז ער דערמאָנט זיך ווו ער איז. אין דרויסן איז ליכטיק, ווײַס. אויפן עלעקטרישן סלופּ, אַנטקעגן פענצטער, ברענט דער גאַסן־לאָמפּ. אַרום אים זעט מען דאָס שיטן פונעם פאַלנדיקן שניי.

— דאָס וויינט בלומע. — ווערט ער אינגאַנצן וואַך.

אַ באָרוועסער. שטיל גייט ער אַרײַן צו איר אין צימער. בלומע, אײַנגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן העשעט. ער לאָזט זיך אַראָפּ אויפן קאַנט פון בעט, נעבן איר.

— בלומע טײַערע, שטאַרק זיך. זאָל איך דיר געבן אַ ביסל וואַסער? אפשר מאַכן אַ גלאָז טיי?

— איך האָב דיך אויפגעוועקט. אַ שאָד. עס איז גאָרניט. איך דאַרף גאָרניט. גיי שלאָפן.

— באַהערש זיך, בלומע, מיר מוזן לעבן. אַזוי האָבן געוואָלט די אַלע, וועמען מיר באַוויינען.

געדעכט. ס'וועט איבערגיין. די נאַכט איז אַזוי לאַנג. עס שלאָפט זיך ניט. דאָס האַרץ קלעמט. די קינדער צעפאָרן זיך. איך האָב זיי אַזוי ליב.

— אויך דו וועסט אַוועקפאָרן. — זאָגט ער ציטערנדיק פון קעלט.

— אין שטוב איז זייער קאַלט, וועסט זיך פאַרקילן. גיי, ברוך, גיי צוריק אין בעט.

און אַז ער רירט זיך ניט פון אָרט, נעמט זי אַ ברעג פון קאָלדרע, און טוט אַ לייג אויף זײַנע פּלייצעס. ער הייבט אויף די פיס פון דער קאַלטער פאָדלאָגע און לייגט זיי אונטער דער קאָלדרע.

— וואָלסט בעסער געגאַנגען אין דײַן בעט. איך בין שוין רויִק — זאָגט זי כליפּענדיק.

ברוך נעמט זי צערטלעך אַרום, גלעט אירע האָר. ווי אַ קינד פאַלט זי צו מיטן קאָפּ אויף זײַן אַקסל. ער פילט די נאַסקייט פון אירע טרערן. די היץ, וואָס שלאָגט פון איר, פאַרשיכּורט אים.

טוליעט ער זי צו זיך ביז ער הייבט אָן הויך צו ציטערן. בלומע טוט זיך אַ שטופּ אָפּ פון אים, האַרט צו דער וואַנט, צעטומלט פון דאָס ניט דערוואַרטע.

— בלומע, טײַערע בלומע — מורמלט ער ווי אין שלאָף. זײַנע אויסגעשטרעקטע הענט ציִען זיך צו איר. פעסט נעמט ער זי אין זײַנע אָרעמס. דריקט זי צו זיך, צערטלט, קושט אירע געטאָקטע גלידער. אַ באַרוישטע פאַלט זי קראַמפּהאַפט צו צו אים, ביז פאַרגעסן.

זי בלײַבט ליגן אַן אויסגעשעפּטע, מיט פאַרמאַכטע אויגן. קאָן ניט אײַנשלאָפן. הערט ברוכס רעגלמעסיקן אָטעם. ער שלאָפט. זי באַפרייט זיך פון זײַנע אָרעמס, טוליעט זיך צו דער קאַלטער וואַנט. אַ באַגער צו אַנטלויפן פון זיך אַליין, לאָזט איר ניט אײַנליגן.

פרי באַגלייט זי ברוך צו דער אַרבעט. ביידע מײַדן אויס צו קוקן אויף אַנאַנדער. בעת זייער צעשיידן זיך, נעמט ברוך אירע הענט צו זײַנע ליפּן, קושט זיי לאַנג. זי פאַרנעמט זיך צום הויף, וואָס פירט צום קינדער־הויז. ווען מען זעט איר ניט מער, אײַלט ער גיך צוריק.

פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט געפינט בלומע אין קעסטל אַ בריוו פון שלומען. אין שטוב טרעפט זי שוין ברוכן. עפּעס איז ער הײַנט פריִער געקומען. זי זעצט זיך נעבן אים און לייענט פאַר זיך.

„דאָס בריוול איז קורץ, ווײַל איך וויל וואָס גיכער עס אָפּשיקן, עס זאָל נאָך טרעפן ברוכן אין פוילן. דורך אים וועט מיר אַלץ קלאָר ווערן.

מײַן קליין, צאַרט בלימעלע, איך וואַרט, אַז דו מיטן טאַטן זאָלן קומען אין לאַנד. טײַערע, קומט וואָס פריִער. דו מוזט איצטער זײַן נעבן מיר. אָן דיר קאָן איך, חלילה, פאַרבלאָנדזשען... איך וויל זיך פון דיר ניט דערווײַטערן. מוזט דאָ זײַן, נעבן מיר. איך בענק. מײַן איינציקע, מײַן אומפאַרגעסלעכע, מײַן ווילד בלימעלע. קושן. אַ סך קושן. דײַן שלום.“

בלומע זיצט מיטן בריוו אין האַנט און פילט ברוכס דורכ־

דרינגלעכן בליק אויף איר. אַז צו זאָגן אַ וואָרט גיט זי אים צו לייענען.

— נו, איז וואָס זאָל איך זאָגן שלומען?

זי שווייַגט.

— בלומע, וואָס זאָל איך אים זאָגן?

— זאָג אים דאָס, וואָס דו ווייסט. שלום קאָן בייַ מיר אַלץ וויסן. איין מאָל האָב איך געהאַט פאַר אים אַ סוד, וועל איך אים געדענקען מייַן גאַנץ לעבן.

— דאַרפסט נעמען דעם טאַטן און אַוועקפאָרן. דער טאַטע מיינט אויך אַז איר דאַרפט פאָרן.

— לייען נאָך אַ מאָל דאָס בריוול. — הייבט זי אָן נאָך אַ לאַנגן שווייַגן — ער וויל זיך פון מיר ניט דערווייַטערן. „איך האָב דיך געלאָזט אַליין, האָט ער מיר אַ מאָל געזאָגט, האָסטו פאַרב־לאַנדזשעט.״ ברוך, עס קאָן ניט טויגן. זאָל ער חתונה האָבן. זיי וועלן האָבן קינדער. איך וועל אים קיין קינד ניט געבוירן. און שלום האָט אַזוי געוואָלט אַ קינד.

— איר דאַרפט פון דאַנען אַוועקפאָרן — זאָגט ברוך צע־רודערט פון דעם וואָס ער הערט. — אין לאַנד וועסטו ווערן אַנדערש. וועסט אויפלעבן.

ער קוקט אָן בלומען. אים זעט אויס אַז זי הערט ניט וואָס ער רעדט און אַז דאָס שווייַגן דויערט לאַנג, נעמט ער איר קאָפּ אין ביידע הענט, קוקט אין אירע אויגן. טרויעריק זענען זיי. צוויי ברונימער צער. און שיין זעט זי אויס. ניט געוויינטלעך שיין.

— בלומע, אין לאַנד וועסטו אַלץ דערזען אַנדערש. וועסט קומען צו זיך.

דעם קאָפּ אין זייַנע הענט, שאָקלט זי אויף „ניין״.

— בלומע, מוזסט פאָרן און וואָס גיכער. טאָרסט עס ניט אָפּ־לייגן. עס קאָן ווערן צו שפּעט. מען רעדט וועגן פאַרמאַכן די גרענעץ.

זי קוקט ווייַט פאַר זיך. ווי זי זאָל אינגאַנצן ניט דאָ זייַן.

ברוך זעט אַז זייַנע רייד דערגייען ניט צו איר. ער איז אומ־באַהאָלפן. אַ צערודערטער, פאַרוואָרפט ער זייַן האַנט אַרום איר האַלדז. זיצן זיי ביידע צוגעטוליעט, פאַרזונקען אין שווערן שווייַגן.

30

עס איז נאָך מיטיק. זעט אויס די קינדער זענען אײַנגעשלאָפֿן. בלומע פֿאַרהאַלט זיך נאָך צווישן די בעטלעך. איבערצײַגט אַז אַלע שלאָפֿן טאַקע, שלײַכט זי זיך אַרויס פֿון צימער. אין ביוראָ, טרעפֿט זי זיצן אַן אומבאַקאַנטע פֿרוי.

— מיט וועמען האָב איך דעם כּבֿוד ? — שטרעקט זי איר אויס אַ האַנט.

— אַלכּאָווסקאַ זאָפֿיאַ. איך מײַן... איך האָב ניט קיין טעות — ציטערט איר שטים — דאָ איז אַ ייִדישע קינדער־היים ?

— יאָ. זיצט. איך בעט אײַך. זיצט.

זאָפֿיאַ אַלכּאָווסקאַ זעט אויס צו זײַן אַ פֿרוי פֿון אַ יאָר פֿופֿציק, פֿון אונטער איר שוואַרצן הוט, קוקט אַרויס אַ ווײַסע פּאַסמע האָר.

— איך בעט אײַך איבער. איך ווייס... דער מאַן בײַ דער טיר האָט מיר געזאָגט, אַז די קינדער שלאָפֿן. עס איז בעסער אַזוי... איך וויל ניט שטערן. שלאָפֿט אויך געוויס האַלינקאַ ?.. איך מײַן האַלינקאַ פּישביין.

זי קומט ניט מער.

— זי קומט ניט ? — פֿרעגט די פֿרוי מיט חשד — מען האָט מיר פֿאַרזיכערט, אַז זי קומט אַהער יעדן טאָג.

— אַזוי איז עס טאַקע געווען, אָבער זיי זענען אַוועקגעפֿאָרן.

— אַוועקגעפֿאָרן ? וווּאַהין ? אויף לאַנג ? — עס טוט איר אַ הייב פֿון אָרט.

— צום באַדויערן ווייס איך ניט וואָס אײַך צו זאָגן. איך מײַן, זיי זענען אַוועקגעפֿאָרן אויף ניט צוריק צו קומען.

דער פֿרויס פּנים טוט אַ צוק, זי ווערט בלייך, קוקט אויף בלומען מיט געבעט.

— מיט וואָס קאָן איך אײַך דינען? — איז בלומע פאַרלאָרן.

— אַ ביסל וואַסער — בעט זי און לאָזט זיך אַראָפּ אויפן שטול.

די קינדער שלאָפן. אין גאַנצן הויז איז שטיל. חיים מיטן רעוואָלווער אין קעשענע, היט בײַ דער פאַרשלאָסענער טיר.

אין ביוראָ זיצט די פרוי אָלכאָווסקאַ אַנטקעגן בלומען און דערציילט.

פון צײַט צו צײַט קומט חיים אַרײַן. שטיל ניט צו שטערן דעם שמועס, וואָס ציט זיך שוין לאַנג. ער בייגט זיך אַרויס און קוקט דורכן פענצטער.

— וואָס איז דאָרטן, חיים?

— מען זעט גאָרניט. איך מוז אָבער זײַן וואַך צו וויסן וואָס עס טוט זיך אויפן הויף.

שטיל, אויף די שפּיצן פינגער, גייט ער צוריק, אַרויס.

„שוין שפּעטער האַרבסט געווען. דערציילט די פרוי אָלכאָווס־קאַ ווײַטער — פאַרטאָג פלעגט מײַן מאַן אַרויסגיין צו דער אַרבעט. עס איז שוין געווען נאָך זײַן האַרצאַטאַק. ער האָט געאַרבעט ווײַט פון אונדזער היים. ווײ, ווײ, וואָס דעמאָלט האָט זיך געטאָן אין לאַנד. איך האָב ווייניק צוגעזען. אונדזער ווילע שטייט אין אַ זײַט פון וועג. אָבער געוווּסט האָב איך, אַז אין דער גאַנצער געגנט אַרום, זענען שוין קיין יידן ניטאָ. כ׳בין געווען שטאַרק איבערגעשראָקן. מײַן מאַן האָט מיר אָנגעזאָגט פאַר קיינעם ניט צו עפענען די טיר. אין אַ דאָרף, ניט ווייט פון אונדז, האָבן די דײַטשן אויסגעשאָסן אַ גאַנצע פאַמיליע, פאַרן אויסבאַהאַלטן אַ ייִד. אַנטשולדיקט מיר. איך דערצייל צו לאַנג. אָט בין איך בײַם סוף און אָט ווידער בײַם אָנהייב.

— טראַכט ניט אַזוי. — איר טוט גוט, אַז איר דערציילט. עס איז אַזוי וויכטיק דאָס צו וויסן. מיר האָבן זיך געדאַרפט זען.

— איך האָב פאַרשפּעטיקט — שלינגט זי די טרערן. עס גערוויערט ביז זי הייבט ווידער אָן:

— אין יענעם פרימאָרגן איז מײַן מאַן ווי יעדן טאָג אַרויס צו דער אַרבעט. איך האָב אים נאָכגעקוקט דורכן פענצטער. דער וועג פֿאַזע דעם וואַלד האָט מיך געשראָקן. ווילק, אונדזער הונט, האָט אים באַגלייט. ער איז שוין געווען געווינט בײַם סוף פֿון וועג צוריק אַהיים לויפֿן, פּלוצלונג האָב איך געזען מײַן מאַן זיך אַראָפּלאָזן צו דער ערד. כ'האָב זיך געלאָזט לויפֿן צו אים. געווען זיכער אַז ער איז אָוועקגעפֿאַלן. בײַ אונדזער טויער אים באַגעגנט. פֿאַרוויקלט אין אַ קאָלדערקע, האָט ער געטראָגן דאָס קינד. „זע עס גייט אויס, דערקוויק עס". איך בין געווען צעטומלט דערשראָקן. „דער וועג איז ליידיק. קיינער האָט ניט געזען".

— האָט ער מיך באַרויִקט און אָוועקגעאײַלט צו דער אַרבעט.

זי האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, אויסגעווישט די אויגן.

...דאָס קינד איז געווען בלוי פֿון קעלט — דאָס פּנימל פֿול מיט זאַמד, וואָס דער ווינט האָט אָנגעווייעט. איין הענטעלע אינ־גאַנצן פֿאַרשטײַפֿט. דאַר ווי אַ שטעקעלע. אַ פֿאַרמאַרעט קינד פֿון אַ יאָר צוויי איז דעמאָלט האַלינעטשקע געווען. — די פֿרוי אַלכּאַווסקאַ צעוויינט זיך, קאָן זיך ניט באַהערשן — און אַלץ וואָס עס איז נאָכדעם געשען... עס איז אוממעגלעך אויסצודער־ציילן. אַנטשולדיקט מיר. איך וויל ניט וויינען... ס'איז שווער... זייער שווער.

אויך בלומע ווישט זיך די אויגן.

...ניט צו דערקלערן. איך האָב אַזוי קיין מאָל פֿאַר קיינעם ניט גערעדט. און איצטער? זע איך דאָך אײַך צום ערשטן מאָל איז עס אפֿשר דערפֿאַר וואָס האַלינעטשקע איז יעדן טאָג געווען מיט אײַך? איר ווייסט ווי זי זעט אויס. זי געהערט רעדן. געזען זיך שפּילן.

דאָס גלעקל קלינגט, וועקט די קינדער. אין זאַל ווערט טומלדיק.

— וועט איר מיך פֿאַרשטיין? איך האָב דאָס קינד ניט געוואָלט אָוועקגעבן. וואָס מײַן קליינינקע האָט איבערגעלעבט... ביזן העכסטן געריכט איז דער ענין דערגאַנגען. מיט דער פֿרוי פּישביין זיך צעגאַנגען ניט אין גוטן. אָבער איצטער... כ'האָב נאָר געוואָלט אַ קוק טאָן אויף מײַן מלאכל.

די קינדער זיצן שוין ביי די טישן. דער געררוך פון הייסע קאַקאָ צעטראָגט זיך. מען סערווירט די טישלער. בלומע לייגט פאַר דער פרוי אַלכּאָווסקאַ איבערבייסן צוזאַמען מיט די קינדער. כאָטש נעמען אַ טרונק. זי זאָגט אָפּ. זעט אויס זייער צעבראָכן.

אויף די טרעפּ הערט מען אַ געלויף פון גיכע טריט. עמעץ קלאַפּט שטאַרק אין דער טיר. אין יידיש בעט מען עפענען. בלומע אײַלט אַרויס פון ביוראָ. זעט חיימען אויפשליסן.

— אין קאַרידאָרל באַווייזט זיך אַ מאַמע. פאַלט אַרײַן ניט טויט, ניט לעבעדיק און בלײַבט שטיין צעטומלט. קאָן ניט אַרויס־ברענגען קיין וואָרט. הינטער איר קומט נאָך איינע. מען הערט אַלץ לויפן מיט די טרעפּ.

— פאַר וואָס אַזוי פרי?

— איר ווייסט גאָרניט? — אין אָטוואָצק האָט מען דורך די פענצטער אַרײַנגעשאָסן צו די קינדער פון יידישן קינדער־היים. אַ נס געשען, זיי זענען געווען אין אַנדערן זאַל. — דערציילט אַ מאַמע מיט געוויין.

— שאַ. באַרויִקט אײַך. שרעקט ניט די קינדער. בלומע הייסט פאַרמאַכן די טיר, ווו די קינדער שפּילן זיך שוין נאָכן איבערבײַסן.

— איר ווייסט עס ניט? — וואונדערן זיי זיך, — דער אַלטער שמאַיע, וואָס שטייט הינטער די פענצטער, אָט דער, וואָס קומט הערן די קינדער זינגען, שטייט שוין הײַנט שעהען פאַרן טויער. גלײַך פון בית־מדרש, ווו ער האָט געהערט די ביטערע נייעס, איז ער געקומען אַהער. דרייט זיך דאָ אונטן. „מען דאַרף היטן, זאָגט ער די זינגענדיקע שוועלבעלעך". ווייל איז צו אונדז און ווייל צו אונדזערע היטער.

אין קליינעם קאַרידאָרל ווערט ענגער. פון זאַל הערט מען דאָס געזאַנג פון די קינדער. די לערערין חנה איז מיט זיי, אַ פאַרלאָרענע זיצט אין ביוראָ די פרוי אַלכּאָווסקאַ. זי פילט אַז עפּעס וויכטיקס פאַסירט דאָ און וואַגט ניט זיך אויפצוהייבן פון אָרט.

— זײַט רויִק — בעט בלומע די מאַמעס — בײַ אונדז קאָן

גאָרניט געשען. מיר היטן גוט. איך בעט אײַך, לאָזט די קינדער זיך שפּילן. אַ רגע. איך קום גלײַך צוריק.

זי כאַפּט זיך אַרײַן אין ביוראָ. פרוי אַלכאָװסקאַ שטעלט זיך אויף, גרייט אַװעקצוגיין. קוקט פאַרלאָרן צו בלומען.

— איך בעט אײַך איבער, איך שטער. אַלץ איינס האָב איך פּאַרשפּעטיקט. מיר איז זייער שווער. האָב באַשלאָסן צו גיין זען האַלינעטשקען, ווען זי שלאָפט. ניט געוועזן זיכער צי איר וועט מיר דערלויבן — ציטערט איר קול. — דאָס קינד דאַרף זיך דאָך פון מיר אָפּגעוווינען. מיך פאַרגעסן.

— ליבע פרוי אַלכאָװסקאַ, זי וועט אײַך ניט פאַרגעסן. אויך איך וועל אײַך ניט פאַרגעסן. זי וועט זיכער קומען אײַך זען. האַלינקא האָט אײַך זייער ליב.

— אַ, דאָס ווייס איך. — האָט אַלכאָװסקאַ זיך געטריקנט די אויגן מיט אַ טיכעלע.

— קומט אַרויף צו אונדז. — בלומע דריקט איר האַנט. איך האָף אַז מיר בלײַבן אין קאָנטאַקט. האָבן נאָך אַ סך זיך צו דערציילן.

— איך דאַנק אײַך. דאַנק אײַך זייער.

אַ געבויגענע גייט זי פאַרבײַ דעם קאָרידאָרל. מײַדט אויס די מאַמעס. זאָלן זי ניט זען אַ פאַרוויינטע.

— איצטער בין איך מיט אײַך — ווענדט זיך בלומע צו די מאַמעס. — איר זעט דאָך, אַז אַלץ איז בײַ אונדז אין אָרדענונג, זײַט רויִק, שטערט ניט די קינדער. פאַר זיי איז נאָך ניט די צײַט צו גיין אַהיים. איר קאָנט דאָ בלײַבן וואַרטן. זײַט מיט אונדז. קוקט ווי שיין זיי שפּילן זיך.

בלומע איז שוין אין זאַל. די קינדער טאַנצן און זינגען פריילעכע.

פון קליינעם איבערפולטן קאָרידאָרל שטייען שוין די מאַמעס אַלץ טיפער אין זאַל. יעדע קוקט זיך איבער מיט איר קינד, צעשמייכלטע פון פריילעכן געזאַנג, פילן זיי ניט ווי זייערע ליפּן באַוועגן זיך, אַז זיי זינגען־מיט און בגניבה, קיינער זאָל ניט באַמערקן, ווישט מען אויס אַ טרער.

31

בלומע גייט פון דער אַרבעט מיט אַ גלאָז צעריבענע מערן. די קינדער האָבן געגעסן מערן האָט די קעכין איבערגעלאָזט אַ גלאָז פּאַר בלומעס טאַטן. זי ווייסט שוין אַז ער האָט עס זייער ליב.

בלומע איז דערשעפּט. גייט לאַנגזאַם, וויל פּאַרלענגערן דעם וועג. די פּאַסירונג אין אַטוואַצק, די באַגעגעניש מיט דער פרוי אַלכּאַווסקאַ, האָבן זי צערודערט. געדענקט אויך אַז ברוך וויל הײַנט רעדן מיטן טאַטן. זי ווייסט גוט אַז ווען דער טאַטע הערט רעדן פון קיבוץ דערשמעקט ער דעם ריח פון פעלד. ער איז אויך צוגעשפּיצט צו שלומס וואַרטן אויף זיי.

„בלומע — האָט ער אַנומלטן גאַנץ אומגעריכט אַ פרעג געטאָן. — וואָס טראַכסטו וועגן פאָרן צו שלומען?״

„און דו, טאַטע, וואָלסט געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישׂראל?״

„פאַר וואָס ניט? וועסט דאָרט אײַנאָרדענען דײַן לעבן. דער וואָס לעבט, לעבט. דאָס וואָס עס איז געשען איז ניט צו ענדערן״.

פאַרשנדיק האָט בלומע אָנגעקוקט דעם טאַטן. זײַנע שטענדיק פײַכטלעכע אויגן זענען פול געוואָרן מיט טרערן. ער האָט עס פון איר ניט באַהאַלטן. געוויינט.

ער ווייסט וועגן דניאלן, האָט זי דערזען. באַהאַלט עס פון איר. דאָס וויל ער בײַ איר ניט צונעמען — די האָפענונג אַז דניאל לעבט. בער איז צוגעגאַנגען צו איר. זי אַרומגענומען, צוגעטוליעט צו זיך, געגלעט אירע צוקנדיקע אַקסלען און פרײַ געוויינט אויפן קול.

ביידע האָבן באַקלאָגט דניאלס טויט.

איצטער, גייענדיק פון דער אַרבעט טראַכט זי וועגן ברוכס אָוועקפאָרן. ווידער וועט ער בעטן אַ קלאָרן ענטפער. און זי ווייסט

ניט. אַוודאי ווילט זיך איר זען שלומען. ער איינער איז איר געבליבן אַזאַ נאָענטער און אייגענער. אָבער צי מעג זי וואַגן אַזוי צו טראַכטן נאָך דעם אַלעם, וואָס צווישן זיי איז געשען? ווי קאָן זײַן זייער באַגעגעניש נאָך אַזוי פיל ביטערע יאָרן? ווי אַזוי אים דערקלערן איר ניט מיטגיין מיטן שליח, וועלכן ער האָט געשיקט, און דער עיקר: זי איז דאָך אינגאַנצן ניט די זעלבע, וועמען שלום האָט ליב און וועמען ער וואַרט.

אַזוי טראַכטנדיק, שטייט זי שוין פאַר איר טיר.

די טיר איז ניט פאַרשלאָסן דער טאַטע איז דאָ, זעט זי. אין שטוב זיצט גאָר שמאַיע.

— אַ גוטער אָוונט אויף אײַך. ווּ איז דער טאַטע?

— ער איז אַראָפּ אין געוועלבל נאָך ברויט.

— זײַנע אײַנפאַלן. האָט ער עס געדאַרפט ספּעציעל אַראָפּגיין?

זי שטעלט אַוועק דאָס גלאָז מערן־זאַפט אויפן בופעט; טוט אויס דעם מאַנטל.

— וואָס מאַכט איר ר' שמאַיע? שוין טעג אײַך ניט געזען.

— געטראַכט הײַנט אַרויפצוגיין צו דיר בעת דער אַרבעט. אָבער ניט געוואָלט שטערן. וואָס זאָגסטו צו דער גאַזלאָוואַיע אין אַטוואַצק?

בלומע צעפּירט די הענט.

— ווי איז מיט אײַער געזונט, ר' שמאַיע?

— איך ווייס? מען לעבט.

— האָט איר בריוו פון אײַער ברודער?

— יאָ. ער וויל איך זאָל קומען צו אים.

— קיין אַמעריקע? גייט איר ווערן אַן אַמעריקאַניעץ?

— ניין, מײַן טײַערע. עס האַלט ניט דערבײַ. צו שפּעט. ניטאָ קיין מוט זיך צו רירן פון אָרט. עס ציט מיך ניט. אַלע זענען דאָ אין דער ערד און איך וועל פאַרן זוכן בעסערס? כ'דאַרף מער גאָרניט. גענוג. דו ווייסט, בלומע דײַנע חברים זענען דאָ נאָר וואָס געווען. געוואַרט אויף דיר.

— וועלכע חברים?

— איך בין אַרויף האָב איך זיי געטראָפן.

— ווי הייסן זיי?

— איך האָב זיי ניט געפרעגט. אָט קומט אַרויף דער טאַטע וועט ער דיר דערציילן. דאָס האָט ער זיי איבערגעלאָזט און אַראָפּ קויפן ברויט.

— עס פּאַרדריסט מיר אויף אים. איז ער שוין לאַנג אַראָפּ?

— ווי לאַנג קאָן עס זײַן? איז דאָך נאָענט די בעקערײַ.

— האָט ער געדאַרפט זיך אַראָפּשלעפּן די טרעפּ. וואָס ער גייט זיך עס אָן דורכן טאָג. זאָל איך מאַכן אַ גלאָז טיי?

— וואָס איז די אײַלעניש? אָט קומט אַרויף דער טאַטע וועלן מיר טרינקען צוזאַמען.

בלומע הייבט זיך אויף און קוקט אַרויס דורכן פענצטער.

— אויך אַ פרײַנד מײַנער פון ארץ־ישׂראל דאַרף אַרויפקומען.

— ווער איז דאָ פון ארץ־ישׂראל?

— איר קענט אים ניט — ער איז ניט פון אונדזערע קאַנטן. בעת דער מלחמה איז ער געווען אין געטאָ, שפּעטער אין וואַלד, אין פּאַרטיזאַנקע. איז געקומען מיט אַ שליחות פון ארץ ישׂראל, וווּ ער וווינט אין אַ קיבוץ. און אַז ער רעדט אויך צו, מיר זאָלן פאָרן, לעבן אין לאַנד.

— זייער גלײַך, — זאָגט שמאַיע.

— איז ער אפשר דאָ געווען מיט זײַנעם אַ פרײַנד און מיר געזאָגט, אַז דער טאַטע איז אַראָפּ עפּעס קויפן?

— זיי קומען דאָך באַלד אַרויף וועסטו וויסן ווער זיי זענען.

— ווי זעען זיי אויס?

שמאַיע דערציילט, אַז איינער איז אַ הויכער, דער אַנדערער אַ ביסל נידעריקער. זייערע פּנימער האָט ער אינגאַנצן ניט געזען. זיי זענען געשטאַנען און ביידע האָבן געקוקט אויף דער פאָטאָ־גראַפיע, וואָס הענגט. נאָך איידער ער האָט געפרעגט, האָבן זיי אים געזאָגט אַז דער טאַטע קומט באַלד אַרויף, איז אַראָפּ קויפן ברויט. באַלד זיך דערמאָנט אַז זיי האָבן עפּעס פאַרגעסן. געזאָגט,

אַז זיי מוזן נאָך אַראָפּגיין און ווילן באַלד צוריקקומען. זיי האָבן זיך זייער געאײַלט.

— איז פאַרוואָס זאָמט זיך אַזוי דער טאַטע?

— געוויס באַגעגנט עמעצן, פאַררעדט זיך.

— כּסדר ער מאַכט מיך אומרויִק. צאַלט אָפּ מיט פּראַצענט — שמייכלט זי. און צו דערווײַזן שמאַיען אַז ניט אומזיסט איז זי אומרויִק, דערציילט זי אים וועגן אַ נאַכט וואָס זי האָט דאָ ניט לאַנג געהאַט: געווען שוין שפּעט. דער טאַטע איז געגאַנגען פון אַ זיצונג. צוויי יונגע בחורים פון זעלבסטשוץ האָבן אים באַגלייט. די גאַס איז געווען ליידיק. פּלוצלינג, ווי פון אונטער דער ערד זענען נעבן זיי געבליבן שטיין צוויי מענער מיט רעוואָלווערן. האָבן געפאָדערט דאָקומענטן. דער סוף איז געווען אַז די צוויי בחורים האָבן אויך אַרויסגענומען רעוואָלווערן. נאָך אַ גליק עס איז ניט דערגאַנגען צו אַ שיסערײַ. מיט אויפגעהויבענע הענט האָבן די צוויי בחורים זיי געבראַכט אין קאָמיסאַריאַט. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז זיי זענען פּאָליציי־אַגענטן. אַזוי האָט מען דאָרטן געזאָגט, נאָכן אויספרעגן זיי...

— עס מוז ניט זײַן דער אמת — גיט בלומע צו — אומעטום האָבן זיי אייגענע.

— העלדישע ייִנגלעך.

— אַז מען דערציילט אַזוי איז עס קורץ. אַ גאַנצע נאַכט בין איך ניט געשלאָפן. אויך איצטער בין איך אומרויִק. עס געדויערט דאָך צו לאַנג.

— עס איז נאָך ליכטיק. ניט שפּעט. איך באַוווּנדער דײַן טאַטן. ער איז ייִנגער געוואָרן. אַזוי באַוועגלעך, קיין עין־הרע.

— ער איז ייִנגער פון מיר. — טוט בלומע אַ לאַך.

ביידע זיצן צוגעשפּיצט, צי מען הערט גיין אויף די טרעפּ.

— איך שטעל צו טיי — טוט זי זיך האַסטיק אַ הייב פון אָרט. ביז דער טשײַניק וועט אויפקאָכן, וועל איך צולויפן אין בעקערײַ. כ'וועל נאָר אָפּוואַשן די הענט.

— ראַטעוועט! דער טאַטע! מײַן טאַטעלע! טאַטע! טאַטעלע

מײַנער! — טראָגן זיך פון דאָרטן אירע האַרצרײַסנדיקע געשרייען.

— גוואַלד! — שטייט שוין שמאַיע נעבן איר. — זײ האָבן אים דערהרגעט! פאַר צעטומלטקייט טוט ער אַ פּראַל־אויף די טיר — מערדער! די מערדער! — לויפט ער אַראָפּ מיט די טרעפּ און שרײַט, שטאַמלט כליפּענדיק: — איך האָב געזען די מערדער!... דאָס האָבן זײ אים דערשאָסן!...

ברוך באַוויַיזט זיך, דערזעט שמאַיען, לויפט ער אַ פּאַרציטער־טער אַרויף, פּירט אים צוריק.

שמאַיע האַלט זיך אָן אים און שטאַמלט, חזרט כּסדר איבער דאָס זעלבע:

— דערשאָסן בערן... איך האָב געזען די מערדער!... זײ געזען...

אויף דער פּאָדלאָגע, מיט פאַרגלאָצטע אויגן, ליגט בער אַ דערשאָסענער.

פּאַרטײַטש פון ווערטער:

אָסיענדיקע — האַרבסטיקע

ביעזשעניץ — פּליט

באַבע ליעטאָ — זון־פּעדעם

באַטראַקעס — פּויערים אָן ערד, אָדער מיט גאָר ווייניק

געטאָטשעט — גענאָגט

גראַטקע — געשיר־פּאָליצע

גאָלובושקע — טײַבעלע

דרודלען זיך — זיך ברוגזן

דאָניצע — אַ מעלק־כּלי

דושנע — שטיקנדיק
האַווניאַקעס — פאַרטריקנטע צואה פון בהמות
הודאָק — אַ פייַף, אַ פאַבריק־רוף
האָספּאָדי — גאָט
האָדזשי — גענוג
וואַליעט — וואַרפט
טשעשען — אַרומהאָקןביימער
ליאַק — אַ כּלי אויפצוקאָכן וואַסער אויף טיי
לאַדושקעס — מילך־קריגלעך
מאָלנאַ — גולם
מאָהילניק — קריסטלעכער בית־הקברות
מולטער — אַ בעקן
מעזשע — אַדורכגאַנג צווישן בייַטן, אַ פעלד־גרענעץ
סיעניקל — אַ שטרוי אָדער היי־מאַטראַצל
סטעגנע — באַנד, לענטע
סטעזשקע — שמאָלער דורכגאַנג אין אַ פעלד
סראַקאַ־פאַד — פאַלן אויפן הינטן
סטאָלאָווע — עס־צימער
פריסקער שנײ — אַ טרוקענער, זיך־שיטנדיקער שניי
פריזבע — אַ געמויערטע באַנק בייַ אַ הייַזל
פּאַקוליע — קלאָטשע
פּאָזשאַר — אַ שׂריפה
קאָנטשען — ענדיקן
קאָטוך — אָרט פאַר הינער אין שטוב
קרוזשעווע — שפּיצן, האַפט
קאָגוטשיק — פּראָשעק קעגן קאָפּ־ווייטיק
רעדניעס — געוועבטע דעקעס
שעדעלאָ — אָרט ווו הינער זעצן זיך אויס בייַ נאַכט
שטורקע — אַ שטופּ, אַ שטויס